STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07395

LIDER UN POEMES

Berish Weinstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעריש ווײַנשטיין

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן פון
בעריש ווײַנשטיין בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1949

P O E M S

by

BERISH WEINSTEIN

Copyright, 1949
by Berish Weinstein
New York, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.

GRENICH PRINTING CORP.
New York 1, N. Y.

(166)

„לידער און פּאָעמעס״ * 1949—1929 *
אַרויסגעגעבן פון דעם בעריש ווײַנשטיין
בוך־קאָמיטעט * געדרוקט אין צוועלף
הונדערט עקזעמפּלאַרן * אין יאָר 1949 ניו־
יאָרק, תש״ט * שער־בלאַט פון יצחק
ליכטנשטיין *

אין דעם באַנד זײַנען אַרײַן די „לידער און פּאָעמעס", װאָס זײַנען געשריבן געװאָרן אינפּאַרלויף פון די יאָרן 1929—1949.

די לידער, אויף װיפיל עס איז געװען מעגלעך, זײַנען אויסגעשטעלט לויטן סדר װי זײ זײַנען געשריבן געװאָרן. מיט דער אויסנאַם פון „ברוכװאַרג", זײַנען די אַנדערע לידער נאָך אין קײן בוכפאָרם נישט געװען געדרוקט.

*

איך דריק-אויס מײַן טיפן דאַנק צום בוך-קאָמיטעט און צו אַלע מײַנע פרײַנט, װאָס האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז די אויס-גאַבע זאָל דערשײַנען.

ב. װ.

בּרוכוואַרג

בּעטהאָווען

גלות און וואָגל

בּיים בּאָרטן פון ים

מאַידאַנעק

פאַרנאַכט

1949—1929

מיין פרוי **מלכהן**, געווידמעט

ברוכוואַרג

1936—29

בעטהאָווען־ביוסט

דעם ברודער מײנעם

אומעטום פּאַסט דער ביוסט דײנער, אויף איטלעכן שטאַטישן סקווער,
ס׳פּנים דײנס, איז הײמלעך װי שטעט און טרויעריק װי שטעט,
כאָטש דו ביסט שוין מער נישט פון פלײש, נאָר פון גיפּס און בראָנדז.
אָן בײן אַזוי, אָן בלוט אַזוי, ביסטו שטאַרקער װי אײזן, װי קופּער;
װאונדערלעכער פון איטלעכן װאונדער און האַפּטיקער נאָך װי פלײש.
פלײש קען גרינגער שטאַרבן װי אַלץ, אַפילו װי גיפּס, װי בראָנדז.

אַז מ׳קוקט לאַנג אויף דיר, רירסטו זיך װי לעבעדיק פון אָרט.
אַ סך מאָל נעמסטו זיך באַװעגן װי אַלע מענטשן,
און פון ביסל גיפּס, פון ביסל בראָנדז הױבן זיך אויף די װיעס.
די האָר אין װינט װילד, אין אַסיען ערגעץ אין װין,
און גײסט אַ געבויגענער אויף גאַסן, דורך שװערן רעגן, מיט אָפענע פּאָלעס,
נאַס, אַלטמאָדיש און טויב, מיט אַ פאַרקלערטן פּאַרטפעל און אָן אַ פרוי,
הונגעריק און אָפּגעלאָזן, אָנגעטאָן אין די קלײדער נאָך פון באָן.

אַז ס׳גײט אויף די זון און רירט זיך צו צו דײן ביוסט,
איז עס נישט סתם אַ זון, װאָס שלאָגט אָפּ אויף אַ צופעליק געזיכט;
קעגן איר מונטערסטו אויף, פריש און פרילינגדיק, װערסט פּאַסטוראַל.

שטייסט קיל אויף אַ פעלד וואו, לעם אַ בוים, הינטער אַ גערמאַניש דאָרף
מיט אַ פאַרביסענער פעדער אין מויל, איבער דיר אַ העלער הימל,
וואַלד־פייגל, סלאַווישע פרייד פון אַ ווייטער דאָרפישער חתונה,
מיט שיכרות פון טענץ און צעלאָזטער ווילדקייט פון פויעריש לייב.
דערנאָך ווערסטו וואַלקנדיק מיט דונער, מיט ווינטן און רעגן.

פונעם גיפּס און בראַנדז רייסט זיך אָפּ לעאָנאָראַ מענעריש געקליידט.
זי גייט קלוג צווישן קוסטעס, גנבענען איר געליבטן פון אַ שפּאַנישער תפיסה.
אירע טריט זיינען פאָרזיכטיק שטום, מיט שווערער אימה שלאָגט דאָס האַרץ;
געהאַלדזטע קערן זיי זיך אום פון אַ קרימינאַל פענצטער אין שרעק.

אויפסניי צעפאַלט פונעם גיפּס די בענקשאַפט פון אדאדזשיאָ אין דער ניינטער...
באַוועגסט ווייך די טשעלאָס און צעפירסט די ערד מיט טרויער,
גיסט פאַרביק־אויס דעם געגנאַד דיינעם צו אַלע מענטשן,
און רופסט ברידערלעך די תפילות צו דער טאָכטער פון עליזעאום.

אינעם באָרטן

אויף שטיינערנע דילן ליגן שווערע שטריק מיט שטאָלענע אַנקערס;
קאַסטנס, באַלן און הויכע שטויסן געפּאַקטע זעק.
ס׳ליגן אָנגעוואָרפענע קופערטן מיט רייכע מעשענע שלעסער;
נאַפט־פעסער און געדייפּטע הילצערנע פעסער מיט אייזן באַטאַן,
און פון די ווענט שלאָגט קילער ריח פון אויסלענדישע סחורות.

עס ציען ברייטע לאַסט־שיפן פון שערבורג און פון האַווער
מיט טונקעלע, פראַנצויזישע געזיכטער פון יונגע מאַטראָזן,
וואָס זיינען פלינק און גרינג צו קלעטערן אויף הויכע שטריק.
פון שטענדיקן פאָרן קענען זיי זיך אויף וואָלקנס, שטורעמס און רעגנס
און קענען רופן סיגנאַלן ביינאַכט אין ווינטן אויפן ים.

פּאָליאַקן, נעגערס, איטאַליענער און שטאַרקע יידן לאָדענען סחורות.
זייערע אַקסלען טראָגן שאַרפע האַקנס, די לענדן — בינטלעך עסנס.
די קליידער זייערע: לעדערנע פאַרטוכער, האַרטע שטרוקסענע העמדער.
שטאַרק זיינען די מיט געשפּאַנטע בייכער, פעסטע הענט מיט דיקע פינגער.
די הויטן זייערע זיינען צעריסן פון שטריק, פון צענאַגלטע קאַסטנס,
און זיינען געל און גראָב — אָפּגעשיילט ווי די קלאָענס פון פערד.

פרעמד־לענדישע שיפן אַנקערןביים באָרטן, שפּאַרן די וואַסערן אין ווינט.
ס׳שטייגן אויס עמיגראַנטישע געזיכטער — יידן מיט דערשראָקענע קינדער.
זייערע קליידער זיינען באַהאַנגען מיט אַנגעטשעפּעטע נעמען צו אַ קרוב, צו
אַ גאַס,
און די פּנימער שטומען הינטער שטאַכעטן, הינטער שווערע קעלט פון גראַטעס,
גראַטעס פון דיסציפּלינירטן פּחד פאַר מונדירן און שטרענגען קאַלענדאַר־גורל.

אויף שטיינערנע דילן ליגן שווערע שטריק מיט שטאָלענע אַנקערס;
היימישע קוישן מיט אַנגעוואָרפענע זיגלען פון גרענעצן און לענדער.
אינעם באָרטן גלאַנצט דער ברוקיר פון טריט און פּראַכט־וועגעלעך.
פונעם האָפן נעפּלט טונקל דער וואָקזאַל, שויבן ווערן אָוונטיק און שווער.
און פון די ווענט שלאָגט קילער ריח פון אויסלענדישע סחורות.

מאַטראָזן

מאַטראָזן האָבן אַ האַרץ וואָס בענקט נאָך באַנען, מענטשן און שטעט.
זייערע אויגן האָבן אין זיך די ווילדקייט פון ים, די ווייטקייט פון לענדער.
פון בענקשאַפט הענגען איבער זייערע בעטן בילדער פון האָפן־שטעט;
פאָטאָגראַפיעס פון מיידלעך וואָס זיינען קליגער פון אַן עלטערע שוועסטער,
און די מאַטראָזן איז גרינג צו טראַכטן אויפן גלעגער, ווען ס׳לייב ווערט האַרט
פון געבלומטע זאָקנבענדלעך אויף יונגע, אומרואיקע שלאַנקע קני
און פון פעסטע קאָרסעטן וואָס מאַכן צייטיק און בריסטיק אַ מיידלס לייב.

ערגעץ אויפן ים זילבערן זייערע פּנימער דער לבנה אַנטקעגן אין אַ יום־טוב
נאַכט.
אין ווייסע מאַרינאַרקעס, אויסגעזעצט אויפן דיל מיט די פיס פאַרלייגט ווי
כינעזער,
און מיט צעפלאַמטע ליפּן, איינער דעם אַנדערן האַרט אַרומגענומען ווי אַ פּרזי,

רייסן זיך פון זיי ניגונים דורך הייזעריקער לופט, דאָס געדעכעניש פון אַ מאַמע,
וואָס גייט אַרום געבויגן מיט שווערע קוישן צוויי אויףביידע אָרעמס
הויזירן איבער פרעמדע האפן־שטעט, די אויגן אויפגעהויבן צום הימל
און זוכט ס׳פּנים פון אַ זון, פון אַ טאָכטער אין טליענדיקן רויך פון שיפן.

מאַמעס פון מאַטראָזן זיינען נידריקע, שוואַכע וואָס צערטלען די ערד מיט
זייערע טריט
און האָבן אַ טבע צו געבן דער וועלט שטאַרקע זין, געזונטע טעכטער.
זייערע מאַנסבילן זיינען הויך און ברייט מיט האַריקע הענט;
שווערע, רויטע נעז — בייזע ברעמען און האַרטע, ווילדע בערד.

מאַטראָזן האָבן אַ האַרץ וואָס בענקט נאָך מענטשן, באַנען און שטעט.
אין די שטעט שפּאַצירן זיי אויסגעפוצט אין רונדע, ווייסע קעלנער;
אין בלאָע מונדירן, ברייטע לאַנגע הויזן אויף קליינע פיס.
מיט דער ווילדקייט פון ים גלוסטן זיי צו מיידלעך מיט שעמעוודיקע אויגן,
וואָס זיצן טיף אין שויס, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און ציטערן מיט די קני.

הענט וואָס אַנקערן שיפן, ליגן שווער אויף אומרואיקע מיידלשע היפטן;
אויף הייסע אַקסלען און ענגע דעקאָלדן פון וואַרעמען, דורכזיכטיקן זייד.
ווילדע קושן נאָגן זייערע בריסטיקע וואַרצלען, די פינגער פון די הענט,
און קילן זיך אינעם בלענד פון זייערע קני — אין אָוונט־שאָרך פון יולי־בלעטער,
און עס שטילט די רייפקייט פון שיינע טעכטער אין אַ האַפן־שטאָט.

מיין גאַס — שיפסהעד בעי —

רעגן. טונקעלע נאַכט.
ווינטן שווענקען אָפּ דעם רעש פון שווערער נעץ.
רינשטאָקן רוישן מיט שנעלן אָפּפלוס איבער נאַבעלן אַספאַלט.

אויף נאַסן טראָטואַר גלאַנצט אָפּגעשלאָגן ליכט פון אויסלאַגן.
אויטאָס טראָגן זיך געשווינד, גליטשיק און גרינג.
נאָך די רעדער יאָגט אויפגעבלאָזענער שוים.

רעגן. שאָטנס פון אָפּגעשטאָנענע ביימער אויף אָוונטיקע שויבן.
ראָסטיקע פעלדער מיט אָנגעוואָרפענעם ברוכוואַרג,
און באַן־שינעס מיט שטאָלענער ווייטקייט.
אויף אויסגעווייקטע שטרעקעס בלאָטיקן פוסגייער,
פישערס מיט פאַרוואָרפענע וועגעטקעס אויף אַקסלען,
אין האַרטע רעק, מיט פאַרלאָפּענעם רעגן אויף נאָענטן געזיכט.
פון די געסלעך יאָגט שטילע פאַרע און רירט פראָסט פון די שטיינער.
שטיקער אייז ברעכן זיך נאָכגעביק אונטער די טריט.

פון פישער־האַפן שמעקט נאַסער קוילן־גריז, סמאָלע און צוגעפוילטע קלעצער.
אַ פאַרלוירענער ים־פויגל באַוועגט די שפּעטע טונקל פונעם ברעג.
אין די פישער־בודקעס טליען טריבע לעמפּלעך, כסלודיקע נעכט,
בלעכענע באַליעס מיט אָנגעקלעפּטן בלוט.
טשערפּקע־הענט קלאַפּן שווער מיט נאַסע שערן און לאַנגע, ברייטע מעסערס.
שנעקעס מונטערן זיך אויף אייז, קלעטערן גרינג איבערן ראַנד פון קויש,
ס׳שווימען פיש, רואיק און סאָרטירט; פּיאַווקעס — שלאַנק און שוימיק.

רויע פישערקעס, דורכגענומען פון זאַלץ און ווינט. קעלט און קאַווע,
מיט לאַכעדיקע פּנימער, און געשפּאַנטע בריסט פון וואַרעמע דעקאַלטן,
שייערן די פיש־קלעצער מיט קאַלטן וואַסער און פאַרלעשן די בודקעס.
שיפן ציען אָפּ אין דער פינצטער פון אָוונט־באָרטן און צעוואָרפן די וואַסערן.
די כוואַליעס נעמען אָפּ ס׳ליכט פון מיטגענומענע לאַמטערנס,
און צעשוימען דעם ברעג, שטויסן די שיפן פון די אַנקערס.

באַן-גנבים

ווייטקייט פון באַן־שינעס שלאָגט אָפּ מיט קאַלטן ליכט פון סיגנאַלן.
צעהייצטע לאָקאָמאָטיוון רוישן מיט שטענדיקע רויכן און גראָבע פונקען.
פון די ווילדע, רויטע רויכן זעצן זיך טריבע אָוונטן אויף שכנישע שויבן.
און אויף די שויבן שאָטענען־אָפּ געבויגענע שטרעקעס פון טיפע וועלדער
מיט אָפענע לאַסט־ציגער, ברעטער, קוילן און ערדעפּל פון ווייטע שטעט.

מאַמעס, טאַטעס, לאָקערן אויף טונקעלע וואַגאָנען נאָך האָלץ, נאָך קוילן.
פון האַרטע פּעק האָבן זיי אַראָפּגעזעצטע רוקנס; פון גנבענען — ציטערדיקע
הענט.
און שווערער נאָך איז די שרעק, ווען זיי טראָגן זעק שוואַנגערדיקערהייט,
צו זייערע טריבע שויבן מיט רויטן, ווילדן רויך פון פאַרבייאיקע ציגער.

אין די שטיבער זיינען די בעטן, די בילדער צעפּאַרעט פון געקאַכטע עסנס.
אין ענגע שטיבער איז די גלוסטונג שטאַרקער, הייסער.
מען קען גרינגער זען אַן אויסגעטאָן לייב פון אַ גרויסער שוועסטער. —
שוועסטערס, וואָס טראָגן אָרום פאַרטאָג בלויע אָקסל ציין פון באַנערס;
און קענען קינדלען אָן ווייטיק אויף אַ צופעליקער גאַס.

באַן־יינגלעך, פון קוילן און שלאַכט־הייזער, פון טאַרטיגעס און פראַכט־וואַגאָנען,
אַנגעטאָן אין קליידער פון שטאַרקן צייג, ווייסן בלויז פון שטעקנס און שטריק.
גלאָז, בלעך און שטאַבעס קענען נישט צעקאַליעטשען זייערע הענט;
זייערע באָרוועסע פיס זיינען אויסגעטראָטן האַרט און קענען מער נישט בלוטיקן.

אומעטום וואו זיי וואוינען, שטייט מאַריע ביים וועג, מיט אַ קינד אויפן אָרעם,
איינגעמויערט אין אַ גלעזערנעם געזימס, און ליכטיקט ביים נר־תמיד.
צו גנבים אָזעלכע איז די „מאַמע מאַריע“ פול מיט דערבאַרימקייט,
פאַר איר דאַרפן זיי נישט ווייבען ווען זיי זיינען זיך מתודה.
גנבים אַז זיי בעטן שוין איז זייער תפילה אַן אמתע.
אויף זייערע זינד קלאָגן אָפּגעטער אויף שטרעקעס, ווינטיקע פעלדער.

גראָטעסק

עס נענטערן ווייטע לענדער. שיפן מיט טונקעלע פענער פלאַטערן פרעמד
און ציען מיט פאַרזיכטיקע פלעמלעך דורך קילער וואַסערדיקער שרעק.
אויפן ברעג שאָטנט אַפּ ליכט פון זומערדיקע לאַמטערנעס, פאַרב פון שפּאַציר,
לייכטע דאַמען־טריט מיט לייוונטענע שיך, ווייסע שטרויענע היטן.

אויפן וואַרעמען זאַמד — שפּורן פון אויסגעבאַדענע פרויען,
און פאַרליבטע יונגען אין שפּעטן גלוסט.
ים — ווייבלעכע אַנטבלויזונג פאַרלויפט זאַלציק און רויט;
רויע לופט מאַכט קאַליע דעם טרוקענעם ריח פון פּערפום,
און ס׳שמעקט מיט פרישקייט, מיט לוסט נאָך ראַנדעוואוס.

אַז אויף די וואַסערן שרייט די פינצטער פון אַן אָפּגייענדיקער שיף,
העלן אויף פייערן איבער זאַמד, ווי אינדיאַנער נעכט;
און ווי ביי אינדיאַנער — קאַלירן געזיכטער פון שפּעט־באַדנדיקע.
נאַסע פרויען־היפטן רינען זאַלציק אין האַרטע מענערישע אָרעמס,
און דורך נאַסע קאָסטומען רייסט זיך דורכזיכטיק איטלעכס גליד.

עלעקטרישע שילדן, שלאָגן אומגעדולדיק אָפּ אויף נאַענטע כוואַליעס;
דיקער שוים צעשווינדלט די אָנגעצונדענע שריפט.
ווילדע פּאַנאָראַמעס רוישן מיט געפּעכט, ווי ווינט־מילן
און אינעם ווינט — מיידלשע קולות, צעבלאָזענע צעפּ, שיכורע האָר.

בלענדעניש, וואונדער פון פאַרשאָלטענע שבטים, דאַמען אויף דראָטן.
הייסער דזשעז טרייסלט גלוסטיק די ווילדע בריסט פון נעגערטעס.
אַ פאַרלייגטער סולטאַן אין אַ מיידל־רינג, געקליידט אין פייגן־בלעטער;
פון זיין האַרעם שמעקט קטורת און בשמים.

סוף חודשדיקע לבנה רירט לאַנגזאַם די אָוונטיקע ווייטקייט פון ים,
און שאַטנט אויף אַ שפּעטער פּרוי וואָס וואַשט נאָך אירע האָר,
און אויף אַ וואָר־זאַגערן, וואָס לייגט קאָרטן אויף אַ שויס פון אַ מאַטראַז.
עס הילכט מיט אויסלענדישן קלאַנג פון רייד און געלעכטער.

ע ר ד

טיפע שטרויענע דעכער טאָגן אויף אין גאָלד דער זון אַנטקעגן.
ס׳שמעקט פון שטאַלן, פון רויען ווינט און צעאַקערטער ערד.
פּויערים אין שוויס, הילכן די בייטשן איבערן שפּאַן פון אַקער.

אַז די זון איז הויך, ליגט די ערד מיד, אויפגעלייגט, און פעט
פּויערטעס מיט בוזימס ליגן באָרוועסע אויף צעקרישלט פעלד
און קילן זייערע בריסט אין דער צעאַקערטער ערד.
פון זייערע האָר פּייכט אָפּ טוי פון פאַרטאָגיקער ראָסע,
און אויף די שויסן פאַלדן זיך די קליידער, וואַרעם און דורכזיכטיק.

פערד. בלאָטיק שיילן זיך די קלאָענס, פעלן שוידערן פון מיסטיקע פליגן;
און ווילד שאַרכט דאָס היי צווישן זייערע ציין;
פון די צונגען רינען אָפּ די צוימען מיט זאַטן שוים.

זון ציט־אָפּ דעם נעפּל פון די פעלדער, די ערד ווערט מילד, נאָכגעביק.
געבויגענע שיקסעס, מיט זאָמען אין די פינגער, רייצן די שפּע,
און די ערד גייט אויף חודשלעך אין שווערע וויגנדיקע זאַנגען.
ס׳ווערט רייף דער דראַנג נאָך שניט, אונטער שקיעה,
און גערן פאַלן די קערנער אונטערן דרעש.

רעגן. די ערד פרישט אויף דעם אינגעווייד און קוויקט די בליטן,
קנאָספּן עפענען זיך ווייך, פויערטעס אויפן רעגן פליקן ווילד־גראָז,
און פון דורכגעווייקטע בלוזעס פאַרען זייערע רוקנס מיט יונגן ריח.
קרייטעכער לויפן־אויף, פון איטלעכן בליטל פאַלט רעגנדיקער גנאָד.
דאָרפישע פענצטער צונטערן אויף, בלאַנקען ווי פאַרנאַכטיקע פעלדזן.
גרינג יאָגן פערד אויף פאַרנאַכטיקע לאָנקעס. צוזעענדיק — טונקלט די ערד.
הינטער וואַלד — טעמפּיקע קלויסטער־גלאָקן, מאַלצייט הינטער ליכטיקע
שייבלעך.

האַפּנס

פאַנצערס פון שיפן צעשלאָגן די כוואַליעס אין שוים און צערודערן די באָרטנס.
שטריק מיט געאַנקערטע שיפן רירן די ברעגן.
האַפּנס רוישן מיט אָפּגעריסענע קלעצער פון הילצערנע ווענט;
אויף די קלעצער דער שוימיקער מאַך גרינט ווילד און קיל.

צעהייצטע קעסלען בריען אויס היציק אויף הוילע לייבער,
און ווי אָפּגעברענטער קופּער גלאַנצן די הויטן; שלאָגן אויס מיט בראַנד.
די וואָס פאַרוואָרפן שטריק אין שטורעמס און פאָכען הזיך מיט סיגנאַלן,
טראָגן נעפּל אין די אויגן, ווינטן אין די געזיכטער און שמעקן פון זאַלץ.

פון די האַפּנס רויכערן פאַרנאַכטן, פאָנען פלאַטערן מיט פרעמדע ערגעצן.
אויף די ברעגן לעשט זיך די שקיעה, שוועלן דרימלען אין אָפּפאַל פון סחורות.
שטאַפּלען צעצינדן זיך מיט גרין־רויטן ליכט איבער אָוונטיקע וואַסערן,
און ס׳שרייען קוימענס פון שלעפּ־שיפלעך מיט שאַרפע פאַרע דורך נעפּל.

טיפער אָוונט. פינגער פון פאַרחלומטע מאַטראָזן ציטערן הייס אויף מאַנדאָ־
לינען.

שעפּאַן־קליידער הויבן זיך לינד אין ווינט און בלענדן אויף מיט מיידלישע קני.
אין זייערע הענט וויגן זיך וואַרעמע מאַטראָזן מיט גלוטיקע ליפּן־שוים,
און לבנהדיק־בלאַס פליסט דאָס וואַסער, ווי זילבער־זייד אין דינע פאַלדן.
געפלאָכטענע טענץ טרייסלען זיך מיט צעלאָזטן ריטם פון סאַנדאַלן.

אַ ריח פון פריש־געקאָכטע קאַווע עפנט פאַרטאָגיק די טויערן פון באַרטנס,
ווייטקייט — שיפן און רויך נענטערן מיט סוחרים און לענדער.
וואַסערן הויבן זיך ווילד און שפּאַרן די ברעגן.
פון צעריסענע, וואַגיקע הענט פאַלן העק און שטריק אויף פּראַכט —
און ברוסטן פאַרלויפן מיט האַריקן שוויס, אויף פּנימער ברוינט די זון.

איבערן קילן וואַקזאַל — פּערפומירטער ווינט פון דאַמען און הערן.
נעגערס בלייאַשקען מיט מעשענע קנעפּ, און ס׳רוישן די דילן פון שאַפערן.
אין יעדן האַפן שטייען שיפן אויף אומרואיקע אַנקערס און רויכערן פאַר־נאַכטיק.
אין די נעכט זינגען מאַטראָזן אויף ראַנדעוואוס.

באַנען

מלכהן און ריוועז

באַנען אויף ווייטע בריקן איבער אָוונטדיקע שטרעקעס,
צינדן זיך ווי פענצטער בייַנאַכט אין גרויסע שטעט.
באַנען ציען שטענדיק לעם גאַז־פּעסער, שטויסן אָפּגענוצטע קלעצער.
ווירפּל־שטיינער ליגן פאַרזיכטיק צעשאָטן אונטער שינעס
און האַלטן טרוקן די ערד פון אויל־רעדער.

גוים וואָס קענען בויגן ס'געזיכט נאָענט צו פייער
און קענען ווייזן אָפענע אויגן אין ווינטן — הייצן לאָקאָמאָטיוון.
זייערע פּנימער זיינען האַרט און ברוין פון רויך און פלאַם;
אָפּגעטראָגן פון רעגנס און הוילע קעלטן.
פאַר זייערע אויגן דרייען זיך פעלדער, סיגנאַלן און טעלעגראַף־שטאַנגען.

ס'איז אומהיימלעך פאַרנאַכט אין דערפער וואו ס'פאָרן דורך באַנען.
רייזנדערס קוקן גרויסשטאָטיש פון באַן־פענצטער.
פון שפייז־וואַגאָנען בליאַשקעט רויש פון געשיר —
און וואַרעמע העפלעכקייט פון קעלנערס צווישן עלעגאַנטע עלנבויגנס,
וועקן בענקשאַפט ביי באַרוועסע פויערטעס וואָס שטייען יונג אויף פעלדער.
די קליידער זייערע פאַרבן זיך שקיעהדיק, שפּיצן באַרירן הייס זייערע קני.
אין אָוונט פון באַשינעס וואַקסן אויס פאַר זיי שטעט;
וויינשענקען און האַריקע ליפּן פון זעלנער.

אַז די שנעלציגער לייגן פאַרנאַכטיקן רויך אויף שטילן שטרוי פון שפּעטע דעכער,
שטייען צעשטעלטע קינדער פריש אויף לאַנקעס מיט לאַכעדיקע פּנימלעך
און פאָכען מיט די הענטלעך צו באַנען ביזן לעצטן רויש אין דער ווייט.

ווינטער זיצן זיי אויף וואַרעמע פענצטער אין הוילע העמדלעך
און שרייבן מיט די פינגער אויף פראָסטיקע שויבן.
פאַר זייערע אויגן ברעכן זיך שאַרף יונגע היימישעביימער אין קעלט,
און באַנען מיט שנייאיקע דעכער טראָגן זיך צו ווייטע שטעט.

פּ י ש ע ר ס

הויכע, שטייפע לייוונטן אָנגעצויגן איף פּישער־שיפן,
קירעווען זיך גרינג, נאָכן בלאָז פון ווינט איף וואַסער.
איף ווילדן וואַסער, גיסן איבער די כוואַליעס
און שלאָגן די פּישערס מיט שוים און מיט האַגל.
דורך זייערע קליידער ציען פוילע ים־ווינטן;
די הענט, די פינגער רינען אָפּ פון געזאַלצענע פיש.
זייערע טריט זיינען שווער מיט צוגערירטן פראָסט;
קעלטן נעצן זייערע אויגן, זייערע וויעס פרירן דין.

פּישערס ציען איף פאַרוואַלקנטע וואַסערן,
אונטער נידריקן הימל דורך שווערער נעפּלדיקער וויט.
אָנגעגורטן מיט שטריק, אַנקערס און פאַרלאָפענע לעמפּלעך;
ראַיען דעם אָפּגרונט, שטויסן די פיש צו די ברעגן.
אין פאַסטקעס רוישן צאַפּלדיקע פיש,
בעגל־פינגער שטעלן דאָס לעבן אָפּ פון זייערע אויגן.

אינעם באָרטן שטייען די שיפלעך צוגעטשעפּעט צו הוילע, הילצערנע פּעסער
און הויבן דעם וואַסער־פלאַך.
לעדערנע קליידער און ראַסטיקע בלעכן טרוקענען פאַרנע אין דער זון
און טאָפּיען אָפּ מיט זאַלץ־טראָפּנס.
אויפן ווינטערדיקן פיש־פלאַץ שרייט דאָס אייז פון די באַליעס.
ראַקעס און מושלעס שמעקן מיט צוקנדיקן פראָסט,
און שויבן בלאַנקען העל קעגן אַ גרינגער לְבנה.

אין די פנימער פון פּישערס, אין די פנימער פון פּישערקעס,
היצט בלוט און פלאַמט אין פראָסט פון צעיאָרזשעטע פייערטעפּ.
ס׳קריפּען געקאָוועטע פורן מיט אייז־קאַסטנס און וואַסער־פּעסער.
איף די אַקסן פראַכן די רעדער שטאָליק אין האַרטן שניי.
זאָווערוכעס וויגן די שילדן, ברעכן די טריט פון פערד.

שטרעקעס

שיקסעס אויף פעלדער שטייען געבויגן אין דער זון,
מיט ברוינע בריסט אין גראָבע לייוונטענע העמדער.
קאָסעס שלאָגן מיט היץ אויף באָרוועסע פיס;
אויף די שאַרפן בלאַנקט די זון אַ געשפּאָלטענע.

גראָזן שלאַנקען נאָך איטלעכן רעגן;
ציטערן פּאָכיק אין ווינט, ווי גרינער פּליוש;
די וואָס וויגן זיך מיט רייפקייט, לייגן זיך זאַט אונטערן שניט.

די ערד איז אָנגעדראָלן מיט קערנדיקע זאַנגען,
די ערד איז בראַנדיק פון צופיל זון.
פויערטעס מיט אָפּגעבערענטע דעקאָלטן, בינדן געשפּאַנטע בונטן.
ס'זינקט דער מערב אין שקיעה, האָריזאָנטן פאַרלויפן מיט בראַנד.
אויף לאָנקעס נעמען טונקעלן יונגע פערד
און טראָגן זיך מיט יונגען לוסט פון רייטנדיקע שיקסעס,
און ווערן אָונטיק אַנטרונען אין אָוונטיקע שטאַלן.

הימלען צערינען אויסגעשטערנט איבער וואַלד,
און שלאָגן־אויס קלויסטער־קלאַנגען דורך ציפּערבלעטער,
עכאָס פון ערגעצדיקע הינט צעבילן ס'דאָרף.
לייבער נענטערן זיך און פאַרלעשן די פענצטער.

אַז ס'טאָגן די פעלדער, הויבן זיך נעפּלען פון די וועגן;
דעכער ווערן שווער מיט ראָסע, און ס'פּייכטן די ביימער.
טוי־טראָפּנס זאַפּטיקן די אויבסטן, זילבערן דעם אויפגאַנג,
און דערפרישן אַ זאַטן וואָרעם פון אַ גרינעם בלאַט.
געשניטענער היי־ריח טראָגט זיך טרוקן איבער פעלדער,
באַן־שטרעקעס פאַרשווינדן מיט ווייטע שנעלציגער,
מיט רויך, ווינט — נאָך די רעדער ווירבלען בלעטער.

שיפּסהעד-בעי

אַזאַ טבע ביי דיר שיפּסהעד־בעי — שטענדיק אין נאָוועמבער, אין דעצעמבער.
ביינאַכט עפּנסטו דיך כּסלודיק, זאַלציק און פויל, מיט שווערע לופט.
ווילד שפּאַרסטו די שכנותדיקע שויבן מיט פאַרלאָפּענער נעץ וואָס רינט,
און אַז דו נעפּלסט, ווערסטו שענער פון אַלע גרויסע שטעט;
כאָטש ביסט ניט פון קיין גאָרנדיקע הייזער, העגגלדיקע־בריקן,
נאָר פון קאַלטע מאָכיקע קלעצער, פון לויזע הילצערנע ברעגן,
וואָס ברעכן זיך איבער פון פישער־בודקעס און אָפּגעשטאָנענע פישער־שיפן.

צו דיינע פאַרנעפּלטע נאַכטהייזער נענטערן נאַבעלע געסט פון אומעטום־שטאָט.
פרויען מיט געזונטע געזיכטער און מיט הויכע פיס שטייען פאַרן שענקער
און קלאַפּן מענעריש מיט פויסטן אַן טיש נאָך הארבן בראָנפן, בודווייזער ביר.
די אויגן זייערע גלאַנצן קליין און ס׳קנייטשן זיך די קליידער פון לייכטן שיכרות.

אין לייטישן „לאַנדי סאַלון״ — וואו נעגער־קעלנער שטייען עלעגאַנט און געהאָרכזאַם
מיט סערוועטן פאַר איטלעכן גאַסט — און גיסן קילן שאַמפּיין, ראָזעווע „קאָקטייל״,
שלאָגט הייסלעכער ליכט דורך פאַרצויגענע ראַלעטן, פאַרהאַנגען רירן זיך פון רויש;
פלוישן מיט פאַרביקן דורכזיכט, מיט נייגיר און פרעכן געלעכטער.

ביינאַכט, ווען דיינע ברעגן רייסן זיך נאָכן מינדסטן טרייסל פון אַ געאַנקערט שיפל,
וואָס וואַרפט פון זיך שוים, פיש גליטשן זיך ווילד פון פישער־הענט,
וואַרטן סוחרים אין לעדערנע קורטקעס, מיט פעסער, קאַסטנס און קוישן.
די קליידער, זייערע אַקסלען גלאַנצן ווי ביי די ייגגען פון דער וואַליע —
און זייערע הענט טריקענען אויף פון בלוט, זיינען קלעפּעכדיק פון שלאַם
און פראָסטיקן־אויף שווער און געשוואָלן — ווי די פיש וואָס שטייען־אָפּ אין קעלט.

אַ שאָד וואָס צעבלוטיקטע שערן, מעסערס און קלעצער באַרוישן דיינע ברעגן,
און הינט רויען אין די פישער־בוודקעס, קוקן גיריק אין די הענט נאָך דרויבעס,
אַ שאָד — אַז נישט וואָלסטו נאָך שענער געווען פון די האָפּנס ביים האָדסאָן!
וואָרים אַז דו ווערסט כסלודיק, ס'איז ברעכט זיך האַרט פון נאַסער קעלט,
זיכטיקט שטיל דורך אויסגעבלעטערטע צווייגן אַ שוואַנענדיקע לבנה;
אויגן אין נעפּל לייכטן ווי גלאָז, געבראָטענע פליישן שמעקן שאַרף און ווייט —
און מאַנסבילן זוכן אַ שלאָפצימער אין די אָרעמס פון אַ באַזאָפענער פרוי.

האַפּן־מיידלעך

קלוג איז דיין שלאַנקער פוס אַנגעצויגן מיט אַ הייסן זאָק.
דיין שמאָלער גוף פעסט אין שטייפן אַטלאַס איינגעצויגן.
ווי עכט, זעען־אויס דיינע געמאַכטע ראָזעווע באַקן;
די ליפּן דיינע מיט פּאָמאָדע מסוגלדיק צוגעשמירט —
און שמעקסט מיטן ריח וואָס אַ מאַן האָט ליב.

פאַראַן אין דיר אַזוי פיל גלוסטונג;
אַזויפיל בענקשאַפט נאָך ראַנדעוואוס.
בענקסט נאָך די שטאַרקע הענט פון אַ מאַטראָז,
נאָך זיינע הייסע מעשהס פון ווייטע לענדער
אין וואַרעמע יולי־נעכט, לעם אַ ניו־יאָרקער האַפּן.

דו —
וואָס ווייסט פון שיכרות און לוסטיקע נעכט;
פון ווינקעלערס און מענערישע שויסן,
קענסט קיינמאָל נישט האָבן אַ האַרץ צו זיין אַ מאַמע.

נאָנעס

א.

פֿאַראַן אַזאַ טרויער, גאָטס טרויער
טראָגן אים פֿרויען אין לאַנגע, שוואַרצע קליידער,
אַנגעטאָן גייען זיי אין ווייסע קרעפּ,
די לענדן מיט צלמים אָנגעגורטן.

אין פֿרעמדע שטעט גייען זיי אַרום
און הייליקן די גאַסן מיט זייער ווייכן טראָט.
זיי הויבן פֿרום דאָס געזיכט, באַגריסן נישט קיין מענטשן;
שטענדיק די קעפּ אַראָפּ, דעם טרויער צו דער ערד געבויגן.

פֿאַר קלויסטערס פֿאַלן זיי מיט פֿאַרלייגטע אָרעמס,
מיט תהילימלעך אין די הענט, און בעטן גאָט.
זיי צינדן ליכט נאָך טויטע
וואָס האָבן קיינעם נישט אויף דער וועלט געלאָזט.

נאַנעס, באַרעמהערציקע שוועסטער,
גייען אַרום און שפּרייטן טרויער.
זיי — וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט דערפילט אַ מאַנס באַריר,
האָבן זיך געזאָלבט צו טראָגן גאָטס טרויער.

ב.

ס׳זיינען פּאַרכטיק די קליידער וואָס נאַנעס טראָגן;
שוואַרצע, ברוינע און אַמאָל בלאָע.
אַם טרויעריקסטן זיינען די וואָס זיינען דאַר און הויך,
ווען זיי פירן אַ יתומל און גייען אַרום בעטן נדבות.

אין שוואַרצע קאַרעטן פאָרן זיי דורך שטאָט אַלע אין דער פרי,
און פאַרענדיקן זייער מאָרגן־תפילה פאַרנדיק אין וואָגן.
איבער שוועלן שפּאַנען זיי מיט ברייטע קוישן אין די הענט,
אין זאַמלען־איין עסנס פאַר אָרעמע קינדער.

חגאות, צירן זיי אויס די קינדער אין ווייסע קליידער,
און פירן זיי זאַלבע־צווייט איבער דער גאַס אין קלויסטער.
מענטשן וואונדערן זיך:
ווי ס׳קענען זיין קינדער אָן טאַטע־מאַמע,
און בענטשן די שוועסטער, וואָס פירן זיי אין גאָטס וועגן.

ג.

זייערע ליפּן טראָגן די בלאַסע שטומקייט פון אַ בלוטיקן גאָט.
מיט דער שטומקייט קושן זיי די קעפּלעך פון יתומים.
בלייך שליסן זיי די גאָטפאַרכטיקע אויגן,
ווען זיי צלמען מיט פאַרצערטע פינגער די פּנימער פון קינדער.

אויף זייערע הויכע לענדן וויגן זיך גרינג־געפלאָכטענע גאַרטלען
וואָס קילן די ערד מיט מעשענע צלמים,
און פונעם לאַנגן, שוואַרצן שלעפּ שפּרייט זיך ווייכער טרויער
אויף זינדיקע שטיינער פון גרויסע שטעט.

ברייט גרוימע קליידער שטילן זייערע טריט, באַהיטן זייער גוף,
און לאָזן נישט גלוסטן צו זייער לייב.
זיי טראָגן פאַנאַנדער מאָרגן־טוי פון פרישן קלויסטער־גראָז,
און ס׳ווערן מילד די שוועלן, די טראָטואַרן — אונטער זייערע טריט.

מענטשן פאַרכטן זיך פאַרן בלענד פון זייערע שטייף־געוואַשענע קרעפּ,
ווי פאַר אַ ווייסן גאָט מיט פייער אויפן קאָפּ,
וואָס פראָסטיקט אויף אַ שייד־וועג אַ צוגענאָגלטער אונטער אַ לבנה.
פאַר אים בויגן זיי די קני און הויבן די געזיכטער אין תפילה
מיט די ליפּן צוגעצויגן צו די נעגל פון זיינע פיס.

וואואַלן לייטזעליקן זייערע פּנימער, פון די וויעס לויטערט גנאָד.
אומעטום ברענגען זיי דאָס געזאַנג פון אָרגלען, די שקיעה פון קופּאָלן.
אין ריח פון אויבסטן אויף קילן גראָז ציען זיי די אויגן צום הימל פאַרנאַכט,
ס׳ווייזט זיך פאַר זיי יעזוס מיט אַ רואיק געזיכט, אויפגעהויבן די פינגער.
זייערע קליידער ציטערן אין פאַלדן און באַשירעמען זייערע טריט.

פאַרמשפּטע

די אויגן זייערע זעען שטענדיק דעם תּליון און די תּליה,
דעם גלח מיט דער שטילער תּפילה.
ביינאַכט שטומען זייערע פּנימער דורך קילע גראַטעס;
פאַריסן צו דער שטילקייט פון איבער איינגעשלעפּערטע גאַסן.

ערגעצדיקע עלעקטרישע רעקלאַמען, רייצן די צעלן נאָך היימישע שטעט.
אין די שטעט גייט אַרום אימיצער פון זייער משפּחה צווישן לאַכעדיקע מענטשן.
אַן אַנגעווייטיקט ווייב מיט אַ פאַרשניטן מויל פאַרהוילענע רייד,
מיט אויגן, וואָס טרערן שוין מער נישט פון צופיל צער.

אַז ס׳טרויערט ס׳אָוונט־געבעט פון קרימינאַל־שוועסטער פאַרן שלאָף,
דערמאָנט זיך אַ טאַטע אין זיינס אַ קינד, וואָס קניט פאַר זיין לער בעט.
און אינעם ווייב, וואָס פייניקט דאָס געלעגער צו זינד.
אין אַזאַ שעה שלאָגט האַרעם ס׳האַרץ צו זיין פרוי און קינד;
ער קוקט שטאַר צום וואַנט אין צעל אויפן גאָט פאַרהילט די שאַנד.
קייטן אויף הענט און פיס, פאַרוואָרפן ס׳פּנים גנאָדיק צום דיל.

זיי, וואָס וועלן קושן דעם צלם מיטן צוגענאַגלטן גאָט פון גלחס האַנט,
וועלן נישט הענגען אויף דער וואַנט מיט אויגן לייטזעליק צו דער ערד.
זיי וועט מען וואַשן, רייניקן און גאָלן, אָנטאָן תּכריכים לעבעדיקערהייט,
און וועלן גיין געבויגן מיט בלינדע טריט צו אַ שטריק וואָס פאַרציט.
אונטערן קנופּ וועלן גליווערן ווערטער, די ווידוי אויף אַ געשטאַרבענער ליפּ.

ה ע נ ק ע ר ס *)

די האַק קילט און בלוטיקט, די האַק רוישט און טריפט.
אויף דער שאַרף שפּאַלטן זיך העלדזער און שפּרינגען אָפּ.
פון וואַרעמען שניט פאַרלויפט דער בלענד מיט פּאַרע,
ס׳בלוט ציט אָפּ שנעל און הייס פון קילן שטאָל.

אין די צעלן בראַנדיקן לייבער מיט בלוינעם געשווילעכץ.
אונטערן שינד פון רוט צעפּאַלן די קליידער,
און ס׳צאַפּלען די בייכער דורך קאַלט־שווייס.
וואונדן קלעפּן און רינען אויס אין ווילד פלייש.

אין דער ערד שטעקט די האַק, זי זאָל נישט שטומפּיקן,
און זאָל קענען בליאַסקען אין די הענט, מיט צעשפּריצטער זון,
איבער פריש־געהובלטע קלעצער אויף ווייס, געזיפּטן זאַמד —
אויף קלעצער — ריין געוואַשענע העלדזער, וואַרעם צעקנעפּלט,
שפּרינגען אָפּ מיט געגאָלטע קעפּ און אָפענע אויגן.

אין זאַמד לעשט זיך ס׳רוי־פלייש פון אָפּגעהאַקטן קאָפּ.
פאַרקלאַמערט די ליפּן, לעבעדיק שלאָגן נאָך די שלייפן.
דורך איבערגעדעקטן טוך אָטעמט נאָך דער גוף.
איטלעכס מאָל מונטערט אויף אַ האַנט, אַ פוס;
צוזעענדיק שטאַרבן די פינגער.

הענקערס שייערן אָפּ די פּלעקן, פאַרריכטן זיך לייטיש דעם קנייטש פון קלייד.
דורך צוגענאָגלטע טירן שרייט די נאַכט אין וועדינג פון אַ יידישער טאָכטער.
און אויפסניי טונקלט די האַק, ווייס און איידל אָנגעשפּאַרט אין קלאָץ.
פון רידל קרישלט נאָך קרוכלע דאָס קבר־ערד פון אַ פריש מת.

*) דייטשלאַנד, 1933.

אַפּאָסטאָלן

זיי גייען אַרום איבער שטעט און שטאַמלען רייד פֿון נביאים;
אָנגעגורטן מיט שטריק, מיט ווינט אין די ווילדע בערד.
די שטערנס זייערע קנייטשן זיך געל פֿון טונקעלער חכמה;
פֿון די לעפּצן טריפֿט קלוגער תּהילים דורכזיכטיק צו גאָט.

אין זייערע אויגן איז יעדער מויער — אַ קלויסטער־וואַנט;
איטלעכער בוים אַ צלם, און געזיכטער מיט בערד געקרייציקטע.
אין זייערע אויערן רוישן נאָך די קלעפּ פֿון טשוועקעס דורך הענט, פֿיס;
ס׳איז נאָך פֿריש פֿאַר זיי דער צעגאָסענער שטאָך אויף יעזוס ברוסט;
דאָס וואונדיקע פּנים זיינס וואָס האָט זיך געלאָשן אויפֿן צלם.

זיי שפּרייזן דורך שטעט פֿאַרזיכטיק מיט וואַנדערדיקע שטעקנס
און לינדערן די ערד מיטן אויסגעצערטן שווייגן פֿון אַ געקרייציקטן.
פֿון שטענדיקן וואַנדערן זיינען די שטעקנס זייערע איינגעוואַקסן אין די פֿינגער;
די פּנימער אָפּגענוצט פֿון שטויביקע טריט, פֿון פֿרעמדע מאָגערע טעג.

פֿאַראַן אין זיי אַזאַ כּוח, אַזאַ כּישוף וואָס פֿייניקט אַ מענטש אין שלאָף.
אָרעמס שלעפּן אים פֿון געלעגער און בעטן פֿון אים עולם־הבא;
הענט אַזעלכע וואָס זאַמלען שמ׳עס פֿון פּסוקים, פֿון תּנ״ך,
און שווייגן בייטאָג, ווי די ליפּן זייערע אין שאָטן פֿון קבלה.

ביינאַכט טויכט פֿאַר זיי אויף אַ דורכגעגאַנגענע פּרוי פֿון בייטאָג,
אַ דורכגעאיילטער ריח וואָס האָט מיט פּערפֿום געשלאָגן דורך זייד,
און הייס און דינהויטיק ווערט זייער גוף איינגעצויגן פֿון שווערן גלוסט;
אויף חורבות ביינאַכט צערינט זייער תּאווה זרעדיק אין ראָסט, אין שטויב.

האַקנקרייץ

ערגעץ אין גערמאַנישע וועלדער
פאַלן ווילד די ביימער און ליגן זיך אין קלאַפּטער־שטויסן.
ווינטן צעיאָרזשען אין זיי פייער,
באַהעלן די הימלען מיט פלאַם פון שייטערהויפנס.

פענצטער צונטערן ווי שקיעה;
פאַנען וויקלען זיך הייס אויף געזימסן און רייצן דעם לוסט פון חלף.
אימיצער אין די פינגער טראָגט דעם גרינגן בלענד פון מעסער,
און שטילט די שאַרף אין האַלדז פון אַ מענטש.
אונטער זיינע נעגל שיילן זיך וואונדן
און אונטער זיין צונג שטאַרבן העלדזער.

ווירויך קילט אָפּ דעם ריח פון שייטערהויפן,
און פאַרווישט דעם רויך פון פלאַקערדיקע פאַקעלן.
יונגפרויען טאַנצן בלאַנד דעם פייער אַקעגן,
און פאַרזינגען דעם פלאַם פון אַ נאַקעטן גוף.

אין ערגעצדיקן בערלין וויטיקן שטראָזן מיטן טראָט פון אַ באָרוועסן ייד,
וואָס לויפט צווישן דאַמען, הערן — געבויגן פון אָנגעיאָגטן בייטש:
אין משוגענע קליידער, דאָס פּנים ווילד ווי יוסף דער טרוימער.
די, מיט אויסגעבראַנדיקטן האַקנקרייץ אויף הוילן לייב,
ציען צו ווינטן צו פאַרבלאָזן דעם ברי פון וואונד.

אָנגעצויגענע באַיאָנעטן האָבן צעוואָרפן די שאַרף איבער מערץ, אַפּריל.
זייערע צווייַ לבנהס הענגען צעשניטענע און בלוטיקן חודשלעך.
אימיצער מיט אַ הילצערנעם האַקנקרייץ אויף אַקסל,
וועט זיך שלעפּן איבער אַ פאַרלוירן פעלד,
אָנגעגורטן מיט אַ האַק און מיט טשוועקעס
און שטאַרבן אויפן גערמאַנישן קאַלענדאַר.

תליות

דינע זאַוואָרוכעס פון אָפענע פעלדער בלאָזן אויף ווייסע תליות.
פון גאַלגאַן דער שטריק איז פאַרשטייפט פון נאַכטיקער קעלט.
אין פאַרטאָג טייען העלדזער־אויף די געפרוירענע פעטליע.
אינעם שניי ליגן שפּורן נעכטיקע און אייערנעכטיקע;
טריט פונעם הענקער, פון אַ גלח — פון אַ געהאָנגענעם.

נאָכן בלאָז פון ווינט דרייען זיך גופים אויף דער תליה;
פון שווערקייט פּראַכט דער שטריק, ס׳רייסן זיך אָפּ ווייסע ווינטן.
אַז דער הענקער פאַרקניפּט זייערע הענט, זייערע פיס
און פאַרבינדט שוואַרץ זייערע אויגן — דורך מילדע רייד,
רוישן זייערע אויערן מיט קלאַנגען פון אַ קלויסטער־טורעם.
רואיקע פסאַלמען באַוועגן זייערע ליפּן אונטער אַ בלינדן צלם,
און אַ ווײַרויך־האַנט באַנעצט זייערע שליפן מיט געהייליקט וואַסער.

גרייטע טרונעס — אויפן צווינטער וואַרטן אויפגעלייגטע קברים;
אַ קרבן לעם בערגלעך־ערד, מיט צעבלוטיקטע שלאַנגען אויפן רידל.
אַ מענטש און אַ גלח וועלן באַלייטן די מיטה און זיך אומקערן גיך...
און פינגער וועלן וואו פאַרשעמען אַ ווייב פון אַ געהאָנגענעם,
און די קינדער וועלן אַרומגיין שווייגנדיקע מיט אָפענע הענטלעך
און אויסשטאַמלען ביי דער וועלט אַ פּרוטה.

יידן

צעפּאַדערטע פויסטן האָבן אָנגעוואָרפן אַ בראַנד אויף דער שטאָט.
שטיינער האָבן פאַרשמירט די יידן און דעם שבת מיט וואונדן.
שטאָטישע ביימער האָבן יונג געציטערט מיט פרישע בלעטער —

און ווי אַלעמאָל שבת האָט געטריפט ס׳ליכט פון דער זון;
גאַסן האָבן געקוואָלן מיט קינדער אין קיל־געוואַשענע געוואַנטן;
פון זייערע שבת־הענטלעך האָט זוויס־געבלענדט שבתדיקע חלה.

גוים האָבן קאַליע געמאַכט אַזאַ טאָג מיט שטיינער און מיט שטעקנס, —
שטעקנס פריש־געשיילט וואָס האָבן ווילד אין דער לופט געפאָכעט,
און אָפּגערינען האָט בלוט פון קלוגע שטערנס איבער פליוש און אַטלאָס;
אונטער פרומע בריסטל־אָרעמס האָבן טליתים געפלעקט פון וואונדן.

אויף פריצישע גאַסן שאַלט מוזיק, הייזער און לאַמטערס אין בלומען געהילט.
אין די פענצטער שטייען „קאָשטשושקאָס״ ברייטע בילדער, זילבערנע ליכטער.
דעכער פלאַטערן מיט רויט־ווייסע פאָנען, מיט זייד און קאָלירטע צלמים,
און אויסגעשטיקטע געטער וויגן זיך אין געזאַנג פון דאָרפישע שיקסעס.

גלחים אין קיטלען מיט זילבערנע צלמים זינגען אין ווײַרויך.
מ׳טראָגט יעזוסן אין בראָנדז, ווי אַ לעבעדיקן איבער דער גאַס;
הינטער אים — שפּרייזן פּויערים איבער שבתדיקע רינשטאָקן,
און אין די צלמים פייניקן זיך יידן מיט ווידוי צו גאָט!

אין שרפה פלאַמען ספרים־שענק, אונטערן פייער שאַרכן אותיות.
די, וואָס בלאָזן־אויף פייער אום שבת, רוימען לייכטער פון געדעקטע טישן,
עפענען דעם אָרון, טראָגן פאַרקערט די תורות און צעוויקלען זיי אויף טראָטואַרן;
צלמימדיקע־קינדער שפּילן זיך אויפן פאַרמעט און פאַרווישן די אותיות.

ס׳לויפן־אויף פרענגעס אויף טאַטעס, מאַמעס, קינדער שוידערן פון פחד;
באָבעס צערינען די אויגן אויף בלעטער — אויסגעוויינטן תהילים,
און יידן וואָס קענען וואַנדערן געהילט מיט תורות, מיטן נאָמען שם,
ליגן אויפן קלויז־דיל מיט צעשפּאָלטענע ליפּן און קענען נישט שטאַרבן.

האָרענגעס, שקצים — אַלע האָבן זיך אין שקיעה היינט אָרויסגעלאָזט נאָך רויב.
לאַכעדיקע גייען זיי איבער שוועלן, פון זייערע הענט פאַלן אָפּענע ריגלען.

פון צופיל רויב שטויבן די גאַסן מיט צעטראָטענעם ברוכוואַרג — נייע סחורות;
שטיבער פון סטרוזשעט שטיקן זיך מיט וואָלשטאָפּן, אָנגעשלעפּטע געוואַנטן.
— — — — — — — — — — — — —
גויים האָבן קאַליע געמאַכט אַזאַ טאָג מיט שטיינער, מיט שטעקנס,
שטעקנס פריש־געשיילטע וואָס האָבן ווילד אין דער לופט געפּאַכעט.

אויפן צווינטער

גאָט האָט די זון פאַרשטעלט און מיט נאַכט צעפּירט איטלעכנס הויז.
שרעק רירט פון די הייזער, פענצטער פון מיטנטאָג צינדן אימהדיקע ליכט.
פעלדער זיינען ווילד און מיד זיינען בלעטער צו פאַלן פון צופיל ווינט,
כסלוודיקער הימל שפּאַרט טרויעריק די ערד, ווי גאָט אַליין וואָלט געשטאַרבן.

אַזוי פיל ווינט היינט, ווי ס׳וואָלט דער הימל נאָענט צו דער ערד געהאָנגען.
מענטשן שטייען צעוואָרפן אין געלער קעלט מיט רידלעס צעקאָפּעטע ערד;
פנימער רינען מיט איבערנומענעם אָסיען, דורכגענומען מיט אַזויפיל שוידער,
אַז ווען אַ מענטשן־פינגער זאָל אַ בוים באַרירן וואָלטן בלעטער זיך צעשאָטן.

גאָט האָט אַלע באַנען, אַלע שיפן פאַרלוירן און צו זיי די שפּורן פאַרגעסן.
באַנען ווי אויף פאַרגעסענע שטרעקעס בלאָנדזשען אָן סיגנאַלן דורך וואָקזאַלן.
אויפן ים הויבן זיך שיפן אין הויכן שוים מיט קוימענס, שרייענדיקן רויך
אויפגעבלאָזענע פלאַכטעס פליקן די זעגלען אין סכנה ערב שטורעם.

ביימער זינקען אין טיפע וואַסערן און כליפּען ווי דעכער, ווי געזימסן.
צווייגן שווימען גרינלעך אויף, ווי אָנגעלאָפּענער געהילץ אויף וואַסער.

פערד, פויערים און כאַטעס שטייען פאַרשווימען פון איבערגעגאָסענע
שלאַקסן,
אַזאַ רעגנדיקער הימל היינט, ווי גאָט אַליין וואָלט געפּלייצט אין פאַרשוואוי־
רענעם מבול.

אָפענע צווינטערס. אַנגעוואָרפענע מצבות גרויען, איבער קאַלטע־מתים,
בערגלעך קברים ליגן ליימיק און נאַס, פאַרשאַרט פון אָפּגעשלאָגענע ווערבעס.
אַ פאַרשאַרטער קרבן, גייט איבערן צווינטער אַ הויכער מיט אַ בייזער באָרד;
און ציילט די טויטע פנימער, באַשרייבט די שטיינער מיט קאַלענדערס און נעמען.

גרשון קאַס

צו דיר איז דער טויט געקומען כאָטש די שטוב איז געווען פאַרמאַכט;
דיך אַוועקגעלייגט אויפן הוילן דיל לעם צוויי אָנגעצונדענע ליכט.
אַ ייד אַ זקן איז ביי דיר געזעסן, געהיט די נאַכט איבער דיר,
און צו מאָרגנס באַלד — בין איך דיך געקומען צו קבורה באַלייטן.

אין אַ נאַסן חשוון־טאָג האָב איך דאָס געוואָרט אויף דיין לוויה.
כ׳האָב זיך מיט דיר מתעסק געווען, כאָטש כ׳קום אַרויס פון כהנים;
כ׳האָב מיט שערבלעך צוויי באַדעקט דיינע יונגע אויגן
און געהאָלפן דעם אָרון פון טהרה־שטיבל אַרויסטראָגן אויפן וואָגן.

נאָכגעגאַנגען נאָך דיר זיינען בלויז חברים,
קיינער נישט פון דיין משפחה —
אַלע האָבן זיבן־מאָל די מיטה געהויבן נאָכזאָגנדיק יושב־בסתר,
אויפן קבר — האָט אַ געדונגענער ייד נאָך דיר קדיש געזאָגט.

מ ל כ ה

האָסט אין זיך דער מאַמעס גוטסקייט, דעם טאַטנס מילדן גאָב;
זיין ברייטן שטערן, די פייערדיקע אויגן מיט דער חסידישער הייסקייט
און די הויכקייט מיטן ווילדן גאַנג וואָס יאָגט־אָן אַ ווינט אויפן קלייד.
פאַראַן אין דיר דעם טאַטנס לוסט צו באַנען, צו סוחרישע שטעט.
פלעגסט שטענדיק אַרומפאָרן אין נעכט העלפן האַנדלען דעם טאַטן;
אָנגעטאָן אין פרומע קליידער, סוחרים זאָלן נישט גלוסטן צו דיר,
און איבערנעכטיקן אַמאָל אין ביעליץ־ביאַלע, צי אָפילו גאָר אין ווין.

דיינע אויגן טראָגן נאָך ס׳ליכט פון דער מאַמעס בענטש־ליכט;
דעם אַטלאַס מיט די העלע פלאַמען פון טאַטנס שפּעטע הבדלה.
חסידיש ווערן דיינע רייד ווען דו נעמסט רעדן און דערציילן
פונעם רבין ר׳ ברוך אין גאָרליץ, ר׳ חיימל סאַנדזערס זון;
פון זיין ברייטן שיריים־טיש מיט דיין טאַטן אין דער שפּיץ,
וואָס פלעגט אים אַזוי פיל ליב האָבן כאָטש ר׳איז אַן אָרעמאַן געווען;
אייביק זיך געפינען היינטערוועגנס מיט אַ קיישל סחורה אויף וואָקזאַלן
און דעם טלית און תּפילין געלייגט ערגעץ אויף אַ פּוילישער באַן.

מאָרגנס אין דיין שטוב האָבן געוועקט אין מיר דעם ערשטן באַגער צו אַ פרוי.
האָסט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אויסגעטאָן מיט דער וואַרעמקייט פון בעט;

יונג און דורכזיכטיק דורך אַ לאַנגן אָוונט־העמד — געשפּאַנט;
די באָרוועסע טריט דיינע האָבן גערירט דיינע האַרטע בריסט.
די באָרוועסע טריט מיינע האָבן גערירט דיינע האַרטע בריסט.
איצט, ביסטו אין אַ ווייטן לאַנד מיטן גוטן שם פון אונדזער באָבע חנהלע —
די חסידיתטע פון ר׳ לאַזערל ריישער, פון ר׳ שלמה לייבעלע טיטשינער.
לעם אַ האָפן הי, האָבן די ליפּן מיינע אויפגעפרישט דיין געזיכט, דיינע הענט
און געריטלט האָסטו, ווי די אירלענדישע טעכטער אויפן שויס פון מאַרינער,
און געפיבערט האָבן דיינע אויגן מיט דער טבע פון אַ חסידישער טאָכטער
און דערנאָך געטרערט מיט דער בענקשאַפט נאָך דיין פרישן, טויטן טאַטן.

היינט איז אומעטיק דאָרט אין דיין מאַמעס שטוב.
נישטאָ מער דער טאַטע, ס׳קומט נישט מער די מומע ראצעלע.
אויף דער מאַמעס ברייטער מזוזה,
טרויערן איצט די פינגער פון די אַמאָליקע חסידישע אורחים;
אין די שופלאָדן וואַלגערט זיך אַ פאַרגעלטער בריוו פון אַ קינד;
ס׳טרעפט זיך נאָך דיינס אַ פאַרבליבן קלייד, דעם טאַטנס אַ פאַרוואָרפן ספר—
און די מאַמעס שלעפ וואַרפט־אָן אַ פחד אויף דיין קראַנקער שוועסטער
דאָ, אין דער פרעמדער גוישער ווייט,
טראָגסטו ס׳ערלעכע פּנים פון דער מאַמען, דעם טאַטנס שמייכל צו דער גאַס.

מיין ערשט יינגעלע

אין דיינע אויגן זע איך דיין מאַמעס הייסע נעכט;
דאָס בעט מיטן לייב אין טונקעלן שלאָפצימער.
ס׳ציטערט שטייף דער מאַמעס רייפער בוזעם,
דער טאַטע, פאַרגלייזט ליגט ווילד אין אירע אָרעמס,
און עס טריפט הייס דעם טאַטנס בלוט און פלייש.

דיינע אויגן זאָגן אויס דעם צער פון אַלע שוואַנגערדיקע מאַמעס,
ווען ס׳ליגט דער בויך אויפגעדעקט אויף אַ ווייך־געבעטן טיש.
אַ ווייסער פּחד שלאָגט פון דאָקטוירים, פון ווייסע שוועסטער,
און ס׳רייסן זיך די יסורים דורך שטילע טירן פון שפּיטאָל.

אינעם רויטן נאָפּל דיינעם היילן זיך דער מאַמעס רויע וואונדן;
אין דיין זויגן מערט זיך די וועלט, מערן זיך אַלע מענטשן.
וועסט אויפוואַקסן און אַליין זיין אַ באַשאַפער,
און וועסט זען ווי ס׳שטאַרבן מענטשן — גוטע, שלעכטע.
די ערד איז גרויס געגנוג, פאַר אַלעמען גרויס.

ס׳הונגערט

בלעטער ברעכן זיך געל אונטער מיינע טריט און צעפאַלן אין נאָוועמבער.
טרוקענער פראָסט צוקט די נעגל פון מיינע שטומע פינגער,
און מיינע הענט נעמען גלוסטן נאָך אַ שיכל, נאָך אַ וואַלן־לייבל פאַר אַ קינד.
עס רייצן מיך וואַרעמע טירן, געבראָטענע פליישן פאַרען פון פרישע געקעכצן,
צו אַ הונגעריקן געגענט דער ריח פון ברויט דורך פראָסטיק גלאָז אַפילו...

ס׳איבערלויפן מיר די אויגן מיט שווערער נעץ פון ווייסע זאָווערוכעס.
קעלטן בלאָזן די פריזור און דער קאָפּ ווערט גרינג פון יונגן שניי.
אויף די הענט אַנגעדראָלענע קעלט, פון די קליידער ריינט קאַלטער רעגן.
כ׳וויל איצט ווערן בלינד, אַנשלאָגן מיט די פיס סימנים אויף די שוועלן,
און אימיץ זאָל מיר עפּעס דערלאַנגען דורך אַ טיר, דורך אַ פענצטער.

כ׳וועל געפינען חברים־גנבים, צו קענען אויסברעכן אַ שויב אין גאַס,
און זיך נישט שרעקן פאַרן בלוט, וואָס רינט אָפּ פון אַ מערדערס מעסער.

ס׳לאָקערן ביי מיר איצט די אויגן, ווי דאָס האָרץ פון אַ שטאָטישן רויבער,
און איבער מיר קלאַפּט ראָסטיק אַן אָפּגעריסן שטיק רינווע פון אַ געזימס,
אַ גאַסן־פּרוי וואַקלט זיך פון שיכּרות און שעלט אַ פיאַקער־פערד,
ווייל עס האָט זיך פון איר אַ לאָז געטאָן דאָס חודשלעכע בלוטונג.

כ׳קען אַ סך הונגעריקע שטעט, דרויסנדיקע געלעגערס—ווין, קראָקע, ניו־יאָרק.
כ׳האָב חרטה אויף מיין לײַטיש הויז, כאָטש ס׳קינד ראַטשקעט שוין איפּן דיל
און שפּילט זיך מיטן אָקאַרשט געפּאַלענעם בלאָט פון אַ חברס בלומען־טאָפּ.
די קליאַמקע איז מיט צוגערירטן שטויב, ווייל עס עפנט קיינער נישט די טיר.

האָלדיק

אין זיין גוף לאָקערט דער גלוסט פון הייסע חסידישע באָבעס,
ס׳אומרואיקע בלוט פון די זיידעס, מחלוקת־סאַנדז און סאַדעגורע.
ס׳איז נאָך פריש דער מאַמעס וואַרעמע הענט, איר שבת פּנים:
דער פרומער רויך מיטן אַנגעקאָוועטן חלב פון אירע בענטש־לייכטער
און דעם טאַטנס תפילין, זיין שווערער טלית מיט דער ברייטער עטרה.

הי, זיינען די טריט זיינע אויסגעוואַקסן לויטן גאַנג פון גרויס־שטאָטישע גאַסן.
די פּיס און די אָקסלען נאָכגעלאָזט; פון די שאַרפע אויגן — געלאָסענע רייד.
און די הענט זיינע — טראָגן נאָך דער מאַמעס ווייכע הויט.

אויף זיין ביישטידל הענגט דער נאָמען „שדי״.
ס׳ווייב זיינס היט די בענטש־ליכט;
דאָס חודשלעכע און דעם היימישן גאָט פון דער באָבע,
וואָס פלעגט ציילן די תעניתים פון קריאת־תורה טעג.

ער בענקט נאָכן טאַטנס לומדות. נאָך זיין ברייטן שבת־טיש;
נאָך דער מאַמעס גוטע מידות מיט אירע צאַרטע ווייס —
און לייגט די תפילין, די מתנה פון אַ בן־תורה.

אין זיין ספרים־שאַנק שטייען ביכער אַלערליי,
און אויף די ווענט, בילדער פון גרויסע מענטשן,
וואָס זיינען פאַר גאָט שטאַרבן געגאַנגען.

ס'איז אים ליב איצט דער יידישער ריח פון גאַסן
דער ניו־יאָרקער מאַנ־יער פון יידישע טעכטער,
וואָס כאַווען זיך פעסטע און הויך,
און דער שווערער איטאַליענער, וואָס שאָטערט שטראָזן
צווישן נעפל און רויך, אויף באַן־שטרעקעס.

מיין צווייט יינגעלע

טראָטואַרן פון שפעטע דעצעמבער־נעכט רוישן מיט פאַלנדיקע בלעטער.
צו דער לבנה ציען אונדזערע טריט און שרעקן דעם וועג, ס'טויער פון שפיטאַל.
אין מיין אָרעם ציטערט אַ פרוי; ס'קינד אין בויך שטויסט זיך צום טראַכט,
און צו פרעמדע, טונקעלע שויבן דערגרייכט איר שפעט געוויין

און נידערט שווער צו דער ערד פאַר יסורים.
איך באַדויער די הייסע נעכט;
כ'האָב חרטה וואָס די אברים מיינע האָבן זיך אָנגעצונדן אַזוי ווילד;
די צונג וואָס האָט גלוטיק רויט געלאָשן אירע אויגן.

איצט, נאָך געבערונג, אַז דיינע אייגלעך, קינד, זיינען שוין בלינדלעך אָפן;
די ליפּלעך דיינע זוכן שוין דער מאַמעס בריסט אויפן קישן,

װעסטו מסתם מײַנע הענט אױך דערקענען און שילטן דײַן טאַטן.
כ׳בין נישט אַזעלכער, װאָס װעל דיך װיגן מיט „אַ גאָלדן ציגעלע״.
דאָס הענטל דײַנס װעט אַנגעמען אַזױנע זינדיקע נאַרישע הענט װי מײַנע
און מיך פירן אַ גרױסן איבערן :װאונדער פון דײַן געבורטס־שטאָט.

װעסט מיר אָנװײַזן אױף בעטלדיקע, מיט קױלן־זעקלעך אין קעלטן.
און װעסט װאַקסן װי איך, אױף דײַן ברוסט װעלן װאַקסן האָר.
און װי יעדער מאַנסביל, װעסטו אױך נאָכקוקן אַ פרױ אין גאַס.
אין דײַנע ליפּן װעלן זיך קילן אין אַ פרױ, װאָס װעט דיר געבן אַזאַ שעה
אַרױפצושלעפּן אױף איר פאַרשלאָפענע קלײדער און זי פירן שװאַנגערדיק
דורך שפּעטע פענצטער.

מײַן מאַמע חיהטשע

ביסט אַ שעמעװדיקע מאַמע.
האָסט אין זיך די שטילקײט פון אַן ערלעכע פרױ.
אפשר איז עס דערפאַר
װאָס דו ביסט װײניק אין גרױסע שטעט געװען?
ביסט דאַר און קלײנװאוקסיק;
ביסט דאָס גראָטנסטע קינד פון אַלע;
רעדסט קײנמאָל קײן איבריק װאָרט נישט אױס;
קענסט דאָס גאַנצע דאַװענען פון אױסנװײניק —
און צו אַלץ װאָס דײַנע אױגן זײַנען געװענדט,
מסוגל זײַנען דײַנע הענט.
ס׳איז שײן אַזױ װי דו, מאַמע —
צו באַגריסן אַ מענטש
מיט דער פּשוטער שטילקײט פון אַן ערלעכע פרױ.

מומע ראַצעלע

די מומע ראַצעלע איז שוין מער נישטאָ.
כ׳זע די נידריקע, איינגעשרומפּענע פרוי מיט איר געל געזיכט;
אינעם בריסטלענעם אײבערציר מיט די גרויסע פּערלמוטערנע קנעפּ
אַרומקריכן מנחהדיק — זומער פּאַרנאַכט
אין געסלעך, אין טונקעלע הייזער אויף צעבראָכענע שטיגן
מיט אַ שטיקל לייוונט און אַ מעטער אונטערן אָרעם
מעסטן וועש און בעטגעוואַנט פאַר אָרעמעלייט.

גאָט, האָסט אויף אַן אמת ביי אונדז צוגענומען די מומע ראַצעלע?
אַ נשמה וואָס דאַרף זיך נישט קומען וואַשן אין די שבעה־טעג.
כ׳מאַן זי צוריק ביי דיר — גיב אָפּ אונדזער מומע ראַצעלע!
זי פעלט דאָ אַזוי־אויס אויף דער ערד...

עס שטייען אַלמנות ביי איר קבר;
קינדער מיט געשוואָלענע הענטלעך ביי דער מאַמעס פאַלעס
און אַלע וויינען זיי נאָך איר;
נאָך האַלץ, נאָך קוילן, נאָך אַ פריש העמד, —
— עס וואַרטן קימפּעטאָרנס נאָך אַ ביסל וואַרעמע גריץ —
גיב אָפּ אונדזער מומע ראַצעלע, היט זי כאָטש אָפּ!

מומעשי!
זיי מיר מוחל וואָס כ׳האָב דיך צו קבורה נישט באַלייט.
כ׳בין וייט — וייט פון דער היים.
קדיש טאָר איך נאָך דיר אויך נישט זאָגן.
פאַר דאָס, אַז ס׳וועט מיר באַשערט זיין אַ טאָכטער,
וועל איך זי אַ נאָמען געבן נאָך דיר.

בעטלען

אויף מיר וואַרט אַ שווערער ווינטער מיט ווייסע שוועלן;
אַ סך רחמנות פון באַרמהערציקע מענטשן
און אַ שטעקן וואָס וועט מיך פירן אַן אָרעמאַן איבער הייזער;
באַנאַנד אַזוי וועלן מיר אַפילו קיין הויז נישט פאַרפעלן.

כ׳וועל אַרומגיין מיט אַ לערן אַרבל אויפן אָרעם,
ווי אַן אומבאַהאָלפענער וואָס האָט אַ האַנט פאַרלוירן —
ווייל כ׳וועל זיך שעמען פאַר לייטן, פאַר טאַטע־מאַמע,
אַז כ׳קען אויף קיין ברויט נישט פאַרדינען.

אַז קינדער וועלן נאָכלויפן, מיך ציען ביי די קליידער;
חברים וועלן אָנווייזן אויף מיר אין גאַס מיט די פינגער,
וועל איך אין דער וועלט אַוועק, ווערן אַן אמתער בעטלער.
כ׳ווייס אַזאַ לאַנד, וואו כ׳וועל קענען שטיין און בעטלען;
כ׳וועל האָבן אַ סך כוח צו האַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט.

מענטשן וועלן מיר נדבות געבן, כ׳וועל זיי דערפאַר בענטשן;
כ׳וועל זיך דערפאַר אַזוי העפלעך פאַרנויגן
און מסתמא שוין שטאַרבן אַזוי בעטלדיקערהייט;
אויסגיין אין אַ רינשטאָק אונטער אַ פראַסטיק ברעט.

אַ בריוול

מאַמעשי,
ביי דיר איז איצט פסח־ביינאַכט אין שטוב
און ביי מיר איז פסח־ביינאַכט אין גאַס.

כ'האָב נישט קיין שליסל צו אַ הויז,
כ'טראָג אַפילו נישט קיין לייטיש העמד.
און דו, אין דער היים, גייסט אַרום אין ווייסע זאָקן;
אָנגעטאָן דער באָבעס שטערנטיכל
און בענטשסט די ליכט אין זילבערנע לייכטער.
דער רויטער ווייַן לייטערט דייַן תפילה,
און דו ווייסט נישט —
אַז ווען כ'וואָלט כאָטש איצט ברויט געהאַט,
וואָלט איך אַפילו אין פסח אויך געגעסן.

מאַמעשי!
אליהו הנביא וועט הייַנט בייַנאַכט אוודאי זייַן בייַ דיר.
גיס פאַר אים אָפּ דעם ווייַן אין מייַן געבלומטן כוס,
ווייל כ'קען אים נישט גיין אַנטקעגן אויפמאַכן די טיר.
כ'האָב אַליין נישט קיין טיר וואו צו עפנען;
כ'האָב נישט וואו איבערצונעכטיקן.

אונדזער באָבע חנהלע

ווייסער שבת האָט אָפּגענומען ס'תהילימדיקע וואָרט פון דייַנע ליפּן.
האָסט דיך אומגעקערט צו דער ערד אַ געלייטערטע אין קדושה.
מ'האָט געאיילט מיט דיר צו קבורה, ווייל ביסט נסתלק געוואָרן ערב־שבת.
איצט ביסטו פאַר דייַן שטאָט ווי אַ לעגענדע פאַרבליבן, אַ זיווג צו אליהו הנביא,
און אַלע וואָס טראָגן דייַן גוטן שם וועלן פאַר ביידן עפענען די טיר פּסח־
בייַנאַכט.

ביסט אַוועק אין דייַן גלויבן, אינעם ליכט וואָס האָט דיך געהייליקט:
אַז וועסט דיך קאָלערן קיין ארץ־ישראל און רוען אין ליכטיקן גן־עדן.

ליגסט לעם דיין שוועסטער, וואָס האָט שטענדיק אויסגעפירט דיין שליחות:
אָפּגעטראָגן צו הונגעריקע ס׳ביסל נדבות וואָס זי האָט ביי נגידים אויסגעבעטן.
זי, און אַ סך וועלן דיך דערקאָנען, ווען מ׳וועט פרעגן ביי דיר דיין נאָמען.

גייסט אויף אַ נביאטע, אויסגעמאָגערט פון תעניתים, מיט געטובלטע הענט,
וואָס האָבן דיינע וויעס באַשאָטנט נישט צו קוקן אויף אַ פרעמדן אָפּגאָט.
און אַז מ׳האָט דיך דורך פרעסט געפירט צו דער פּאַרטאָגיקער קלויז,
האָסטו פעסט געאָרעמט דעם סידור ביינאַנד מיטן בייזן שליסל צו דער שול,
זאָלסט נישט דאַרפן האָרן אויף דער שמשטע און אימיצנס אַ קדיש חלילה פאַרפעלן.

טונקלסט שוין מער נישט מיט שטילן טייטש־חומשביים פאַרנאַכטיקן שבת פענצטער,
וואו דו פלעגסט טרויעריק צו זיך לייענען און פאַרטייטשן אַלע אויפגע־מישטע בילדער;
— אַז פון לוטס וייב איז אַ קלאָץ־זאַלץ געוואָרן, נחס תבה שווימט אויף אין מבול,
און יוספס ברידער ברענגען ס׳בלוטיקע העמדל, וואָרים אַ חיה האָט אים פאַרצוקט —
ביז ס׳האָבן דיינע פינגער דעם שבת פון דער שויב פאַרווישט, מיט „גאָט פון אברהם״.

צו חצות שטייסטו פון קבר אויף און קערסט זיך אום צוריק אין שטאָט.
גייסט איבערן מאַרק, ווען די לאָמטערנעס האָבן זיך פון פאַרטאָג ניט פאַרלאָשן.
ס׳קומט דיר אַנטקעגן אַ פויערטע און באַגריסט דיך אויף היימישן פויליש.
זי גיט דיר אָפּ אַ מתנה — אַ קאָריץ ערדעפּל, עטלעכע אייער צי אַן עוף,
ווייל האָסט איר ערלעך אַן אייל־לייוונט אָפּגעמאָסטן, און עס אָפּגעגעבן אויף צדקה.

האָסט אָפילו דיינע אָנגעגרייטע תכריכים צו אַ פרעמדר מת אין אַ תשרי נאַכט אוועקגעגעבן,

אזן ביסט אין ווינט אָוועק מיט אַ בינטל לייוונט, דער בר־מנן זאָל נישט פאַרליגן,

און פאַרלוירן נאָך זיך ס׳הייפל ארץ־ישראל ערד, די געאיילטע מצווה אינ־גאַנצן נישט מקיים געווען.

די אייניקלעך האָסטו נעשטראָפט, ווייל זיי האָבן די עוּרד איבערן דיל צע־שאָטן;

זיך געשפּילט דערמיט און נישט געוואוסט, אַז מ׳האָט געשטרויכלט דיין שליחות.

באָבעשע, שניט־סוחרטע פון אַלטן ריישע, פון אַלטן ווין און פון אַלטן קראָקע, מיט דער שפּראַך פוןביידע לענדער און מיטן קלוגן האַנדל פון גרזיסע סוחרים, אין זייערע ביכער איז ערלעך פאַרשריבן דיין נאָמען, דער נאָמען פון אַ צדקת, וואָס שטאַמט פון אַ טאַטן וואָס האָט געטונקלט אין קבלה, אין גאָטספאָרכ־טיקייט;

אַ טרוימער פון אַלטן געטאָ, וואָס איז פון צופיל חכמה אין דער וועלט באַטרונגען. ביסט נסתלק געוואָרן אין אַזאַ עלטער, אַז מ׳האָט נישט געוואוסט צי מ׳דאַרף וויינען.

נאָר סיי־ווי האָסטו אַ סך פאַר אבלים געמאַכט און זיי טרויעריק געמאַכט ווי דיין לוויה.

ס׳לערנען נאָך דיר משניות אַפילו די וואָס האָבן נאָך דיר נישט קיין קריעה געריסן.

פּשעקופּקעס, וואָס האָסט אויפגעמונטערט מיט דיין צוגעטראָגענעם ביסל וואַרעמס,

וועלן שטרעקן קוויטלעך צו דער מצבה פון חנה בת שלמה: ז׳ שבט תרצ״ה.

אַ שלאָף קינד

דר. מאַקס שװעלן

דורך מײן פענצטער ציט חשוונדיקער קעלט, ס׳צעשיט זיך דער װינט איבערן דיל.

פונעם װינט בלאָזט װילד ס׳מסובנדיקע ליכט איבער דער שטוב
און רירט פון דער װאַנט דעם שאָטן פון דער װאַכעדיקער שװעסטער.
פון שלאָפנדיקן בעט צעטראָגט זיך אימהדיקער שפּיטאַל־ריח פון מעדיצינען.
די אָרעמלעך פונעם קינד באַװעגן זיך לאַנגזאַם און דין אויפן אַפּענעם קישן;
פיבערדיק ציטערן די ליפּלעך, שלאָגן אויס מיט בלױלעך קאַלטן שװייס.
פאַרלאָפענע טרערן פון דער מאַמען נעמען; נאָענט אַדורך די גסיסה פונעם קינד

חצות, כ׳גיי אַרום אַ דרויסנדיקער מיט שטילע טריט אויף פרישן שניי;
ס׳געזיכט פאַרװאַקסן און שטאַמל אַ הויז־נומער, אַ נאָמען פון אַ דאָקטאָר.
כ׳קער־אום די װייטלעכע אויגן צו מיינע שרעקנדיקע שויבן פראָסט
און הויב זיי נאָריש צו דער נאַכט װי כ׳װאָלט װעלן רופן גאָט פון הימל.
װאָס פראָסטיקער די נאַכט — דאָרער, טונקלער גייט מיר נאָך דער שאָטן
לאַנג און אויסגעצויגן אין װייסער קעלט פון שפּעטע זאַװערוכעס.
פון נישט קענען װיינען, שעלטן, שרייט־אויס פון מיר אַ הויל קול צו דער גאַס.

צװייגן פאַר דער שטוב שפּאַרן די פענצטער מיט אָנגעקאָװעטן אייז.
אינװייניק — שפּינװעבן די װענט, די קליידער פון דער מאַמען, פונעם טאַטן.
עס שיילט זיך דער קאַלער פונעם באַלקן, טירן עפענען זיך פייכטלעך־שװער.
לעם קינד שטומט די מאַמע, אַפּטייק־פלעשער נעבטיקע, אייערנעכטיקע;
אומגעדולדיק שלאָגט דער זייגער אין דאָקטאָרס היימלעכער האַנט —
און איבער דער שטוב שפּרייזט די שװעסטער און אימיץ פון דער משפּחה.

נעגעריש דאָרף

ס׳בליט דער הימל קאַלט און אויסגעשטערנט איבער נעגערישע כאַטעס,
אָפּגעריינענע וואַסערן פון מילדן שניי, גליווערן דין אין אייז.
קוימענס שטייגן רויכיק און טונקל, נאַכט־לעמפּלעך באַפּלעמלען די שויבן,
און דורך די פענצטער זינגען נעגער אין אַ זונטיק, אין נעגערישן דאָר:.

ס׳איז היימלעך אין נעגערישן דאָרף אין אַ זונטיקדיקן ווינטער־אָוונט.
שוואַרצלייב אין הייסן זייד, לאַקערן אויף שטראָזן נאָך אַ נעגער יונג
און אַנטרינען גלוסטיק מיט געלענדטע היפּטן פון ווילדע הענט,
דורך פעלדער, וואָס שטייען האַרט און שווער פון נאָענטן ווינט.

אין נעגערישן דאָרף, זיינען קלוג די נעגער וואָס ווייסן שוין פון גרויסע שטעט,
וואָס טראָגן קליידער מיט שטאָטישן שניט, און אַ וואונד פון אַ ווילדן מעסער.
פון זייערע פיס רירט זיך ריטמיש דזשעז, גליטשיק און גרינג איבערן דיל.
נעגערטעס זעצן זיך האַרט און פרעך אויף זייערע קני, אויף זייערע שויסן.

אין איטלעכן הויף, פּאָר איטלעכער שוועל, ליגן רואיק געלאָסענע הינט
מיט אויסגעקראַכענע העלדזער, צוגעטשעפּעט צו אַ געפּוגען שטיק ברוכוואַרג.
זיי זיינען באַרימהערציק צו אַ דורכגייער און עסן פון אַ פרעמדער האַנט,
און מאַכן היימיש אַ מענטש, וואָס שטעלט זיך אַמאָל אָפּ אין נעגערישן דאָרף.

אין וואַלד, העט הינטערן נעגערישן דאָרף, הינטערן נעגערישן סמענטאַזש,
טליען פייערן און שאָטנען־אָפּ אויף ברייטע געזיכטער, שווערע קופּערנע הענט.
העק פאָכען געשמאַק איבער ביימער, אין דורכזיכטיקן רויך,
און ס׳ברעכן זיך שאַרפע צווייגן, טרוקן שפּרינגען אָפּ שפּענער אין דער נאַכט.

ס׳שטייט אַן אָפּגאָט אַזאַ ווי אומעטום, ס׳זינקט אַ קלויסטער אַזאַ ווי אומעטום.
נאָר אויפן סמענטאַזש אַ שוואַרצער קבר, אַ שוואַרצער גלח, שוואַרצע מתים.
אַ לוויה מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, יעמערט יעלהדיק פאַר אַן אָפן קבר,
און די צעגראָבענע ערד קילט מיט אַ טרונעלע פון אַ פריש געשטאָרבן־קינד.

ס׳דאָרף טרויערט דורך שיכרות, דורך פאַרכט און דורך מילדער שטאַמלונג.
מ׳טראָגט אויף קיינעם נישט קיין קללה, אויף אַלעמענס ליפּן שטילע גריסונג.
אַ נר־תמיד אויפן קייזערוועג לייטערט „לינקאָלנס״ געזיכט אין ליכטיקן טרויער
און ס׳קוקן זיינע אויגן אַראָפּ מיט אַזוי פיל באַשערמונג צום נעגערישן דאָרף.

די לבנה גייט אויף אַ צעוואָרפענע אין פענצטער, אַ צעוואָרפענע איבער דעכער,
און גרינלעך־קיל, העלן אויף די שויבן; שוימיק, ווי אָונטיק־וואַסער אין ווינט.
דורך אומעטיקע שפּיגלען אַנטפּלעקט זיך אויסגעטאָן אַ פלוצימדיק לייב,
און ברוינלעך־שווער ווערן די שטיבער, ענג מיט וואַרעמען נעגערישן ריח.

ס׳טאָגט אויף דער מאָרגן איבער מאָגערע פעלדער. קינדער קוויטשקן אין די
וויגן.
טויבן רירן זיך פויל, קלאַפּן טרוקן מיט די פליגל אין וואָרקען אויף בידעריגע
טויבן־שלאָקס.
נעגערישע נאָנעס, אין קליידער אַזעלכע ווי ווייסע, עפענען טרויעריק איט־
לעכנס טיר
און לאָזן נאָך זיך אַ שטיל ביסל עסן, אַ וואַרעם לייבל און אַ געוואַשן העמדל.

פונעם נעגערישן דאָרף ציען קאַליקעס, און צעגייען זיך אין פרעמדע שטעט.
די וואָס זיינען שטום, בלינד, פירן מיט זיך אַ קינד, אַ ווייב צו העלפן בעטלען:
די מיט צערונענע געזיכטער, מיט בלוטיקע אויגן און אויסגעשטאַרצטע ליפּן,
צעשטעלן זיך רחמנותדיק אויף די ראָגן, פאַרגייען אין שטאַרבנדיקן שיכרות.

ניגראָ דזשאָדזש

פּאַרטאַגיקער רויך טליעט אויף אַ שטאָטיש דעצעמבער־פעלד,
פון אַ פרישע כאָטע אין נעגערשן דאָרף.
פונעם געצעלט ווייעט צוגערירטער פראָסט, קעלט פון ראָסטיק בלעך;
אויף אָנגעקליבן האָלץ — טרוקענען ניגראָ דזשאָדזשס קליידער.

אין שטאָט גייט ער אום אין שווערן ווינט אַ פאַרלוירענער און קיינעמס נישט.
ס׳צעשיטן זיך זיינע טריט אין שניי, פון זיינע אויגן צעפאַלט טריפנדיקע קעלט,
און אויפן געזיכט טריבט ס׳ליכט פון פאָנאַרן, דער רייץ פון שויפענצטער.
ס׳באַגריסט אים קיינער נישט; מ׳פרעגט זיך אַפילו נישט אויף קיין גאָס.

אַ צעקנעפּלטער, אין אַ געפונענעם קאַפּעליוש פון אימיצן אַ מענטש פאַרבלאָזן,
שפּרייזט ער לעם עלעגאַנטע רינשטאָקן און זאַמלט אָפּפאַל פון פאַפּיראָסן
און צעוואַרפט זיי אויף הינטער שוועלן וואו ס׳נעכטיקן בעטלער אַזעלכע ווי ער.
די וואָס זיינען וואונדיק און שלאָף. פירט ער צו זיך אַהיים אויפן שטאָטישן פעלד.

זיינע ליפּן זיינען טרויעריק ווי ס׳נעגערשע דאָרף און שילטן די שרעק פון שטאָט.
ס׳שטומט אין אים ס׳בלוט פונעם טאָטן פעטערסאָן, די לעגענדע פון זיינע זיידעס.
פון זיין לייב רירט זיך די בייטש, וואָס האָט זיינע באָבעס אויפן מאַרק געטריבן;
אין דער זון דעם טויט דערזען, אויף די בייוול־פעלדער שוואַרץ אויסגעשטאָרבן.

ר׳איז מיט גרימצאָרן אין דער שטאָט אַוועק צו געשטאַלטיקן איטלעכן ווי זיך.
זיינע גלידער רייסן זיך צו באַשאַפן מענטשן טונקעלע ווי זיין לעגענדע,
שוואַרץ ווי זיין מאַמע, ווי זיין שוועסטער, איז ווילד אין אים די זרע
נאָך אַ פרוי צו געבערן לייבער אַ סך פאַר אַ שוואַרצער וועלט.

ניו־יאָרק איז אָבער שטאַרקער ווי אַ לעגענדע, אַזעלכע ווי ער שטאַרבן אָן טרויער,
און אויפסניי מוז ער טאָגן אויפן מאַרק מען זאָל אים דינגען פאַר אַ ביסל געקעכץ.
ער ווערט באַרימהערציק צו זיינע שכנים וואָס שטייען מיט אים ביינאַנד אויף דערזון,
און די גלידער זיינע רייסן זיך שוין מער נישט אַזוי הייס, נאָר ווערן ווייך מיט גענאָד.

ס׳האָט די שטאָט געשטילט ס׳פייער פון זיינע אויגן און די היימישקייט פון דאָרף,
איצט איז ער רחמנותדיק מיט אַ טרויעריק געזיכט, מיט יונג־צעשפּראָצטע האָר,
און לויטערט מיט אַ פאַרהוילענער נקמה פאַר זיינע טאַטעס פון קאַראָליינע.
ביינאַכט גייט ער אויף ווי אַ חלום, און זאַלבט זיך פאַרן שוואַרצן דערלייזער.

אונטער אַ מאַנטנעם הימל אָן זון, אָן וואָלקנס, מילד מיט שווערן נאָסן שניי;
בלאַטיק זיינע הענט אין מיסט־גראָבנס. און ראַיען־אויף אַ נוצלעך שטיק אַלטוואַרג;
אָן איבערגעקליבענעם שוך, אַ פאַרזעען מלבוש, אָדער צעגראָבן האַלץ פון ערד.
אין זיין געצעלט ליגן צונויפגעזאַמלטע קליידער, צו דערנערן אַ מענטש פון קעלט.
אויפן פעלד צו אים ציען זיך שלעפּערס, פרויען, שוואַרצע און ווייסע,
און ער האָט פאַר זיי קיין גאָט נישט, ער קען פון זיי קיין תפילה נישט בעמען,
ר׳שענקט בלויז אַוועק דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרט עסן פון לייטיש מיסט.
די רייד זיינע זיינען ווי ביי אַלע נעגערס, פול מיט טרייסט און מיט אַ האַרץ פון רחמים.

כאָטש די זון וואָס שפּאַרט אויף זיין געצעלט אָן, איז ווי די זון פון דאָרף,
איז זי אָבער אַזאַ, וואָס פירט אים אַרויס צווישן מויערן אין דער האַרטער שטאָט

און פֿאַרוואָרפֿט אים אויף אַ רוישיקן ראָג, מיט אַ נאַריש פּנים און בעטנדיקע ליפּן —
און די אויגן זיינע זוכן אַ מענטש פֿון דער קעלט צו פֿאַרקויפֿן דאָס אייגענע העמד.

לאָנדרי

קוימענס אין ווייסן בלעך בלאַנקען מיטאָגדיק אונטער אַ הויכער זון.
סוחרדיק ווערט די גאָס, גרויסשטאָטיש דער האָדסאָן, די האָפּנס.
די לאָנדרי ביים נאָרד־ריווער האָט אַ סך אַזעלכע קוימענס, אַלע רויכערן מיטאָמאָל;
זיי שרייען ווילד צו דער גאָס, איבער צערויכערטע, אויסלענדישע באָרטנס.

שווערע פענצטער. שויבן זעצן אויף פייכטקייט פֿון צעפּאַרעטע וועש.
נעגערישע הענט פֿאַרווישן דעם ריח פֿון ברוד, העמדער ווערן ווייס־עלעגאַנט.
אונטער שוואַרצע הענט בלענדט ווייסער די האַרטקייט פֿון קראַכמאַליעטע לייוונט,
בוזעמס בויגן זיך שוואַרץ פֿון פּרעס און באַרירן די היימישקייט פֿון פֿרעמדע וועש.

ס'איז טונקל. ווענט זיינען שווייסיק־שווער און רינען ווי פֿעלדזן אין נעפּל.
ליכט איז פֿאַראַן אַזויפֿיל, וויפֿל ס'שלאָגט צוריק פֿון ווייס־צעהאַנגענע ליילעכער.
אינעם ליכט — גיסט־אויס טונקלער דער שוויס אויף עלענבויגנס און געזיכטער.
אויף שטריק — שרעק, אָפֿענע אויגן קוקן שטום אין ערגעץ נישט.
ברייטע אויגן, ווילדע נעז — פֿולע ליפּן, און דיקע פֿליישיקע לענדן.

פרעס־אייזנס טראָגן דעם כּוח פון נעגערשע אָרעמס, פלינקייט פון יונגע
פינגער;
קאָלנערס לויפן אַפּ שטייף מיט גיכע פּאַרע, ווי וואַרעמער שטויב אין ווינט.
אין האַלבן טאָג מונטערן אויף די וועשעריגנס טרויעריק־קיל אויף טראָטואַר.

אין דער שעה פון היכער זון בענקען זיי רואיק צום נעגערישן דאָרף.
ס׳איז שווער צו דערקענען צו זייערע פּנימער בלייכן צו זיי צערן.
אַז זיי מאָגערן ווערן ברייטער די נעז, שווערער הענגען די ליפּן.
נעגערס האָבן אַ טבע צו בייטן זייער געוויין ווען ס׳רינט פון זיי בלוט.

אין אָפּגרונט פון נעץ און ברוד פלאַמען קעסלען מיט געשמאַקן גליי;
נעגערישע הוילע ברוסטן, נאַקעטע הענט וואַרפן האַריק גענעצטע קוילן
און זייערע לייבער דער אָפּענער היץ אַנטקעגן בריען מיט בראַנד;
דורכגעברענט ברעכן זיך זייערע הויטן נאָך איטלעכן בויג פון רידל.

איבער רויטע אַקסלען יאָגן וואַרעמע רימענס אויף שטאָל און טריפן מיט אייל;
איטלעכעס מאָל טריפט־אַפּ אַ פרי׳שער טראָפּן איבער די שלייפן פון נעגערס
און מ׳ווייסט נישט צי ס׳איז בוימל, צי אויסגעשלאָגענער שוויס וואָס רינט,
די שטערנס זייערע גלאַנצן סיי־ווי־סיי ווי קופּער — ווי אויף אַלע נעגערס.

פון די קעסלען זידט דער ריח פון גרעט און שמעקט פון בעט, פון לייב.
נאַסע פרויען־הענט ציילן פּאַרזיכטיק שטויסן פייכטע, געוואַשענע בונטן.
זיידענע בלוזן פון אַקסלען, פון גלאַטע דעקאָלדן און פלאַכע בריסט,
טראָגן נאָך די שפּורן פון פּערפיום, פון גלוסט און געפלעקטן שאַמפּיין.

אין דער לאָנדרי צעפּאַלט די פרישקייט פון נעגערישע דאָרפס־קינדער.
פון צופיל היץ אָטעמען אָפּן זייערע מיילער מיט שטילן פּראַכעדיקן שום —
און גאַרן נאָך טרייסט, בענטשן גנאַדיק זייער זיידן פּעטערסאָן,
און זינגען ביי די פּרעס־אייזנס די זונטיקדיקע לידער פון נעגערישן דאָרף.

ווען ס׳טליען די שיפן מיט רואיקן רויך און ווייטן ליכט איבער שפעטן האָדסאָן,
קרייזן זיי אום פרעמד און ווילד, מיט אויגן וואָס שרעקן די ראָגן,
און נעמען אַריין אין זיך די היימלעכקייט פון פאָנאַרן און געלעכטערס;
אַמאָל שטרעקן זיי די האַנט צו פאַרבינדן אַ וואונד פון אַ שלעפער.

האַרלעמער נעגערס

אָוונטן וואָס פאַרגעסן אַמאָל צו צינדן די שטערן אויפן האַרלעמער הימל,
רינען־אָפּ פונעם „על״ מיט טונקעלן רעגן און שטאָלענער פוילקייט, —
און פירן נאָס אַהיים אַ שווערן נעגערישן טאַטן צו זיין הויז־געזינד;
אין זיין שטוב פאַרען די ווענט מיט אויפגעלייגטן ריח פון געקעכצן.

הענט וואָס ציען מעבל דורך פענצטער, פאַרציען ס׳שלאָפצימער מיט ראָלעטן
און גלוסטן צו ברייטע בעטן, צו געשפּאַנטע שוואַרץ־לייביקע קאָרסעטן.
ביינאַכט אין דער פינצטער זיינען במילא אַלע לייבער שוואַרץ און ווילד,
און צווישן זיך ווייסן נעגערס וועלכעס פנים פון אַ נעגערטע איז שיין.

פון נעכט אַזעלכע וואַקסן־אויס שלאַנקע, האַרלעמער נעגער־יונגען;
טעכטער וואָס ווייסן ווי אַזוי צו פאַרציען אַ היפט פאַר אַ מאַן אין גאַס
און קענען ווערן שטייף מיט רייץ — דורך בראַזירענעם זייד
מיט ריטמיש הייסן געזאַנג פון נעגערישע מעלאָדיעס.

האַרלעמער נעגער־יונגען זיינען שטאָטישער פון אַנדערע, פון אומעטום־
ניו־יאָרק.
זיי זיינען בלייכהויטיק און טראָגן שטענדיק געפּרעסטע הויזן, לאַקירטע שיך;
מאַנזשעטן מיט פּערלמוטערנע קנעפּ, שטייפע קראַגנס אויף אַ געשוירענעם
קאַרק;
אויף די פינגער — עלעגאַנטע רינגען, קלוגע מאַנירן נאָך ווייסער באַהעפטונג.

ניגראָס לעצטע טעג

ער גייט אויף מיט דער זון צווישן האָפּנס און וואָקזאַלן;
אין קליידער פון האַרטן לעדער, אָנגעגורטן מיט טרעגער־שטריק.
זיינע הענט רירן זיך שלאָף אין דער זון ווען זיי ציען מעבל דורך פענצטער,
ווען זיי לאָזן קאַסטנס אויף געשפּאַנטע שטריק פון די שיפן אַראָפּ.

ער גייט אויף מיט דער זון צווישן שלאַכט־הייזער, ווי אַ וואָליע־יונג —
און לאָדנט פאַר יאַטקעס פליישן און פעסער מיט געפּרעסטע הינער.
זיינע הענט שינדן נישט, טרייבערן נישט — ס׳פליישׁ נישט צו פאַרמיאוסן —
ס׳פאַרטוך אויף אים ברעכט זיך האַרט פון פאַרטריקנט בלוט און דיקן חלב.

מיט פולע טרויעריקע אויגן, מיט ווינט אין שווערן, שוואַרצן געזיכט,
גייט ער אום דורך נעכט, דורך הינטער־הויפן פון ראָסטיקן ברוכוואַרג.
זיינע אויגן גלוסטן צו זייטיקע אויסלאַגן, היימישע פענצטער און שטיבער.
ס׳העמד זיינס וויל ברודיק צעפאַלן אויף אַן איבערגעפרישט בעט.

אויף שטיינער אינמיטן טראָטואַר נעכטיקט ער דורך זיינע שטאָטישע נעכט.
טרוקענע ווינטן שוידערן־אויף זיין שלאָף, נעמען דורך זיין לייב;
אויפגעכאַפּטע קוקן זיינע אויגן צום הימל, צו דער לערער בלויקייט
און טראַכטן פון דער וועלט, איבער אים די לבנה שטייט הויך און יונג.

אין פאַרטאָג קען מען זען אויף אים אויפגעשלאָגענע, אָפּגעדריקטע שלייפן.
די קני שפּאַרן שוואַרץ דורך די קליידער, פון די אויגן רינט טויאיקע קעלט.
ר׳טראָגט נישט קיין וואונדן פון קיין געפעכט, נאָר פון שווערער שיכרות;
פון אַ האַרטן פאַל צו אַ מויער, אָדער פון אַ שטויס פון אַ גאַסן־היטער.

אויף דער זון פון אַלע טאָג שטייט ער הונגעריק ביי אַ נאַרישער מויער;
אַלץ אַרום די ראָגן ווערט הכנעהדיק פאַר אים מיט לעגענדישן טרויער.

אויף זיין פּנים — די פּרעכע, לאַכעדיקע בייטש פון טאָמס קאַבינע,
און ער ווערט פאַרכטיק ווי די שקלאַפן־פעלדער, מיט שרעק אויף זיינע ליפּן:

ר׳שפּאַרט ווילד און שוואַרץ און באַרירט גנאַדיק די קעלט פון גראַטעס.
זיינע אויגן — אימהדיקער קרימינאַל, די לעפצן בעטן רחמנות,
ווייל ר׳האָט געגלוסט ווי די טבע פון אַ נעגער — צו אַ ווייסער פרוי
דורך אַ צופעליקן בלענד פון אַ קני — און ווייטער גאַרנישט מער.

איצט לאַקערן הענט מיט ווייסע שטריק זיין האַלדז צו פאַרצוקן —
און ער — העל און פריש וואַרפט זיך ווי אין חלום — אינמיטן טאָג,
און ווייטיקט אינעם געלעכטער פון ווייסע פינגער — רופט צום לאַרד,
און בלייבט מיטן נאָמען אַזוי — הענגען אויף אַ בוים אין חלום דאָרט.

ל י נ ט ש י נ ג

ס׳פאַרציקן דיך ווייסע ווילדע הענט מיט אַ געפונענעם שטריק,
און עס קרייציגט אַ יולי־בוים דיין נעגערישן האַלדז;
אין זיין שווערער רייפקייט, אין זיין פולער בליאונג.
אין דער סאַמער גרינקייט פון בלעטער איז האַפטיקער די צווייג,
זי ברעכט זיך נישט אַפּ אונטער דער פּעטליע.
דער זון אַקעגן קלעקט דיין האַלדז מיט סימנים פון תליונס פינגער,
בלעטער שלאָגן ווי אַלעמאַל מיט טוי און רירן זיך לינד
און פילן נישט אַז ס׳טרייסלט זיי אַ ווינט פון אַ געהאָנגענעם.

הענגסט שוואַרץ אין געשינדענע קליידער.
די שאַנד דיינע שטאַרבט אַפּ אָפן און יונג.

גראָב שווערן אַראָפּ די פּאַרלאָשענע ליפּן
און ס׳שטומט דער בלענד פון דיינע שטאַרקע ציין.

דער גאָט, פאַר וועמען ס׳האָט געטרעט דיין זינגענדיק געבעט אַזוי טרויעריק,
קען זיך פאַר דיר אַציגד נישט ווייזן, ס׳שפּאַרן אים די פיס, די צוגענאָגלטע
העגט,
ער קען אַפילו נישט ז״ינס אַן אויג עפענען מיט אַ טרער נאָך דיר;
אָנגעמען ס׳לעצטע וואָרט דיינס פאַר אַ ווידוי — ר׳איז אַליין געקרייציקט.

נעגער!
בליסט אין אַ זומער־טאָג כאָטש דו העגגסט, כאָטש דו זעסט די זון נישט מער.
ס׳וויב דיינס בעט איצט אויס איר אָוונט אויף אַ זייטיקער שוועל פון אַ גאַס,
און ציילט איטלעכן פאַרטאָג שטיקער חלב אין אַ יאַטקע־וואָגן.

נעגער, ניט אויף דיר בלויז איז געפאַלן דער גורל פון פאַרלענדונג.
אַ סך, אַ סך, שטאַרבן אַזוי ווי דו. אַזאַ טויט איז איצט אַ מאָדע אַזאַ,
אַזוי נאָך שטאַרבן — שטאַרבט מען היינט אומעטום...

יונגען פון דער וואָליע

יונגען פון דער וואָליע, די שטאַרקסטע אין שטאָט;
פייערדיקע, מיט גרויסע גזשיוועס איבער די אויגן,
און מיט געזונטע קצבישע פּנימער, אַקסלען וואָס טראָגן געשאָכטענע קעלבער.
פון טרייבן קעלבער האָבן זיי האַרטע הענט, פון שינדן נבלות גלאַנצן זייערע
קליידער
און שמעקן מיט שעכטהויז, מיט פרישן בלוט, מיט יאַטקעס און רויע פליישן.

אין אַ יום־טוב־טאָג האָבן זיי ליב זיך צו פּוצן אין זעלנערישע מונדירן:
קורטקעס מיט מעשענע קנעפּ, אויפגעשטעלט די הויכע קעלנער
און די לעדערנע דאַשקעס פּאַררוקט אין אַ זייט — אַפּיצירייש.
אין רייטהויזן, ליאַקירטע שטיוול מיט שטילעטן אין די כאָלעווס,
שפּאַצירן זיי ריטמיש מיט כלות נאָכן קלאַנג פון זילבערנע שפּאָרנס.

מיילער האָבן זיי ווי זייערע מאַמעס די פּזשעקופּקעס,
וואָס שליענטשען אָן אין קעלטן מיט אויבסט אין מאַרק
און קענען שעלטן מיט בייזע קללות.
פון בלאָזן פייערטעפּ האָבן זיי צעפּאַדערטע ליפּן;
פון קוישן, זעק און רעגנס פוילן אויף זיי די קליידער,
און נעגל האָבן זיי שאַרפע וואָס קענען מאַכן וואונדן.

יונגען פון דער וואָליע, פון טאַטעס מיט באַן־פּיאַקערס;
פון פערד וואָס לאָזן זיך אויסגעשפּאַנטע אויף פרעמדע לאָנקעס פּאַשען —
פון זייערע רייד פילט זיך בראָנפן. טרוקענער ריח פון ביליקן טיטין,
און האָבן נישט קיין בושה צו קאָפּען די מאַמע, דעם טאַטן און די שוועסטער,
און צו וואוינען מיט ווייבער פון באַרדעל.
פון צופיל ווייבער גייען זיי אַרום מיט נאָכגעלאָזטע טריט,
און פון אויפזיין לאַנגע נעכט — טריפן זייערע אויגן.

אין פּוילישע ווינטער־נעכט בלאָנקען־אום זייערע שוועסטער
און האָבן ליב די ליבע ביי אַ גאַסן־טויער אונטערן פאַל פון שניי.
פון אַ הפקר־יונג עפענען זיך זייערע בריסט נאָך זייגנדיקע קינדער
און ווערן אַזוי אַ נאָך מאַמעס ביי'ם טריבן שיין פון אַ גאַסן־לאָמפּ.

יונגען פון דער וואָליע, די שטאַרקסטע אין שטאָט;
פּייערדיקע, מיט גרויסע גזשיוועס איבער די אויגן,
און מיט געזונטע קצבישע פּנימער, אַקסלען וואָס טראָגן געשאָכטענע קעלבער.
פון טרייבן קעלבער האָבן זיי האַרטע הענט, פון שינדן נבלות גלאַנצן זייערע
קליידער
און שמעקן מיט שעכט־הויז, מיט פרישן בלוט, מיט יאַטקעס און רויע פליישן.

ש ח י ט ה

קילע ווענט מיט שאַרפע שטאָלענע הענגערס.
לאַנגע, שמאָלע בלוטקאַסטנס פון רויטן צעמענט.
אויף די הענגערס — הענגען קעלבער מיט געשאָכטענע העלדזער;
לונג און לעבערס שטאַרן אַרויס פון אויפגעשניטענע בייכער.

און פון די שלייפן קוקן די אויגן נאָך אַפּיר ווי לעבעדיק.
בלוט טריפט שנעל — פון טריפן שלאָגט אַ פּאַרע.

עס ראַיען פליגן אין די ברייטע נאַזלעכער פון נבלות,
און די וואָס האָבן אַ האַרץ פון אַ קצב שינדן די פעל;
טרייבערן און שניידן אויס די אָדערן פונעם חלב.
קצבים מיט שווערע שטעקנס שלאָגן די אָקסן איבער די קנאָכנס;
זיי רייסן אויף די געמבעס און ציילן די יאָרן אויף די ציין.
אין שעכטהויז ווייגען די בהמות אַזוי ווי מענטשן,
און דער וואָס שעכט — שטילט דאָס געוויין מיט אַ חלף.

י אַ ט ק ע ס

פריש־געשונדענע פעלן הענגען וואַרעם, אויסגעהוילט און טריפן פון זאַלץ.
צעמענט דילן שלאָגן מיט פעטן ריח פון צעטראָטענעם חלב.
אָנגעלאָפענע הינט באַהויכן, באַשמעקן פאַרטאָגיקע טירן, נעכטיקע ביינער,
און ס׳גלאַנצן די שוועלן אָפּגעריבן פון זייערע נעז, פון זייערע צונגען.

קצבים אויף געלאַדעוועטע פורן לאָדענען פליישן אויף מענערישע אַקסלען.
ווענט פון אייזן־בעטאָן צעקילן די געזיכטער, צעפּאַרען די פליישן.
פון הענט רינט־אָפּ פּייכטע קעלט, אויף די פינגער טריקנט בלוט
און אויף די קליידער קלעפּן אָפּגעשפּרונגענע שטיקלעך רוי־פלייש.

קעפּ, אויפגעשניטענע קעלבער ציען שווערע געוויכטער אויף דער וואָג.
פון הילצערנע פעסער שפּאַרן געפּרעסטע פליישן, שווייסיק פון זאַלץ,
אויפגעבלאָזענע פענכער׳ס הענגען אָנגעצויגן און דרייען זיך גרינג,
און גויים מיט שאַרפן — האַקן קנאָכנס, אַרום די קלעצער ראַיען הינט.

טרויעריק געקוילעט הענגען לעמער מיט געשלאָסענע אויגן נאָכן חלף.
אויף זייערע בייכלעך די מאַמע־בריסטלעך הענגען פריש ווי לעבעדיק.
לעמער אין די יאַטקעס הענגען ווי גאַנץ, די גופים אין גרוי־ווייסע וואָלן;
אויף זייערע קלאָענס קלעפּן נאָך די שפּורן פון בלאָטיקע לאָנקעס.

קצבטעס טרייבערן, נאָך איטלעכן ריר ציטערן לויז זייערע בריסט;
מילד בלאָנקט דאָס מעסער, און ווייס פיבערט זייער נאָנטער דעקאָלט;
די בוזימדיקע וואָרצלען שפּאַרן דורכזיכטיק־גלאַנציק דורך זייער בלוזע.
שאַרף און סאָרטירט ליגן האַקמעסערס הינטער גלאָז, זאָלן נישט ראָסטיקן.

יונגען אין ווילדע האָר, ברודיקע פינגער — גרייטן די אָקסן צום חלף.
נאָך זייערע טריט פלאָנטערן זיך הינט, פאַרצוקן די סימנים פון בלוט.
פאַרטאָגיקער־טוי טייעט אויף די צעבייטשטע פעלן פון אַנגעיאָגטע פערד;
די פורן טריפן פריש פון רויע פליישן — פאַר אָפענע יאַטקעס.

הינט

הינט פון פאַרטאָג — מאָגערע, הויכע, שטילע און פאַרכטיקע,
האָבן אַ טבע צו גיין אָפּגעזונדערט אויף אַ געלאָסענעם קייזער־וועג
און לעקן אַמאָל אָפּ פאַרטריקנט בלוט פון אַ יאַטקע־וואַנט.
זייערע צונגען זיינען הייס און קענען אויפטייען אַ געפרוירענעם קצב־שטריק.

הינט פון גלוסט אין זאַווערוכעס, הינט פון ווילדן געפעכט נאָך אַ ביין,
זייערע פעלן שיילן זיך געשלאָגענע, אָפּגעריסענע פון ראָסטיק מיסט.
זיי בלאָנקען שטענדיק מיט אַ וואונדיקן פוס אין קעלטן איבער האַרטע פעלדער;
אַמאָל מיט שפּירנדיקע נעז צווישן וועלדער און טריט פון אַ פאַרצוקטן יעגער.

אויף טונקעלע טראָטואַרן שווימען זייערע צונגען, די אויגן שטאַרן מיט
בליאַסק.
שטייף לאָקערן די עקן נאָך באַהעפטונג צו אַ היימישן הונט פאַרטאָג.
הינט אַזעלכע — מאָגערע, הויכע, שטילע און פּאַרכטיקע;
פאַר אַ פּלוצימדיקן קלאַפּ לויפן זיי אַפּ געשווינד אין שרעק.

ווינטער, ווען פרעסט ברעכן דעם גאַנג אין גאַס און לבנה צעגליטשט דעם שניי,
ציט די פאַרע פון זייערע פעלן, ווי פון אַ ווינטער שויב אין אַ זוניקן טאָג.
פאַרטאָג זיינען זייערע נעז ווייס און פאַרלאָפּן און שאַרף נאָך רוי־פליייש.
און שטאַרבן אַמאָל טרויעריק און פאַרשטאַרט אין אַ פאַרשאַרטן רינשטאָק.

ראַטיש, דער וואָליע יונג

אַזאַ יונג מיט לאַכעדיקע ליפּן, ראַזעווע באַקן און בראַנדיקע הענט.
אינעם לערן מאַרגן הילכט אַפּ זיין בייטש איבער פרישע אָקסן.
אַזאַ טבע ביי אים אַרומצוגיין אויף טאַרגאָוויצעס באַטאַפּן קעלבער;
פון אַ יונג־געשאָכטן לעמעלע אַראַפּציען די פעל אָן אַ מעסער.

פון זיין מויל הויכט וואַרעמע נבלה־פאַרע, ריח פון פערד און שטאַלן.
זיינע קליידער זיינען שווערע און שטענדיקע — פאַר זומער, פאַר ווינטער:
די קורטקע פון פערדס פעל, די אַרבל — מיט פאַרקלעפּטע שטיקלעך פליייש.
אַ יונג אַזאַ מיט לאַכעדיקע ליפּן, ראַזעווע באַקן און בראַנדיקע הענט.

אין זיינע קליידער און אַזעלכע הענט שפּאַצירן מיט אים דינסט־מיידן
מיט צערודערטע בוזימס וואָס גלוטיקן צווישן זיינע ליפּן.
אַזאַ ווילדקייט אין אים וואָס מאַכט אַ לייב פון אַ פרוי אומבאַהאָלפן
און ווערט מאַט, נאָכגיביק פון זיינע הייסע הענט, צו דער ערד אַראַפּ.

לעם פריע יאַטקעס וואַרט זיין מאַמע נאָך אומזיסטיק, פאַרלייגן פלייש.
אויף אירע עלנבויגנס — קוישן חלב, אויפן שלעפּ — געטרוקנט בלוט.
קעלטן ברעכן די הויט פון אירע הענט, צעיאַרזשען די פינגער אין וואונדן.
אין איר פוילער שטוב באַהעפט זיך די טאָכטער מיט אַ זעלנער אין העלן טאָג.

ראַטיש אַ פאַרלוירענער אויף אַ נאַכטיקער שוועל זינקט אין אַ הייסער שויס;
אין זיינע פעסטע קני ראַנגלט זיך אַ פויערטע ווילד
מיט אַ צעשויבערטן, שיכורן קאָפּ־האָר אונטער זיינע ציין, —
אין רגעס פון אַ נאָענטן האַלדז, גלוסטן זיינע הענט נאָך אַ חלף.

ש ע כ ט ה ו י ז

קיל און ווייך רוישט דער בלענד פון חלף אויף שטיין.
ס׳פרואווט די שאַרף זיך אויף נעגל פון פאַרבלוטיקטע פינגער —
און רויט גייט אויף דער טאָג אויפן האַלדז פון אַ קאַלב.
אונטערן שניט — צאַפּלען די געבונדענע פיס איטלעכע רגע.

אַז די קעלבער הענגען געקוילעט בלייבן שטייף די אויגן אָפן;
די צונגען אין דרויסן אויסגעשטעקט, פאַרקלעמט צווישן די ציין.
וואַרעם עפענען זיך די בייכער און גליווערן פריש אין די פינגער;
אין די הענט גליטשן זיך מילצן, ס׳זינגען גויים ביים שינדן די פעל.

אויפן וועג צום שעכטהויז שטומען די בהמות אונטערן הייסן רוט.
די פעלן לויפן־אויף דיק און נאַס מיט שלאָגנדיקער צעהיצטער פאַרע.
די פון שטענדיקן טרייבן רינדער — האָבן אָנגעיאָגטע געזיכטער,
און טראָגן זיך אַרום מיט שטריק, חתימות צו זיגלען געשאָכטענע בהמות.

ווענענער פאַרן שלאַכט־הויז שווערן אַריבער מיט יונגע לעבעדיקע קעלבער.
אין שעכטהויז הענגען די קעפּ, די לונגען סאָרטירט, און טריפן באַזונדער;
אויפן דיל אַ פאַרוואַלגערט אויג, אַ צאָן, אַן אָפּגעשפּרונגענער קלאָען.
הינט, מיט אָפּגעריסענע שטריק, לעקן די שעכטהויז־ווענט.

אַ ממזר פון דער וואַליע

ר׳איז ווילד מיטן בלוט פון אַ סך טאַטעס,
ווייל ס׳האָט די מאַמע זיך נאַקעט אויסגעטאָן פאַר געלט.
כאָוועט ער זיך אַ שטאָטישער לעם טאַרגאָוויצעס און שעכטהייזער,
און ס׳ווייסט קיינער נישט אויף דער וואַליע צו וועם ר׳געהערט.

פון שרעק פאַר כל־נדרי — ציט ס׳האַרץ זיינס נאָך תפילה.
ער ווערט גאָטפאַרכטיק צווישן אַ סך געל, געצונדענע ליכט.
ווען ס׳רירן זיך אויף די ווענט קעפּ אין קיטלען און געהילטע טליתים, —
ר׳וויינט צו גאָט, פאַרוואָס ר׳האָט אים פאַר אַ יונג אַזאַ באַשאַפן.

ר׳וויל די שטראָף פאַר דער מאַמעס זינד, פאַר איר באַהעפטן מיט איטלעכן מאַן.
אָ, פאַרוואָס האָט זי דאָס קינד צו דער ערד נישט אָפּגעגעבן!
ער שעלט דעם, וואָס האָט אויסגעוואָרעמט דער מאַמעס לייב,
און טוט תפילה מיט פּחד, ווי ס׳וואָלט פאַרן עמוד גאָט געשטאַנען.

די וואָליע

שטערן איבער דער אָוונטיקער וואָליע אַנטפּלעקן זיך וואָרעם אויף אַ גרינגן הימל
און פאַרשיכורן די פענצטער פון ווײַנקעלערס, די שויבן פון באַרדעל־הײַזער.
קאַשטאַן־ביימער ציטערן דערשראָקן און טריב אונטער גאַז־לאָמפּן
און באַשאָטענען שפּאַצירנדיקע גאַסן־פּנימער, מונדירן פון שפּעטע זעלנער.

אויף קעלער־טירן ראָסטיקן טרוקענע שלעסער מיט געלן, אָפּגעשיילטן זשאַווער.
פערד שטייען אויסגעשפּאַנטע מיט צערייצטע נאָז־לעכער פון היי־ריח
און שוימען מיט די געמבעס מיט די צוימען, פון בענקשאַפט נאָך אַ שטאַל.
טרויעריק אַזוי, אָוונט די וואָליע אין נאַסן מיסט פון באַטאַגיקע בהמות.

אויף דער וואָליע נעכטיקן שטענדיק געציילטע קעלבער פאַר דער מאָרגן־שחיטה;
און איבער זיי — וואַכן יונגען אויף שטרוי, מיט שטריק, מיט טליענדיקע לאַמטערנעס.
פויערטעס אויף פאַרבליבענע פורן דרימלען איבער חזירים אין פאַרבונדענע זעק.
ביים צענומענעם געשפּאַן שטייען אָפּגענוצטע פערד מיט איבערגעפּרעסענע בייכער.

באַן־סיגנאַלן רײַסן־איבער די פינצטער מיט גליענדיקן רדיך פון לאָקאָמאָטיוון;
מיט צעפּאַלענעם ריח פון קוילן, פון נאַפּט־וואַגאָנען און אָפּגעשטיגענע רינדער.
ביי די מאַגאַזינען זינגען טרעגער־יונגען מיט שיקסעס אויף זייערע שויסן
און גלוטיק רויטלען זיך זייערע געזיכטער אין קאַלטע נעכט, אין ווילדן לוסט.

קאַרג בלויט די נאַכט אויף שלאָפנדיקע וויעס פון קצבטעס און מאַרק־יידענעס.
זייערע פּנימער — זאַרגנדיק־שטיל, די פינגער־שפּיצן גלאַנצן גראַשנדיק.

פייערטעפּ, פאַררעגנטע אויבסטן וועקן אין זיי די פוילע בלוטן נאָך אַ קעלער־בעט.
אומעטיק אַזוי — זיינען אַלע טאַרגאָוויצעס, אַלע שעכטהייזער, אַלע וואַליעס.

שעפּסן אין ניו־יאָרק

אויף זייערע פעלן קען מען נאָך זען די שטילקייט פון זוניקע בערג,
און אין די אויגן — דאָס אַנטשוויגענע לשון פון מילדן פּאַסטוך.
פּראַכט־וואַגנס לויפן מ׳יט זיי גרינג, אָנגעדרענגט און שטום;
די העלדזער אָנגעשפּאַרט אויף די רוקנס איינע אויפן אַנדערן;
די קעפּ וואַלגדיק צו די בייכער געטוליעט פון שרעק פאַר ניו־יאָרק.

שטריק האַלדזן זיי ביינאַנד לויט דער סטאַדע, לויט דער וואָג.
אָפּגעשוירענע, ציטערן זיי קאַלט אין אַ ווייסן שבט איבער מאַנהעטן־בריק;
עס וועגדט קיינער נישט אָפּ אויף זיי קיין אויג, אָדער אַ גלעט פון אַ האַנט.
אין געשווינד פון ניו־יאָרק פילן זיי דעם ווילדן וועג צום שלאַכטהויז,
און שטום צעפּאַלט שעפּסענער גנאַד איבערן איילנדיקן וועג צום חלף.

פיר מאָל הונדערט שעפּסן הענגען צום דיל מיט פאַרלאָפענע העלדזער בלוט.
די ווענט אין שעכטהויז זיינען אויפגעלייגט מיט אָפּגעשלאָגענער זון.
מעסערס פיבערן פלינק אין די הענט פון רויט־פּנימדיקע גויים;
זיי שינדן נישט די פעלן נאָכן חלף, נאָר הוילן־אויס די בייכער.
היגע קצבים הענגען אויף אַ שעפּס ווי לעבעדיק אין די יאַטקעס.

שעפּסן אין ניו־יאָרק קען מען גרינג פֿאַרזען כאָטש מען פֿירט זיי אָפּענע,
ווייל מערסטנס זיינען גרויע — און גרויע בייט נישט די פֿאַרב פֿון די מויערן.
ניו־יאָרק איז צו גרויס נאָך שאָף און רינדער צו טרויערן.
אימהדיק פֿאַלט אויף זיי אַזאַ שטאָט — מיט פּחד קוקן די אויגן.
הי, לאָזן זיי נישט נאָך זיך קיין קלאָגנדיקן שטויב, קיין וויינענדיק קויל,
נאָר אַ לעצטן מעת־לעת — פֿון פֿאַסטוך צום חלף.

אַ לוויה

אַ מענטש טונקלט לעם אַ טויער און שילט דעם טאָג פון נאָוועמבער.
אַ ייד אין אַ שאַל ברעכט דעם ווינט מיט צדקה תציל ממות.
דער מענטש וויינט נישט נאָר גייט געבויגן נאָכן רוי־געהובלטן קאַסטן
און פירט מיט מיט זיך אַ דערוואַקסן קינד שטיל אויף שנייאיקן אַספאַלט.

ווייכע רעדער אין דער נעץ פירן אַ פרישע טויט־מאַמע ווייס צו קבורה.
נאָך דער לוויה יאָמערן שכנים, פרויען רייסן זיך פון מענערישע אָרעמס.
קינדער אין דער פאַרבליבענער שטוב שפּילן זיך ווי אַלע מאָל אויפן דיל
און ס׳אַרט זיי נישט די פאַרהאָנגענע שפּיגלען, דער מאַמעס לער בעט.

ביינאַכט, ווען די מאַמע צעגראָבן דעם קבר און זיך לאָזן צוריק צו דער שטוב
און מיט קרוכלע פינגער אויפפרישן ס׳וויגל פון קינד מיט ריינעם געוואַנט,
צעשפּיליען די תכריכים און שטופּן די הוילע ברוסט צו די ליפּלעך פונעם קינד
און אויסוואַשן דערנאָך אַלע ווינדעלעך, זיי צעהענגען אויף שטריק אין דער
נאַכט.

דער טאַטע וועט אין אַ שטאָט וואו שטרעקן די האַנט צו דער גאַס.
ער וועט אַרומגיין אין דינע קליידער, זיך לערנען העפלעך מענטשן באַגריסן.

פאַרטאָג, וועלן אים איבערלויפן שלעפערדיק די אויגן פון ביינאַכטיקער קעלט
און וועט אויפקלייבן אימיצנס אַ שוך, אַ שמאַטע זיך צו פאַרבינדן אַ וואונד.

אַ פאַרגעסענער, וועט ער שטיין פאַר ווינטער־פייערן מיט פאַרשטאַרטע הענט
ביז אויפטייען וועט די קעלט פון דער הויט און טריפן פויל וועלן די פינגער.
יאָ, אין אַ שטאָט וואו, וועט דער טאַטע שטרעקן חשונדיק די האַנט צו דער גאַס
און אויף אַ שטענדיקער שוועל צו זיך שטאַמלען דעם נאָמען פונעם ווייב.

מענדזשן סטריט

הי, זיינען אויך פאַראַן יונגען אַזעלכע ווי די יונגען פון דער וואַליע.
כאַטש אין די קליידער זעען זיי אויס לייטיש, ציכטיק און שלאַנק,
אויף די פנימער אײדל און האָבן הענט מיט ווייכע גוטע פינגער,
זיינען זיי פלינקער צו בורשטינענע פיסטוילן, איידער צו טרייבן קעלבער.

יונגען פון מענדזשן סטריט האָבן אַ האַרץ וואָס קען הרגענען אַ מענטש;
זיי רעדן שטענדיק פון מערדער־בלוט און זיינען קלוג צו שטרענגע מונדירן.
אין זייערע טונקעלע שטיבער הענגען נאָך אָפּגעשיילטע היימישע בילדער
און פרעמד איז זיי די מאַמע, דער טאַטע מיט דער „גרינער" שפּראַך.

זיי זיינען יונגען פון טאַטעס, וואָס ציען צו באַרטנס מיט אָדערדיקע הענט;
אָדער שטייען אין גריבער און וואַרפן פון זיך רידלס טיפע ערד.
מיד און לומפיש פאַלן די זין אין די קליידער אויפן בעט — פאַרטאָג;
פון זייער שלאָף בלאָזט זיך שוימיק זויערער ריח פון בראָנפן און פּרויען.

אַז ס׳ווערן אָוונטדיק זייערע שטיבערדיקע שויבן לאָזן זיך זייערע מאַמעס
צו דער גאַס

און וואָרפֿן איבער מיסטקאַסטנס וואו ס׳כאַוועון זיך קלוג אַלערליי קעץ.
די טעכטער זייערע האָבן אַ לוסט צו זייד, צו יונגען ווי זייערע ברידער,
און קענען זען בלוט פֿון אַ מערדערס וואונד אין שיכּורות ניו־יאָרק־פֿאַרטאָג.

מענטשן וואָס רעדן צו זיך

אויפֿן ברעג פֿון טראָטואַרן גייען זיי אָפּגעזונדערט מיט נאָכגעלאָזטע בליקן;
מיט בינטלעך אונטער די אָרעמס און שמייכלען צו די רינשטאָקן.
זיי וואָגלען־אום איבער הפקרדיקע הייף, גלעטן קעץ, הינט אויפֿן מיסט;
פֿאַר ליבשאַפֿט קלויבן זיי פֿאַר זיי שפּייז און רעדן צו זיי ווי צו מענטשן.

פֿון שטענדיקן דרויסן זיינען די קליידער זייערע פּראַסטיק, פֿון זון פֿאַרברענט;
די פּנימער שטעכיק פֿון בערד, הינטער די קאַפּעליושן קריכן פֿאַרלעגענע האָר;
אויף הוילע האָריקע לייבער טראָגן זיי בורניסן, אָפּגעריבענע אָן קנעפּ.
און גייען אָרום מיט הויכע אָנגעקליבענע קעשענעס — נאַרישע שטיקלעך
אייזנס.

אויף קילע אָוונט־טרעפּ פֿון שטילע קלויסטערס דרימלען זיי מיט אָפֿענע מיילער
און ס׳פֿאַרעט פֿון זיי וואָרעמער ראַסטיקער ריח פֿון ברוכוואָרג אין הינטער־
הויפֿן;
זייערע עלנבויגנס טראָגן פֿאַרוואָקסענע זיגלען פֿון אָפּגעטער און מיידלעך —
מיט זייערע צעהאַקטע שלייפֿן, צעביסענע הויטן שרעקן זיי לייטישע דורכגייער.

אַמאָל האָבן זייערע אויגן געגלוסט צו אַ וואָרעם העמד פֿון אַ פֿרוי;
נאָכגעגאַנגען דעם ווייב מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן קינד — פֿון אַ קרוב ביינאַכט —
איצט גייען זיי אָרום מיטן פּנים צו דער ערד און גאָרנישט וואונדערט זיי,
אין צעשנירטע שיך — איינעם אַזאַ, איינעם אַזאַ, און רעדן צו זיך.

ביינאַכט זוכן זיי היימלעכקייט ביים שוי־פענצטער און רעדן צו לאַמטערנס.
אַלע טאָג לויפט אויף זיי אויף אַ געשוואָלענע ברעם, בלוט איבערן געזיכט.
פליגן וואָס האָבן פיינט זיסקייט און זשומען בלויז אויף פעלן און אויף קרעץ,
שטעלן זיך אָפּ אויף זיי ווען זיי שלאָפן צעלייגט איבער דער אָפענער שטאָט.

נאָבעלע פאַרבייגייער טרעטן געשווינד־אָפּ דעם וועג פון זייער שיכורן שלעף.
ס'ווייכן פון זיי מיידלעך וואָס זיצן פאַרנאַכטיק מיט לויז־צעקאַמטע האָר;
מיט צענומענע פיס, און מיט אַ ברוסטיקן־שריינט וואָס בענקט נאָך אַ ראַנדעוואו.
מענטשן וואָס רעדן צו זיך שטאַרבן אויפן ברוק, אָדער אונטערן קלאַפּ פון
אַ שילד.

טשיינע-טאַון

אויף רוי־ברוקירטע שטיינער רירן זיך כינעזער דינהויטיק, געלזיכטיק;
מיט קילע אויגן און גלאַט געוואַשענע הענט — פון געשיר און גרעט.
מאַמעס מיט הויך־פאַרקאַמטע האָר דערמאָנען; ס'איז פאַראַן שטילקייט;
די שטאָפענע טריט פון זייערע ווייכע מעשטעס ווייטיקן נישט די ערד.

ביינאַכט אין טשיינע־טאַון צינדן זיך לאַמטערנס דערשראָקן ווי מאַטער זייד.
שכנישע פענצטער דרינגען אַריין ס'אינעווייניקסטע ליכט פון טשינק־הייזער;
די ראָזעווע שטילקייט פון לעמפלעך וואָס טריבן פאַרביק אויף אַטלאַס;
אויף גיישעס, וואָס שפּרייזן מיט רויכערדיקן אָפּיום — נעפּלדיק אַרום בודאַ.

אויף בודאס שויס זיצן אויסגעטאָנענע מיידלעך, קושן זיין פאַרמאַכט מויל,
און ער — זיצט שטום אין בראָנדז, פאַרשעמט ווי ר'וואָלט געגלוסט צו זיי.
אים, איז היימלעכער ווי יעזוסן, ר'הענגט נישט אויף אַ דרויסנדיקן קלויסטער,
און ס'וויינט נישט פון בודא ס'בלוט מיט ווינט וואָס בלאָזט פון אַ געהאָנגענעם.

בודאַ בלויט אין ווירויך געהאָלדזט פון יונג־פרויען אויף אויסגעבעטע
טעפּיכער.
ער צעוויקלט דעם אַטלאַס און פאַרציט היים די ראָלעטן פון טשינק־הייזער;
געסט זאָלן געניסן דעם באַריר פון גיישעס הינטער פאָרהאַנגען,
וואָס ליגן אויף פליוש מיט גלוסט און לוסט פאַר בודאס אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

קוילנברוך

אַז איבער די קוילן־מינען גייט אויף אַ מילדע זון
פינצטערט טונקעלער נאָך די הייל
און ס׳ווערן שווערער די געפּאַנצערטע לענדן אויף די גרעבער
מיט געגורטע לעמפּ, שטריק מיט העק און סיגנאַל־פענדלעך;
די אויגן הינטער געשליפן גלאָז, אויף די מיילער אָטעמדיקע רערן.

אין אָפּגרונט איז פעלדזנדיק, קיל און טיף.
לאָסטן רירן זיך רוי און גאָלדיק מיט קוילנברוך פון די גראָבבנס.
אויף די קליידער פּיכטע, אָנגעקלעפּטע שטיקער ערד;
הענט מיט רידלעס וואַרפן שווייסיק — געהאַקטע שטיקער.

שווער און נאָכגעלאָזט זינקען ברייטע טריט אויף צעוואָרפענע שטעגן;
פון צוגעוואוינטע גריבער שווינדלט העל דער דרויסן פאַר זייערע אויגן.
ס׳קומט זיי אַנטקעגן אַ טרזיעריק ווייב מיט פולע אויגן פאַרכט,
אַ גנאָדיק קינד וואָס נעמט אָפּ אַמאָל דעם גרימצאָרן פון אַ פעלדז, —
דעם טויט פון אַ טאַטן וואָס רייסט אים אָפּ — און פאַרשיט.

אַז איבער די קוילן־מינען גייט אויף די לבנה שווייגנדיק,
ווערן טעמפּיקער די שטיבער, שווערער די דילן.

אויף די ווענט טרוקענעז צעהאַנגענע שיך און טריפן זומפּיק,
און פאַרנאַכלעסיקט דרייט זיך זום די מאַמע.
דער באָרוועסער טאַטע אָטעמט אויפן געלעגער געשמאַק און האַריק.

איבער זייערע דעכער רוישן וואַלד־ווינטן בלעטערדיק און טרוקן
און שלאָגן זיך אָפּ ווילד אין אַ טיר, אין אַ פענצטער.
קעלטן אַנגעלאָפענע פון ווייסע וועגן ציען דורך צעבראָכענע שויבן
און בויגן אַ נאַפּט־לעמפּל — פונעם ליכט דורכן פענצטער אין דרויסן
שאָטנט אַ דורכגייענדיקער מענטש אויפן וועג צו קוילנברוך.

ל ו מ פ ן

זיי גייען אַרום גרזיסשטעטיש דורך לאַנגע נעכט, דורך שפּעטע ציפּערבלעטער
אין דינע קליידער עלעגאַנט אויף פרעסט, גרינג באַוועגן זיך זייערע אָרעמס.
די קעפּ מיט הוילע גזשיוועס האָר, אין די פינגער געשענקטע פּאַפּיראָסן —
פון זייערע צונגען רינט זויערער ריח, זעט צו ווייַנקעלערס און צו שיכרות.
אין כסלוודיקע אָוונטיקע ווינטן, בלאָנקען זיי אום מיט געאָרעמטע ביכער,
מיט געבאָרגטע פרויען, און ציען צו וואַרעמע קאַפעען.

אין זייערע בוידעמער דרינגט די לבנה אַריין אויף אַלערליי בילדער;
אויף נאַקעטע פרויען און אַמאָל אויף אַ צופעליקן קינסטלער.
זייערע פענצטער אין פראָסט, שלאָגן מיט פּאַרע צו דער זון אַרויף,
און חלבנע ליכט מונטערן אויף די קעלט אין שטוב. פון די ווענט געשיילטער
קאַלעך.
ס׳ברודיקן צעוואָרפענע געלעגערס פון אַ סך נעכטנס, אָן לייַלעכער, אָן
געוואַנטן;
אויסגעמוטשעטע און צערודערטע פון פרעמדע ווייבער.

זיי לאָקערן אום אין נאַכטיקן ליכט פון דרויסנדיקע לאַמטערנס,
און זוכן שטענדיק אַ הויז־נומער, דעם רויש פון קאַפּע און ס'הייסע אויג פון
אַ פרוי.
זייערע פנימער פיבערן מיט אומרואיקן גלוסט, מיטן גלאַנץ נאָך אַ ראַנדעוואו;
אינדערהיים — צערן־איין זייערע געזיכטער פון גמאוסדיקע ווייבער.
פאַרטאָג קען מען אויף זיי נאָך דערקענען שפּורן פון אַ דרויסנדיק געלעגער,
פאַרקרעמטע קליידער, אַ פאַרשלאָפענע וואונד אויף אַן אָפּגעדריקטער באַק.

דיוויזשאָן סטריט

קעלערס מיט אַנגעקליבענע סאָרטירטע רעק טריבן פון חלבנע ליכט.
אַ פאַרלעגענער שמאַטע־ריח פון שטויסן, געטראָגענע קליידער ציט.
פערד, וועגענער מיט שטאַליקן שימל שטייען אָוונטיק אויסגעשפּאַנט.
אויף קאַלטע שויסן פון דורכגייענדיקע שלעפּערס זעצן זיך היימישע קעץ.

ביי די מויערן רינען אָפּ צעוואונדיקטע מענטשן מיט פרישן בלוט איטלעכן טאָג;
ביינאַכט שטייען זיי נאָענט זאַלבעצווייט און קוקן זיך וואָרעם אין די אויגן,
זייערע רעקלעך טראָגן אויסגעוואָלגערטע קנייטשן פון קאַסטנס און געזימסן,
זייערע טריט ווייען מיט ראָסט פון שטויביקע שוועלן און נאַכלעסיקע שלעסער.

דאָ, שליענטשען נעגערס־אָן — פאַרצירעוועון רואיק אויף זיך די קליידער.
נעגערטעס געלעמטע און בלינדע, וואָס האָבן נישט דעם רייץ פאַר אַ לייטישן
נעגער,
טראָגן פון זיי באַהעפטונג און פאַרגייען אין שיכרות מיט צעכראַסטעטע לייבער;
בייטאָג קערן זיי זיך אום מיט צעפּאַלענע געזיכטער און פאַרקלערטן שוויגן.

קעלערס מיט אָנגעקליבענע סאָרטירטע רעק טריבן פון חלבנע ליכט.
אין די שויפענצטער ליגן אויסגעדינטע מונדירן פון באַפעדערטע זעלנערס,
קאַלטע פעלד־פלאַשן און אַלטע ביקסן דערציילן פון צעשאָסענע פעלדער,
פון שטעכיקע דראָטן און אָפּגעריסענע קעפּ, פאַרשאָטענע אויגן.

אַז ס׳נעמט טונקלען אַזאַ גאַס ווערן הייס די שוועלן מיט תאוהדיקע לייבער.
מיידלעך, וואָס הויבן ערשט אָן רייפן ראַנגלען זיך מיט גלוסט אויף שויסן,
און שטילן מיט אויגן־גלי זייערע הענט היגטערן העמד פון אַ יונג.
אַראָפּגעזעצטע שטרויזעק צעהאַנגען אויף באַלקאָנען אָנטפּלעקן די נעכט.

ש פּ י ט אָ ל

אַ הויז מיט הויכע מויערן —
אַ סאָד מיט שווערע צווייגן פּירות..
ביים טויער אַ שטילער שומר
שלאָפע מענטשן קוקן דורך די שויבן.

ס׳שמעקט פון מאַשטשן און מעדיצינען
ווייסע שוועסטער איבערפרישן די בעטן;
אַ געווינערין שרייט דורך פאַרמאַכטע טירן.
דאָקטוירים היילן, זאָגן נישט ווער ס׳האַלט ביים שטאַרבן.

ביינאַכט אין איטלעכן קאַמער ברענט אַ פלעמל,
ס׳גייען אַרום וועכטערס האַרכן צו יעדן קראַנקן;
די טויטע וויקלען זיי איין אין אַ שטיל ליילעך
און צומאָרגנס איז אין בעט קיין שפור נישטאָ,
אַז אַ מענטש איז דאָרט געשטאָרבן.

I AM BLIND

טוסט גוט וואָס דו טראָגסט אַ שילדל — אַז ביסט בלינד.
אַז נישט וואָלטן מענטשן געמיינט דו נאַרסט זיי מיט די אָפּענע אויגן.
ביסט אַ בלינדער, וואָגלסט אויף עוועניוס מיט בלינדע אָפּענע אויגן;
מיט אַ קופּערנע פּושקע און מיט אַ קיישל שניר־בענדלעך אויפן אָרעם.

קלאַפּסט מיטן שטעקן אויף טראָטוּאַרן, זעענדיקע זאָלן דיך נישט פּאַרזען,
און ביי דיין האַנט, וואָס קען דערפילן דעם ווערט פון אַ בלינדער מטבע,
נעמט דיך אַמאָל אָן אַ קינד פון גאַס און פירט דיך איבערן וועג.

מען דאַרף זיין קלוג צו זיין אַ בלינדער אין אַזאַ שטאָט ניו־יאָרק;
צו קענען אויסווייניק אַזוי פיל וועגן, ווי אַ זעעוודיקער מענטש,
און אַרומגיין בעטלען דורך דער לענג פון אַ לויפנדיקער סאָבוויי.

די וואָס זיינען נישט קלוג און האָבן נישט ווער עס זאָל זיי פירן,
מוזן שטיין אויף אַ שטענדיקן אָרט מיט אַן אויסגעשטרעקטן טעלער
און שפּילן אַן אויסגעלערנטן ניגון אויף אַ טרזיעריקן האַרמאָניק.

ב ר ו כ ו ו אַ ר ג

אויף זוניקע פעלדער — אָפּגעשטאָנענער ערד, ראָסטיק וואַרעמער ברוכוואַרג.
צום הייסן ראָסט בויגן זיך פּאַרטאָענע, שוויגנדיקע אייזנקלויבערס.
פון אָנקלויבן האַרטע זעק זיינען זייערע הענט צעריסן פון שאַרפן בלעך;
געל זיינען זייערע פינגער, צעשניטן און צעפּאַדערט פון זשאַווערדיקן פּראָך;
אויף זייערע קליידער גרינט שטילער מאָך און גלאַנצן אָפּגעטראָגן.

אומעטום וואו ס'ליגט אַנגעוואָרפּענער ברוכוואַרג וואַקסן גראָזן הויך און ווילד.
נאָס צעקריכן זיך פּוילע שלאַנגען אין אַ גליטשיקן רעגנדיקן טאָג.
פּעסט אין דער ערד זינקט אַ צעבויגענע שילד, אַ שטיק לאַסט־וואַגאָן;
אַ פאַרנאַכלעסיקטער אַפּגאַט, וואָס וועקט נישט מער ס'אויג פון אַ דורכגייער,
נאָר אַ זעלטענע תּפילה פון אַ שכן ווען ס'שטאַרבט ביי אים אַ מענטש.

אויף אַזוינע פעלדער גייען אום פאַרנאַכלעסיקטע מאַמעס, ייִנגלעך און נאַ־
רישע טאַטעס.
זיי גייען אום האַרבסטיקע סיי אין פראָסט, סיי אין דער תמוזדיקער זון.
פאַרנאַכט שמעקן זייערע הענט, זייערע באָרוועסע פיס ווי שטויב נאָך רעגן;
האַרט זיינען זייערע פיס פון צעטראָטענעם קוילן־גריז, גלאָז און שטיינער —
פון זייערע מיילער רינט סלונע, קלעפּעכדיקער שוים און שטילע רייד.

פערד אין מאַגערע פעלן ציען אַלטוואַרג מיט אַנגעשטרענגטן שפּאַן אין
שקיעה.
קלויבערס אויף די פורן סאָרטירן די שטיקער אין אומגעלומפּערטע שטויסן;
אַנגעוואָרפענע דראָטן ליגן געפּרעסט און הויך, און סקריפּען זשאַווערדיק.
נאָך די רעדער גייען נאָך לאַנגזאַמע, שטויביקע מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע
הענט
און הויבן אויף אַ נאָגל, אַ שרויף וואָס צעפאַלט נאָכן טרעש פון וואָגן.

ביינאַכט ווערן די חורבות פונעם ברוכוואַרג אָונטיק ווי פעלד, ווי וואַלד.
שטיקלעך וואָס האָבן נאָך אין זיך אַ בליאַסק רייסן זיך קיל צו דער לבנה.
מ'קען נאָך טרעפן אַ פאַרבליבענעם זאַק, אַ וויכטיק שטיקל פון אַ קלויבער —
אָדער אַרויפטרעטן אויף אַן אויסגעבעטן געלעגער פון סתם אַ מענטש,
וואָס פאַרריכט זיך אַ רעקל, אַ העמד, אַ שוך — אויף אינדערפרי.

שטיבלעך שטייען פאַרשלאָגן מיט אַ געפונען ברעט, אַ פרעמדער טיר.
אויף דעכלעך פון אַנגעקליבן בלעך ליגט ברייט ס'ליכט פון אַ חודש־נאַכט.
פאַרפאַלענע און פאַרגעסענע — זוכן דאָ זייער נאַכט אויף קאַלטער ערד;
קאַלירטע שויבן און ווייטע עלעקטרישע שילדן מאַכן היימלעך זייערע בעכט.
אויף די פעלדער פון אַנגעוואָרפענעם ברוכוואַרג איז שטענדיק טרויעריק.

אַ גאַסן-שפּילער

ס׳איז נאַריש פרום זיך אָוועקצושטעלן מיט אַ פידל אויף בראָדוועי.
בראָדוועי האָט פיינט אַזאַ טרויעריקן גאַסן־שפּילער ווי דו.
דאָ, פאַלן דיינע טענער אונטער גרינגע טריט פון זילבערנע שיך
און ווערן פאַרווישט אין זיידענעם שאָרך פון עלעגאַנטע פרויען.

לאָז דאָס אָרט פאַר אַזעלכע, וואָס פאָרן אַרום מיט שפּיל־קאַסטנס;
זיי האָבן געלעמטע ווייבער וואָס דרייען געלעמט די קאַטערינקעס,
מ׳קען ציען ביי זיי קוויטלעך, וואָס זאָגן פאָראויס דעם מענטשנס מזל
און ס׳גייט אַרום אַ טרויעריקער דעם קאַפּעליוש ציען פאַר געוועלבן.

דו אָבער מיטן ברייטן קראַוואַט און מיט די לאַנגע האָר אין ווינט;
מיט דער צעקנייטשטער אַלטקייט אין שוואַרצן אייראָפּעאישן פראַק,
אַז דו שטייסט ערנסט מיטן פידל געבויגן דערמאָנסטו אין בעטהאָווען;
פאַר אַזעלכע פאַסט צו שטיין אין ווין ערגעץ ביים דאָנוי
און ערשט דאָרט... וועסטו זיין אַ וואונדער.

וואַגאַבונדן

זיי זיינען וואַגאַבונדישע טאַטעס;
מאַנסבילן פון הפקרדיקע ווייבער.
גייען זיי אַרום צעקנעפּלט מיט הוילע בייכער
די שיך מיט שטריק צו די קנאַכנס געבונדן.

מיט צעקנייטשטע קליידער און ביינערדיקע געזיכטער,
מיט צעפליקטע העמדער און האָריקע ברוסטן,
מיט צעשטאָכענע קעפּ און פאַרבלוטיקטע פּנימער,
גייען זיי דורך ווינטן, דורך זאַווערוכעס און רעגנס.

אויף קוואַרטאַלן, שטייען זיי אין די ווינקלען פון די גאַסן צעשטעלט
און שטרעקן הענט מיט צעקאַליעטשעטע פינגער, צעשניטענע אָדערן;
זיי בעטן אַ ציגאַרעטל פון לייטישע מענטשן, אַ פּרוטה אויף קאַווע.
אויף אַלטע, צעפאַלענע מויערן שלאָפן זיי געשמאַק אַדורך זייערע נעכט.

נ י ו - י אָ ר ק

1.

בריקן הענגען אָנגעצויגן מיט קילן שרעק אויף שטאָלענע שטריק.
צעהייצטע שיפלעך ביי די ברעגן שטייגן מיט צעפאַלענעם רויך
אַמאָל צו אַ בראַנדיקער זון, אַמאָל צו אַ פּראָסטיקער לבנה,
און שלאָגן אויס מיט הויכן נעפּל איבער מאַנהעטן.
ניו־יאָרק הויבט אָן טריבן און ס׳פּייכט די שטאָט ווי לאָנדאָן.

זומערדיקע דעכער טונקעלן פאַרנע און ס׳גלוטיקן לייבער אויף שוועלן.
רינשטאָקן פון אָפּגעקילטע טראָטואַרן וואַסערן מיסטיק, שוימיק און שנעל.
און דורך דושנע שויבן צעפאַלן געזיכטער מיט איבערגעלאָפענעם שווייס,
קינדער ליגן הייס צעבונדן אין ווינדעלעך און פייניקן די מאַמעס בריסט.

ס׳רוישט די שטאָט קלאַפּטערדיק ווי באַנען דורך וואַלד־שטרעקעס.
ברייטע ווייכע רעדער הויבן דעם גאַז־ריח פון שטראָזן,

טריט טאָפּיען לויזלעך אין צעלאָזענעם פּעך אין אַ זומער־טאָג
און לאָזן נאָך זיך — אויפגעבלאָזענע סימנים פון שיך.

גויים דורכגעשוויצטע צוימען דעם שפּאַן פון לאַסט־פערד,
פון זייערע וועגענער שווערן אַריבער באַלן, געהילץ און פעסער.
נעגערס שטעלן אַן אַקסלען נאָך מעל־זעק, נאָך געשונדענע פליישן;
פון זייערע הענט שמעקן אַ סך ריחות, בשמים, נאָפט און וואָל־שטאָפּן.

דאַמען אויף עלעגאַנטע עווענויס ציען דורך זומערדיקע אויסלאַגן
מיט שירעמלעך און לייכטע טעשלעך אויף נאַבעלע עלנבויגנס.
דורך זייערע בלוזעס אַטעמט קילער פּערפיום פון הוילע בריסט.
סוחרים און שאַפערן רוישן ווי אויסלענדישע רייזנדערס.

.2

גאַסן אונטער שינעס, אונטער אייזן־בעטאָן, ליגן שטאַליק האַרט.
פון שווערקייט רירט אַמאָל די ערד פון אונטער די פיס.
הייזער גרייכן אָנגעשפּיצט מיט פייכטן ליכט אין דער נאַכט;
בייטאָג בלאַנקען אויף זיי קופּאָלן פריש ווי זילבער־בלענד
און צעשפּריצן די זון אין די אויגן, אין די פענצטער.

פאַבריק־קוימענס שטאַרן מיט פאַררויכערטע שפּיצן צווישן דעכער.
הייצערס אין דער זון קלעטערן גרינג מיט אייל־קענדלעך אין די הענט,
און אינעווייניק לויפן ווינטיקע רימענס אָנגעוואַקסן מיט ווילד־שטויב;
פריש יאָגן רעדער אויף אויסגעאוילטע אַקסן און רינען אויס מיט בוימל.

ס׳שמעקט וואַרעמער אָפּפאַל פון קליידער־שטאָפן, דאַמף פון פּרעס־אייזנס.
אָרעמס שוויצן אָפּ האַריק, און פינגער דורך לייוונט ציען קילע שטעך.
דערשראָקענע געזיכטער בלייכן און בלאַנקען מיט קאַלטן גלאַנץ;
מאַמעס פון זויגנדיקע קינדער שפּאַרן־אָן זייערע בוזעמס אויף מאַשינען.

פון נאַענטן ליכט לייגן זיך וויעס אין קנייטשן מיט ווייכן געשווילעכץ.
קעגנדיקע פענצטער שטייען זומערדיק אָפן מיט העלער בענקשאַפט;
די שקיעה אויף שויבן וועקט לוסט צו דער גאַס, צו אַ קינד אין שטוב —
וואָלקנס אין דער ווייט גליען דורכזיכטיק ווי לויפנדיקע שטיקער פעלדזן.

.3

גראָב־מאַשינען שטויסן זיך אָן אין פונקען, קרישלען מיט ערד.
וואַלצן פון שוואַרצן שטאָל נידערן זומפּיק אונטער ריטמישע קלעפּ,
נאָך איטלעכן שטויס שלאָגט צוריק אָן אָפּגעשפּרונגענער עכאָ;
אין אָפּגרונט פּלאַצן קוואַלן, הענט שטייבן פון ראָסט און ליים.

לופטציגער יאָגן אַרויף מיט ברעטער, געזימסן און זעקלעך־צעמענט,
און גראָבע הענט וואַרפן זיך פלינק אַדורך מיט גליענדיקע ניטן;
שטריק ציען עמערס געלאַשענעם קאַלך, שאָטער און ציגל;
מויערן שלאָגן קיל פון פרישן אייזן, קאַלך און געשיילטע קלעצער.

אין אָוונט זידן הייסע קעסלען־פּעך, פּנימער נעמען־אָן ס׳ליכט פון לאָמפּן.
לענדן, געגורטן אין דראָטן זינקען אין גראָבנס מיט געפּאַנצערטע אויגן.
אין די טונעלן שפּאַלטן זיך רערן אונטער גלי און שפּרינגען אָפּ מיט היץ;
פלאַטערדיקע סמאָלע אין גאַז־פלעשער בליצן־אָפּ מיט שנעלן בלענד.

.4

אַז די רינשטאָקן שאַרכן מיט פאַלנדיקע בלעטער, מיט סכך־ריח,
בויגן זיך פלאַמען פון ווינטן צו ייִנגלישע געזיכטער אויף אָוונטיקע ראָגן.
ס׳וואַרעמען זיך בעטלער פון בייטאָג, שיכורים פאַרריכטן זיך די וואונדן;
דורך זייערע זומער־קליידער ציט אַ פראָסטיקע טרוקענע קעלט.

באַהויכטע אויסלאָגן פאַרלויפן מיט דינעם פראָסט און בייטן זיך אין ווייסע ביימער.

קאַלט און היימלעך אויף אַספאַלטענעם גליטש פלאַטערן שאַלן וואַלנדיק.
מיידלשע פיס אויף ליזשבעס רוישן שלאַנק און טראָגן זיך יונג איבער אייז;
זייערע פנימער יאָגן גרינג מיט צעהיצטע בריסט דורך אויפגעבלאָזענע בלוזעס;
ווינטן שאַרפן זייערע אָפענע קני, פון זייער אָטעם שמעקט בריענדיקער פראָסט.

פון דעכער שווינדלען רעקלאַמען — שילדן־ליכט אויף גאַסן־פנימער.
שפּעטע טראַמווייען רוישן מיט ריינעם קלאַנג און מיט אומהיימלעכן ליכט;
אויסגעשטיגטע גייען־אום מיט אַ גאַסן־נומער איז די פינגער.
פון אַן ערגעצדיקן ראַג ראַטשקעט אויף קני אַ אינוואַליד צו אַ נאַכט־לוזשי
און נאָך אים — אַ געטרייער הונט, אַ שפּילקאַסטן מיט אַ בלינד ווייב.

אויף אָונטיקע שוועלן ליגן שווערע שיכורים מיט בראָמפן צעגאָסענע־ליפן
אונטער איבערצויגענע־רעקלעך שלאָפן שלעפערס געשמאַק און האַרט.
קעלטן קאָרטשען זייערע קני, די אָדערן שוידערן־אויף מיט נאַסן קראַמף.
די אין לייכטע קליידער, אין אָפענע העמדער, וואַרעמען איינער דעם אַנדערן;
וואַרפן זיך געהאַלדזטע ענגער צום צווייטן און שלאָפן איין ווי אויף גלוסט.

אָפגעשלאָסענע סקלאַדן שטייען אָנגעוואָרפן מיט האַלב־אויסגעלאָדענע סחורות;
צעוואָרפן ליגט נאָך וועמס אַן איבערגעלאָזט רעקל, אַ לעדערן פאַרטוך,
קאַסטנס שטייען אויפגעבראָכן און צענאָגלט, באַלן צעעפנט מיט צעפּאַלענע רייפן.
פון מאַגאַזינען די לאָדנס, העגנען ראָסטיק אין שרעק פאַרשפּאַרט.

מיט גרינלעך הייסע אויגן יאָמערן קעץ און פּאָרן זיך ווילד אויף טראָטואַרן;
שרעק פון אַ דורכגייער, פון אַ שיילד אין ווינט, רייסט איבער זייער באַהעפטונג.
אין אַזעלכע גאַסן פאַרוואַלגערט זיך שטענדיק אַ יונג מיט אַן אָפּגעקילטער פרוי;
זאַט פון ווייבקעלערס, זאַט פון לייב, גייען זיי פאַרשלעפטע, אָפגעזונדערט אָן רייד.
בעזימער רירן דעם פראָסט פון פאַרטאָג, אויף די שוועלן טאָגן מילך־פלעשער.

בעטהאָווען

1938—36

עס איז נישטאָ קיין שענערס,
ווי צו קאָנען זיך דערנענטערן צו גאָט.
ל. וו. ב.

ערשטע טריט

א.

אַלט־פאַרברוינטע דעכער פון לאַנגע דורות.
אויף געזימסן קילט גרין־פאַרלעגענער מאָך,
און גראָ שאָטענען די מויערן פון באָן
מיט פאַרבענקטן טרויער איבער שטיבער.
אַזאַ בלאַנדע שקיעה רוקט זיך אויף פענצטער
און צעברעקלט פלאַמיק די הייסע שויבן
פון דער צעבויגענער שטאָט באָן.

אַ מענטש פון אַ שטאָטביים רהיין.
אַ יינגל לודוויג מיט אַ שטיל האַרץ.
אין זיין שטוב ברעכן זיך פייכט די ווענט
פון אַ קראַנקער מאַמעס באַליע וועש —
און עס ווייעט מיט ריח פון אַ שיכורן טאַטן.

לודוויג האָט דעם ברייטן וואוקס פון פלעמישן זיידן;
דאָס שווערע געזיכט מיט די גרויסע גראָע אויגן,
וואָס האָבן שטענדיק אויף אים מיט תפילה געקוקט
און אים געלערנט פאַרשטיין דער מאַמעס געוויין;
איר טרויעריקע גוטסקייט צו זיין בייזן טאַטן.
אינעם ייִנגל — שלאָגט דעם זיידנס בלוט.

אַ מענטש פון אַ דור.
ער וואַקסט ווי בראַנדז — נידעריק און ברייט
מיט טונקל־האַרטע האָר איבער די אויגן,
און מיט שווערע הענט צו געבן גענאָד.
אין די נעכט וויינט אַריין אין אים די גאַס
פונעם ייִנגלשן אַרומגיין איבער די בירהאַלן;
אויפצוזוכן דעם פאַרשלעפטן שיכורן טאַטן.

אַלע נאַכט אין געשריי און אין רויך,
זיצט דער פאָטער אַ פאַרביסענער אין די שענקען.
אַ סך מאַנסבילן זיצן אַזוי מיט בייערישן לוסט
ביי צערוקטע פאַרגאָסענע טישן —
און פלאָנטערן זייערע בערד אין פויערטעס.
לודוויג, טרויעריק לעם ווילדן טאַטן,
שלעפט אים אין דער טיפער נאַכט אַרויס.

פאַרשלאָפענע פענצטער אויף אַלע באַנישע הייזער,
און פאַר אַ דרויסנדיקן טויער — אַן אַנגעשלעפטער טאַטע;
עס ליגט זיין קול אין ייִנגלס פויסט פאַרהאַקט,
אַז דער געשריי זאָל צו דער מאַמען נישט דערגיין,
די רו פון איר שלאָף נישט באַרירן —
און אירע וויעס מיט טרערן נישט עפענען
צום „הייליקן פאָטער".

אַ שטענדיק אין די אָונטיקע קעלטן,
דרימלט ער לאַנג אַזוי פאַרן טאַטן אין גאַס.

די מאַמע, די ברידער, שלאָפן וואָרעמלעך־מילד
און באַוועגן פון חלומות זייערע גלידער.
לודוויג אין אָנגעזיכט פון טריבע לאַמטערנעס,
פילט דאָס קראַנקע בלוט פון דער מאַמעס גוף,
און רעדט עלנט צום שפּעטן ברוק אַראָפּ.

טויאיקע שויבן מיט אויפגעפרישטן פאַרטאָג.
די מאַמע פון שטענדיקן אַרומגיין איבער פריע הייזער
נאָך אַ ביסל גרעט צום וואַשן,
שפּייט מיט טרוקענעם רויטן שפּיי.
ווי אַ געפאַלענער ליגט דער טאַטע אויפן בעט
מיט פאַרכנדיקן שלאָף, אין די קליידער אָנגעטאָן,
און אָטעמט אויס פון זיך דעם ריח פון שיכרות
אין דער בייטאָגיקער שטוב.

הינטער אַ פאַרהאַקטער טיר — רויע טענער;
דאָס פּרוואווט לודוויג זיך אויף קלאַווישן,
ער וויל אַלע קלאַנגען מיט זיינע פינגער נעמען,
נאָר עס פירן אים זיינע פאַרטראַכטע אויגן...
און שטעלן־אָפּ סמוטנע זיין גרויס געזיכט
צום קילן אָפענעם דרויסן אַרויס.

אין הויז — שמעקן מאַשטשן און מעדיצינען.
עס ליגט די מאַמע מיט אַן אויסגעצערטן געוויין
און האָרכט די בייזע טענער דורך פאַרמאַכטער טיר
און דאָס האַסטיקע פלוישן פון קלאַווישן.
לודוויג אַ פאַרטאָענער אין זיין ווילדן שפּילן,

הערט נישט די פסאַלמען פון איר גרויס האַרץ:
„אַלמעכטיקער דו,
טו דיין אויג פון מיין קינד נישט אָפּ!“

אַלע זיינע גלידער איינגעוואַקסן אין יונגער מוזיק,
און בילדער פון מאָצאַרט, היידן און באַך
קוקן אַזוי אומעטיק־מילד אַראָפּ צו אים
און וועקן אין אים בענקשאַפט צו די שטעט פון עסטרייך.
צעפירטער גייען אויף טענער אונטער זיינע פינגער
און שלאָגן אָפּ פאַרבענקטער נאָך פון די בילדער.

אין זיינע טיפע אויגן דעם טאַטנס טרויער,
אויף זיין געזיכט — דער מאַמעס שלאָפקייט.
ער וויל זי וואו אויף זיינע הענט פאַרטראָגן
מיט אירע וואונדן די געשלאָגענע פונעם טאַטן,
אַז מענטשן זאָלן אַזאַ מאַמע נישט זען.
אָ, ווי עס ציט אים פון זיין וויסטער שטוב
ערגעץ אין אַ פרעמדער וויט אַוועק.

***

אָסיען געלער, טאָג פון בלעטער־פאַל.
אַ פאַרחלשטער שווערער הימל איבער אַלע הייזער.
הינטער לודוויגס פענצטער שטייען קאַטערינקעס
און געליימטע ווייבער שפּילן לוויהדיקע לידער;
געוויין פון בעטלערישע תפילות —
און צעטראָגן די יללה נאָך אַ טויטער מאַמע.

ביי דער מאַמע צוקאָפּנס — דער טאַטע, די ברידער
און אַ קאָפּ מיט צעריסענע האָר איבערן האַרטן מת.

אָפּגייענדיקער שוויס פון בלאַסע שלייפן
רינט־אָפּ מיט קאַלטן גליווער
אויף טויט, אויף גוף, אויף ערד.

אינעם הויז אַ פאַרשניטענער טאָג.
פאַר פחד פונעם מת לויפט אײַן די שטוב.
פאַרגלייזט קוקן אָפן אירע אויגן
און פאַרגליווערן אַלעמענס בלוט אין די אָדערן.
לודוויג איז דער מאַמען איינגעקלאַמערט,
באַרירט מיט זײַן ליפּ אירע פאַרקרייצטע הענט
און שמעקט דעם סוף פון לעבן פון אירע פינגער אַרויס.

אויפן נאַסן האַרבסטיקן וועג — נאָכן אָרון,
גייען דער טאַטע, די ברידער און קלויסטער־פרויען,
און אַן געוויין — שלעפּן זיך בלודנע וועשערינס.
געצוימטער און פאַראויס — וויגט זיך שוואַרץ די לייכע.
און וועקט צו זיך אַלעמענס אויגן;
געבראָכן איז דער גאַנג ביים עלצטן פון די ברידער.

אַזאַ פייכטער צווינטער־ריח פון קברים־ערד.
לעצטע פאַלנדיקע ערד אויף דער מאַמען
דעקט צו די צעגראָבענע טיפקייט פון איר גרוב,
און מאַכט לודוויגן דערוואַקסענער און פרעמדער,
און ער בלייבט אין בלינדן עלנט שטיין;
ער איז אַליין.

אויף גאָטס עלנט

ב.

פריידיק, טרויעריק, איז די גרויסע וועלט.
אין יונגן עלנט בלאָנקעט לודוויג אָרום;
איינער אַליין — אָנעם טאַטן, אָן די ברידער,
אָן זיין גאָס און אָן זיין שטוב —
גייט ער צום אומעט פון הינטער דער שטאָט
נאָך אַ ביסל רו און ליכט אַוועק.
ברייט און אָפן וויאַגנען דאָ פאַר אים די פעלדער
און פרישן אויף אַ האַרץ, וואָס איז טריב.

אַזאַ הפקרדיקער ברען אין זיין וואוקס.
ער שלייכט אום צווישן וועלדער און קלויסטערס.
אַ בלויזע וועלט טונקלט אויף זיינע קליידער,
און אַ געבויגענער מיטן עלנט אין זיך,
פאַרגייט ער מיט אַ בינטל נאָטן אין דער נאַכט אַריין.
אָוונטדיק רירט צו די ווילדע פרעמד צו אים,
און ס'קוקן זיינע אויגן מיט שטומען גראָ אַרויס.

טריט, האַרבסט און ווינטיק געלע בלעטער.
ער שפּאַנט מיט אויפגעבלאָזענע טרוקענע האָר
ביז ער פאַלט אין שלאָף — אינמיטן וועג.
פאַרשלאָפן, איינגעלאָפן, ווערן זיינע אָדערן,
און דאָס לייב דורכגענומען מיט ריח פון קאָרע,
מיט פרישקייט פון ראָסע, קילע טריפנדיקע גראָזן —
אין אויפגעשאַרטן פאַרטאָג.

זון, רונדער רויטער מזרח — הינטערן וואַלד;
אַזאַ אויפגאַנג וואָס גיט אים לוסט און גלוסט
צו וואַנדערן איבער דער גאָרער ערד,
און צו פאָרן אויף שיפן איבער הויכע ימים,
ערגעץ אין ווייטע לענדער פון לעגענדעס.

***

הויך אויף די נאַכטיקע בערג הינטער באָן,
זיצט ער איצט מיטן פנים צו דער שטאָט,
פאַרקלערט אין זיין קלעזמערישן טאָטן,
וואָס שפּילט איצט וואו אין אַ האַלע פאַר אַ שטיוול ביר.
יאָ, אויף דער הויכקייט פון די בערג איצט,
אָטעמט ער איין די מילדע אָוונטיקע פרישקייט.
גאָט, די פאַרבליבענע ברידער אינדערהיים —
אָ, ווי דער פאַרטריבענער לודוויג בענקט נאָך זיי.

און בייטאָג — איבער די ווייטע העלע לאַנקעס,
רעדט ער נאַריש צו פייגל, צום ברייטן רהיין,
און צו אַלץ וואָס איז גראָז, וואָס איז בלעטער און טוי.
צו די וואָס וואַרפן קערנער איבער די פעלדער,
הייבט ער זיינע הענט מיט אַ פולן גוט־מאָרגן.
פון צופיל הימל, שעפסן און פאַסטוכער,
ווייסט ער אַזש נישט ווי אַזוי גאָט צו לויבן.

אין די רו־טעג פון הייליקע פּסאַלמען,
בלייבט ער אין אַ דאָרפישן קלויסטער פאַרשפּאַרט
און צעפירט אין פרום געזאַנג אַלעמענס תפילה.
אומרואיק און טיף ביים אָרגל־ברום אַנגעבויגן,
זיצט ער ברייט מיטן רוקן צו די וואָס בעטן.

די אָפענע פענצטער אָנטקעגן בלאָזן אויף זיינע האָר,
און ס'שפּילן זיינס רירט די פּאָסטוכער אינדרויסן
און וועקט די צעוואָרפענע לעמער איבערן פעלד.

הינטער דער שטאָט — שלעסער און קלויסטערס.
בלוי רוישט דאָס רייגגאָלד פונעם רהיין.
אין אַזאַ פרייד טראָגט זיך לודוויג אַרום.
אַזאַ אָפענער שווייג בליקט פון זיינע אויגן אַרויס
און דרינגט צו דער פאַרנאַכטיקער הויך אַרויף,
אַריינצוגעמען אַ ביסל שאַרלעך פון שקיעה.
אינעם אָפּשלאָג — ווערט ער אַ מענטש פון בראָנדז.

***

באַן — פרידלעך וואַרעמער שפּאַציר.
עס שמעקט מיט שטאָטישן פרילינג־ריח,
מיט דינעם קליידער־רויש אין גערטנער,
און אַזאַ עלעגאַנטער פראַנאַכט ווייעט פון איטלעכנס טראָט.
ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער, בלאָנקעט ער, אַ מענטש,
אינעם לאַנגזאַמען טאָג־פאַרגאַנג —
און זוכט אַ מאַמע אין יעדער פרויענצימער;
מענעריש־רייף ציט ער זיין גאַנג נאָך לאַרכען.

און ער האָט אַזאַ פרישן לאַרכען־באַריר
אין זיינע האַרטע מאַנסבילישע הענט
נאָך קיינמאָל אַזוי נאָענט נישט דערפילט.
אין זיינע הענט ווערן אירע פינגער ווייכער, שלאַנקער,
און איר געזיכט — איינגעשוויגן און ווייס —
שפּאַרט אַן אויף זיין פעסטן אַקסל,
און עס ליבן זיך אַלע מענטשן איןביידנס אויגן.

אָוונט, צוגעפּאַלענער, רירט צו אויף זייערע קעפּ.
ביידנס געזיכטער שטייען אָפן און בלאַס,
און אַזויפיל נאַכט איז אין לאַרכען פּאַראַן.
מיט פאַרצויגענע וויעס צו דער לבֿנה אַנגעשטעלט,
זיצן זיי איינער אינעם אַנדערן אַריין,
מיט הייסע רייפּע גלידער נאָך האַלדזונג.

אַהין, צום נאַכטיקן שלאָס פון די ברויני̇נגס,
גייען ביידע מיט דראַבנעם שאַרכנדיקן גאַנג —
און נאָך זיי שווימט געלאָסן די לבֿנה נאָך.
באַרגיק, מיט הויכן מאָך פאַרבליט,
שטייט גרינלעך דאָס הויז פון לאַרכען
און דערציילט פון דורותדיקע באַראָנען.
אור־לייכטער מיט ברענענדיקע לאָמפּן דורך זשעראַנדן
שלאָגן אַזש פון די ברייטע פענצטער אַרויס.

אָ, ווי רייך, אַנדערש, עס איז אינעם גאָרטן דאָ!
אויפן גראָז, ביים שלאָס פון איר הויז.
שפּרייזט לאַרכען טיפער, ענגער, מיט לודוויגן,
און רעדן ביידע פון לעגענדעס און שטעט,
פון שעקספּיר, פון שילער, פון האָמער —
און פון זייערע רייד ווערט פאַרבענקטע מוזיק.

*
**

מיטנאַכט־רו אין ברוי̇נינגס הויז
לודוויג אין שפּעטן געמיטלעכן סאַלאָן,
פּרואווט זיינע פינגער אויף ווייס־פּאָלירטער פּיאַנאָ,
און פילט אָן דעם רוים מיט ווייכע מוזיק.
געמאָלענע העלדישע רייטערס פון בילדער

קוקן אויף זיינע ווילדע פינגער איבער די קלאַווישן,
און לאַרכען אין גרינגן וואָאַל אַנגעצויגן,
האַרכט אַריין אין זיך ס׳שפּילן פון לודוויגס היידן־טענער

אַזאַ צעוואָרפענע מוזיק פאַלט פון זיינע פעסטע הענט,
און ריטמיש־האַרט וואַרפן זיך זיינע האָר
נאָכן לויף פון די קלאַווישן.
אומעטיק ליכט פאַרשאָטנט באַנג לאַרכענס געזיכט,
און געהאַלדזטע — דורך פאַרצויגענע ראַלעטן, —
רירן זיי זיך דורכזיכטיק אין דער נאַכט.

עס שאַרן זיך די הימלען אין טאָגיקן גראָ אַריין,
און מיט אַן אָפּגעגאַנגען האַרץ פון ליבע,
געזעגנט לודוויג צום פאַרטאָג פון זיין גאַס.
אין זיין פאַרלאָזטן הויז — יאָהאַן און היינריך,
שלאָפן שווער, שלאָפן ווילד פון גרויסן טאָג.
אַ צוריקגעקערטער פון לאַנגע מעת־לעתן,
נידערט ער מיט שטומע ליפּן און פאַרקלעמטע אויגן
פאַרן בעט פון זיינע שלאָפנדיקע ברידער.

*
**

דורך נאַפּאָלעאָנס גרויסע מלחמה־חדשים,
גייט ער צו די שטעט פון עסטרייך אַוועק.
מעת־לעתדיק און האַרט איז זיין וואַנדער־וועג,
וואָס הייבט זיך הויך מיט בלינדן שטויב.
אויף האַרבסטיקע שליאַכן זעלנערישע רייטערס
טראָגן זיך אין גאַלאָפּ מיט איבערגעיאָגטן געיעג
אויף פאַרריסענע צאַפּלדיקע פערד.

דורך געלע אָסיענדיקע בלעטער — לודוויגס גאַנג,
און אויף זיין געזיכט פּאַראויס — שאַרפער ווינט.
עס קאָנען די קליידער אים נישט וואַרעמען,
נאָר אויפגעבלאָזענע בלעטער מאַכן שווערער זיין וועג.
טרויעריקער צווייט פאַרגעלט נאַפּאָלעאָנס חדשים.

גרויס און העלדיש איז דאָס געזאַנג פון גלאָריע.
עס גייען געמאַנען מיט געפּעכט אין די הענט,
מיט אָנגעלויערטע שפּיזן — פראַנקרייך אַנטקעגן.
פון אַזאַ בייזע, אָנגעלאָפענע אימה,
שטייגט לודוויגס געזאַנג אין געהויבענעם לויב
פאַר אַ זיגרייך פאָלק.

און ראַסטיק פאַרשניטן איז דער וועג פאַר אים.
עס קאָן זיין „ליד״ אַזאַ שלאַכט נישט פאַרמילדערן.
און וואַרהאַפטיק ווערט ער צום גרויסן נאַפּאָלעאָן,
ווארים געטלעך איז דער געפּעכט פאַר ברידערלעכקייט.
אין זיין האַסטיקן וואָגל גאַנג,
פילט לודוויג אַליין דעם כוח פון אַ נאַפּאָלעאָן.

פאַר זיין אויג אויסגעטראָטענע וויאָרסטן פון רייטערס
און צעריבענע מיילן פון רעדער און קלאָענס.
עס יאָגן ווינטיקע בלעטער אויף זיין פּנים אָן
און פאַלן פאַרשאַרט אויף זיינע מידע טריט אַרויף.
פון טיפע האַרבסטיקע פעלדער און וועלפישע וועלדער,
שלעפּט ער איצט זיינע נאָכגעלאָזטע ליימיקע שיך
צו די פאַסטוך־בערג פון געמיטלעכן עסטרייך.

*
**

אויף די בערג פון הזיכן, שטילן זעמערינג,
איז זיין פנים אָפּן צו דער זון געווענדט.
הימלען הייבן זיך אין דינע העלע ווייטן
און פרישן אים אויף מיט אָסיענדיקע ראָסע.
אַרום אים — שעפּסן און אָנגעלייגטע פייערן.
פּאַסטוכער פלעכטן ריטלעך מיט די פינגער —
און ווייט פון אים שטומט די גאַנצע וועלט.

פאַרחלומטער טאָג אויף פאַרחלומטע ווייסע בערג.
פאַר זיין אויער זיינען שטיל אַלע פלאַנצן, אַלע קרייטעכער,
און אומעטיק איז אים אָן באַן, אָנעם רהיין.
אָ, ווייט און פרעמד געפינען זיך די ברידער.
דאָ, אין דער לערער קאַלטקייט איז אים גרינגער,
און ער קאָן טראַכטן פון אייגענעם באַשאַף.

עס שלאָגן זיינע בליקן זיך אָן אויף אַ דאָרף,
און דערמאָנען אים אין מענטשן, אין שטעט.
און מילד, שטיל איז ער איצט אַזוי,
אַז ס'שרעקן זיך אַפילו נישט די פייגל פאַר אים.
אַזאַ פאַרקלערטער כוח איז אין אים פאַראַן,
ווי ער וואָלט אויף זיך געשפּירט גאָטס אויג.

יונגע וואַרעמע זון ברוינט אויף אים.
ער באַוועגט זיינע ליפּן האַרב און פאַרביסן,
און רופט אַרויס שעלטונג אויף זיך:
אָ, פאַרוואָס איז ער נישט אַ שעפּס אין גראָז,
נאָר אַ מענטש פון אַ פאַרשאָלטענעם שיכורן טאַטן,
וואָס האָט אים אויף גאָטס עלנט פאַרטריבן.

אַזאַ ווייסטער גורל טראָגט אים אַרום.
עס וועקן זיך אין אים די ברידער, דער טאַטע,

און אויפסניי לעבט אויף זיין געשטאָרבענע מאַמע,
וואָס פלעגט אונטער פולע עמערס אירע אַקסלען ברעכן,
און צעטראָגן דאָס וואַסער איבער מאָרגנדיקע הייזער,
פאַר איר שטענדיק בידנעם הויזגעזינד.

***

אויף די בערג פון קאַלטן שטילן זעמערינג,
שטאַרקט זיך אין איב די טבע צו זיין אַליין.
סיי ווי איז ער אַ קינד פון שיכורן בלוט, —
אַ קינד פון אַ טונקעלער סמוטנער שטוב,
וואו ס'האָט קיינמאָל נישט די לבנה אָנגעשפאַרט,
נאָר די קראַנקע מאַמע אויף איר געלעגער,
האָט אירע אויגן אויסגעוויינט ביי זיין יונגן שפּילן.

אונטער הימלען — איז ער די פרייד אַליין.
פון זיינע אויגן שניידט זיך אַ גראָ ליכט אַרויס
און פאַלט אויף זיינע אָדערדיקע לערע הענט.
ער באַטאַפּט זיין האַריק־שטעכיק געזיכט.
די באַנישע קליידער אויף זיך האָט ער היימיש ליב,
ווייל זיי קאָנען אויסשטיין גאָטס עלנט.

אויף זיין פנים אַ שטילקייט פון פרעמדע פאַסטוכער.
קעגן בראַנדז פון שקיעה שטייגט ער אויף בערג
און דורכזיכטיקער ווערט ער אין דער נאַכט.
עס דערהויבן אים די פיס צום בלוי אַרויף.
זיינע האָר אין דינעם ווינט בלאָזן זיך אויף
און צעפאַלן ברייט אונטערן שאָטן פון לבנה.

פונדאַסניי טאָגט אויף די וואַנדערונג אויף אים.
ער וויל לייטזעליקייט אין די אויגן פון מענטשן,

און מיט ליבשאַפט וועקן איטלעכן פאַרבייגייער.
ער טראָגט רצון אַלעמען צו דערהויבן
און ווערט אַליין די גרויסקייט פון רום,
דאָס אָנגעצונדענע פייער פון גאָט.

טרויער מאַרש

ג.

דורכן אָסיען אין וויך, דורכן ווינט פון נאָוועמבער,
ציט נאַכטיק און קאַלט אַ נידעריק פּעסט געשטאַלט
מיט דאַרן אויסגעצויגענעם שאָטן — לויט זיין וואוקס
ליכט פון פאָנאַרן טריבט אויפן מענטשנס וואַנדער
און מאַכט בעטלעריש קראַנק אויף אים די קליידער.
זיינע נאַכגעלאָזטע אומהיימלעכע טריט
קלאַפּן פרעמד און בלודנע אינמיטן נאַכט.

בעטהאָוועןן דורך נאַסע פינצטערע ווינטן.
שילדן רירן זיך ראַסטיק מיט שטורמדיקן געשריי
שילדן רירן זיך ראַסטיק מיט שטורעמדיקן געשריי
פון צופיל רעגנס און פון צופיל האַרבסט.
אַ שטומער גייער איבער פאַרלוירענע קוואַרטאַלן,
גייט אויסגעהוילט און פרעמד איבער פאַררעגנטע גאַסן
צו געפינען אַ וואַרעמע שטוב, אַן אָפּן געלעגער
אין אַ צעריסענער נאַכט פון אַ גרויסער שטאָט.

איבער דער ברייט פון ווין — רעש פון מלחמה.
ווילדע רייטער אויף האַסטיקע פערד.
מענאַש־קעסלען, צעהייצטע און סמאַליענדיקע,
ציען מיט שלאָגנדיקער פאַרע אין לאַנגע וויטן אַוועק,
און לאָזן נאָך זיך אויסגעוואַרעמטע ריחות פון פליישן
אויף לודוויגס אַרומגייענדיקער נאַכט.

פערד, אָנגעזאָטלטע מיט שווערדן און שלאַכטן,
יאָגן אָנגעשפּיצט און אָנגעשאַרפט.
זייערע הייסע קלאָענס פאַרשטויבן הויך די נאַכט;
הינטערווייל — שלעפּן זיך וועגענער מיט שפּיטאָלישע בוידן
און פירן מיט זיך מיט ווייסע טרויעריקע שוועסטערס.

עלנט און פאַרהאַקט שטייט לודוויגס שטוב.
פאַלנדיקער כסליוו־שניי אויף זיינע שויבן.
אַזעלכע שווייגנדיקע הענט, אַזאַ שלאַבריק געזיכט.
שפּאַרט אָן אויף זיין שמאָלן הילצערנעם טיש,
און עס וויינט אין אים נאַפּאָלעאָנס רוישיקער צוג.
זיין בלויזע פעדער קריצט אַלץ איין אין נאַטן.

אין חצות, פון ברויט אַ פאַרגעסענער,
טונקלט ער אינעם צאַפּל פון מאַטן ליכט.
די קליידער, די שיך, עסן זיך מיד אין לייב איין,
און זיינע בייזע האָר איבער שטערן אַריבער,
זינקען פאַרגליווערטע צום טיש אַראָפּ,
בעת זיינע הענט צעפירן די פעדער אויף פּאַפּיר.

אַזאַ שטום געשריי, אַזאַ אומרואיקער גוף,
זיצט טיף־געבויגן און פאַרקלעמט.
עס רירט זיך זיין שאָטן אויף געקאַלעכטע ווענט,
און איבערגעגאָסענער שוויס פון אים רינט.

ער שרייבט די נאָטן פון נאַפּאָלעאָנס „טרויער־מאַרש",
פון אָפּגעגאַנגענע זעלנערס אין ווייטע שנייען
ערגעץ איבער הויכע פראַכטיקע פעלדער.

אָ, מיט זיינע אויגן שטאַר אין די ווענט אַריין פאַרקוקט,
זעט ער דעם גרויסן פאַרריסענעם נאַפּאָלעאָן
רייטן מיט אַן אויפגעהויבן אָפּן געזיכט,
שניידן מיט זיין פערד דורך פעלדער און דורך וועלדער,
איינצונעמען די ברייטע ראַנדן פון דער וועלט.
— — — — — — — — —
און ער, לודוויג, קאָן דעם קאָפּ פון טיש נישט הויבן.

⁂

לאַנגע גערטנער מיט אָנגעשאָטענעם שניי,
ביימער אין ווינטערדיקן ציטער איינגעדעקט.
דורך דער שנייאיקער שטילקייט שפּרייזט לודוויג
מיט הייסע אויגן און מיט שטענדיקער בענקשאַפט.
ווייט און פּו־עמד פון זיין היימשטאָט באָן,
שלאָגט פאַרכטיקער זיין האַרץ פאַר גרויסע מענטשן.

אַזאַ דינער זאָווי פאַרשניידט זיין געזיכט.
ער קנייטשט יאושדיק און האַרט זיין שטערן איין,
און רעדט אין זיינע וואַרעמע פינגער אַריין,
ער פאַרלענדט איצט זיין ליבע צו נאַפּאָלעאָן;
ניין! ס'איז נישט זיין טבע צו דינען אַזאַ אָפּגאָט,
און שרייבן ס'געזאַנג פון שלאַכטן אויף מענטשן,
כדי צו קאָנען אַרבן לענדער און קרוינען.

ער קאָן זיין רו אינעם שפּאַציר נישט געפינען,
און אויף זיין וועג — ביזן שטוב אַריין,

ווערט נאַפּאָלעאָנס ריטערלעכקייט ביי אים אַ „טרויער מאַרש״.
אין זיין צימער — פּאָר זיינע נאַכטיקע אויגן
ווייעט דער בלענד פון פאַכנדיקע שווערדן
און וועקט זיינע פרירנדיקע פינגער נאָך כתב,
נאָך נאָטן, וועגן געפרוירענע שטיקער מתים;
לאַנגזאַם רירט דאָס געוויין פון זיינע קלאַווישן אַרויס.

אַזאַ ווייסער געוואַי פון זיין צוגעשמידטע טיר.
ער שפּאַנט מיט פאַרביסענעם גאַנג איבערן דיל אַרום
און אויפגעלאָפן ציען זיינע אויגן דורכן פענצטער
צו די טיפע פאַרשנייטע ראַנדן — אַרויס.
די בילדער פון לאַרכען, די בילדער פונעם רהיין,
קוקן היימלעך מילד פון זיינע ווענט אַראָפּ
און טריבן פלעמלדיק, ווי לודוויג, איין.

אַזויפיל זאַוויי שרייט, ברעכט זיין קאַלטע טיר,
און דורך שויב זילבערט די לבנה אויף אים,
נאָר ער וויל נישט דאָס ליכט פון אַזאַ חודש:
וואָס מאַכט איצט האַרט און וויסט די וועלט.
נאַפּאָלעאָן האָט דאָס האַרץ צו לאָזן שטאַרבן
אַפילו ביים אויפגייענדיקן ליכט פון דער לבנה.

***

טעג פון נאַפּאָלעאָנס בלוטיקן דור,
ווייען פון זיך דעם ריח פון שלאַכטן און קאַרבאַל.
די ערד ווערט ביינערדיק, באַרגיק פון קברים,
און פון לענדער, שטעט, שלאָגט פלאַמיקער שרעק.
— — — — — — — — — — — — — —
נצחון — נאַפּאָלעאָנס געוועלטיקונג.
גאָט — איז לודוויגס גרויסקייט.

גבורה פון ליים, קופער, מאַכט אייביקער זיין גוף,
און אַ האַסטיקער ריח אין זיינע אָדערן שלאָגט
און שפּאַרט דעם באַשאַף פון זיין בלוט אַרויס.
זיין גאַנצן דור פאַרשרייבט ער אין נאָטן,
צו דערפירן אַלץ — ביזן סוף פון דער וועלט.

ווינער ווינטער — מאָצאַרטס „קליינע נאַכט־מוזיק".
אין לודוויגן — געוויין פון דער „הערָאאיקאַ";
אַזאַ פאַרלאַנגזאַמטער אויסגיין פון אַ נאַפּאָלעאָן.
דורך לערע נאַכט, אינמיטן פון זיין גאַנג,
פּרוּווט ער אין דמיון אויפּסניי די טענער אויס,
און אייביקער וואַקסט דער „טרויער־מאַרש" אַרויס.

ער ציט פאַרביי לענגאויס די דאַנוי־גאַסן
מיט אַ האַרץ פון חסד, מיט אַ האַרץ פון רחמים.
פון אַ סך עלנט לייענט ער פאַרלעגענע בריוו;
נאָענטע, היימישע — פונעם רהיין, פון באַן —
און ציטערט אין די בריוו אַריין,
אין זיין ווינטערדיקן גאַנג ביים דאַנוי.

שטיל, מיט פאַרצויגענעם פראַסט פליסט דאָס וואַסער.
און מיט שווערן טראַט ברעכט ער האַרטן שניי.
אין זיין פאַרלוירענעם קאַלטן גאַנג אַזוי,
מיט אַן איינגענומענעם גוף אין די קליידער,
ווערט פון אים אַ ווייסער הויפן אונטער פאַלנדיקן שניי,
און עס טראָגן אים גיך די ווינטן פאַראויס
דורך דער בלודנער האַבסבורגישער נאַכטיקער שטאָט.

***

יאַנואַר. אויפגעטאָגמער פראָסט אויף בעטהאָוועו.
רויט און קנאַכיק היצט זיין ברייט געזיכט.
זיינע צעעפנטע קליידער דורך שטייגנדיקער קעלט,
רייסן זיך מיט שווערע צעעפנטע פאָלעס צום טאָג,
און ס׳קומען אים אַנטקעגן שטאָליקע קאַראַוואַנען,
וואָס ציען און שפּאַנען קעגן סלאַווישע לענדער.
חדשים פון אויסגעטריפטן בלוט —
און נאַפּאָלעאָן ווערט אינעם פייער נישט פאַרצערט.

אַזויפיל יסורים קוקן פון זיינע אויגן אַרויס,
און שלאַבריק־קראַנק איז זיין טראָט אַצינד.
דער טרויער פון דער „עראָאיקאָ״ שטומט אין אים.
ניין, עס איז מער קיין נאַפּאָלעאָן נישטאָ פאַר אים,
נאָר בלויזן פון גרויסער ווידערשפּעניגג,
קעגן נאַפּאָלעאָנס גלוסט נאָך בלוט און נאָך גוף.

אינמיטן העלן ווינטער־טאָג,
ווערט די שנאה צו נאַפּאָלעאָנען אין אים פאַרהוילן,
און ער וויל זיין חרטה פאַר קיינעם ניט אַנטפּלעקן
אין זיין פאַרהאַקטער טאַגיקער שטוב, אַליין,
בלייבט ער הינטער שטילע אַראָפּגעלאָזטע ריגלען,
און טרערט דעם טרויער פון זיינע אויגן אַרויס.

גרויס איז דער געוואַי פון זיין איצטיקן תהילים,
און שרייענדיק רופט ער צו דער טאָכטער פון עליזעאום.
זיינע פויסטן אינעם טיש קלאַפּן האַרט און ווילד
נאָכן ביסל אָרגל־תפילה פון היידען, פון באַך,
אויפסניי זיך צו קאָנען הייליקן אין מענטשן־פרייד.

הייליגנדאָרף

ד.

אינעם דאָרף ברענט ראָזעווע שקיעה איבער דעכער,
און אויסגעשפּרייט שטייען בערג אונטער שאַרלעכן הימל
אין טיפן גרינעם הייליגנדאָרף.
קלויסטערס מיט קופּאָלן פון דורות,
קוקן גראַלעך קיל צו די טאָלן אַראָפּ —
און בלויער ווי די פּאַסטוכער, ווי די שאָף,
שווייגן האָריזאָנטן מיט אויפגעלאָפענעם פאַרנאַכט.
אַרום הייליגנדאָרף.

אויף פּעלזיקן באַרג א הויז פון טרויעריק געהילץ,
און אינעווייניק — ריח פון קליידער און קופּערטן.
בעטהאָוועו שפּאַנט ברייט און פויעריש אין שטוב אַרום
מיט היימישע אויגן צווישן אויסגעפּאַקטע חפצים,
וואָס דערציילן היימיש־פּריש פון זיין שטאָט באָן —
דאָ, אין פּאַסטאָראַלן הייליגנדאָרף.

גאָט און גענאָד איז אין אים פאַראַן.
קראַנק, געלהויטיק איז זיין פעסטער גוף,
וואָס איז פאַרכטיק, וואָס איז שרעקנדיק.
ער קאָן די חרפּה פון זיינע שלאָפע אויערן
אַפילו צו דער ערד נישט אויסשרייען,
נאָר מיט זיינע בלויזע פינגער טענער באַרירן.
מען דאַרף זיין אַ בעטהאָוועו צו קאָנען זיין עלנט.

אין יאוש —
טראָגט ער די פאַרבאָרגענע טויבקייט אַרום,
די ציין שטענדיק אין זיינע ליפּן איינגעביסן.
אַן איינגעוואָקסענער אין דער נאַכט אַריין,
גייט ער אום אין בענקשאַפט נאָך אַ פרוי,
און קינדיש־ווילד ווײנט ער דאָס האַרץ אויס
אויף גאָטס פעלד.

***

ברייט און ווייט העלט דער טאָג איבער לאַנקעס.
לודוויג אין וואַרעמען צאַפּל פון תמוז־ווינט,
טראָגט זיך איבער היילינגדאָרף שאַטנדיק אום.
צו דער קילקייט פון בערג גייט ער אַוועק
מיט אַנגעלאָפּענעם שטויב, שווייס — אויף זיך.
פולע לאַנען קוקן אַריין אין זיינע גרויסע אויגן
און ער רעדט צו פאַסטוכער, צו פייגל, צו זשאַבעס,
און רופט צו זיך די צעוואָרפענע לעמער פונעם פעלד.

ברוין שטייט זיין געזיכט דער זון אַנטקעגן,
און ווי האַרטער פלאַקס, ווערן זיינע גרויסע האָר.
אַ דאָרפישע היץ אויף זיינע שיך, אויף זיינע קליידער.
ער וויל אַלץ מיט זיינע הענט אַננעמען
כדי שטאַרקער דאָס פאַסטאָראַלע אין זיך צו דערפילן,
ווייל אַזוי האָט גאָט געוואָלט;
ער זאָל נישט הערן די זשאַבעס, די שעפסן, די פייגל.
איצט, פאַרשרייבט ער דעם מינדסטן שאָרך פון אַ פלאַנץ.

הויכע זון איבער היילינגדאָרף.
אויפן גאַנצן בעטהאָווען אויסגערונענער בראַנד,
און מיט איר הייסקייט פאַרגייט ער אין וועלדער

אַ מענטש, אַן אָפּגעזונדערטער פון אַלץ,
און ער ווערט אַ תּפילה פאַרן גאַנצן דאָרף.
ער איז אַליין איצט אַ באַשאַפער.

פּאַסטאָראַל — דאָרפיש, גרויסער הימל־בלוי.
פּאַסטוכער לעם בינטלעך ברויטן און לאָגלען וואַסער
אין פאַרנאַכטיקער רו.
שעפּסן איך די גראָזן ליגן קיל און זאַט.
אַ ראַנד פון האָריזאָנט מאַכט בלאָ די ערד,
און די גרילן, די וואַלד־וועבן, ווערן אָוונטיק.
גאָט, ער קאָן אַזאַ טאָג־פאַרגאַנג נישט הערן,
נאָר בלויז איינקריצן דעם בין־השמשות אין זיך.

ביינאַכט.
לאַנג און באַנג איז זיין פויערישער שטוב.
און עס רוישט דער דרויסן פאַר זיינע אויגן.
און ווייל ער קאָן די אָוונט־ווייט נישט דערהערן,
רייסט ער פון זיך דאָס העמד פאַר זיין אָפענעם פענצטער,
און קלאַפּט מיט צעשריגענע פויסטן אינעם טיש —
גאָט וואָלט אויך אַזוי געשריגן.

⁂

ברייטער בעטהאָווען איבער טויבע קלאַווישן,
איבער פּאַסטאָראַלע קלאַנגען — אין נאַכטיקן דאָרף.
ער שפּירט נישט דעם רעגן־גאַס אויף זיינע שויבן —
ביז עס רייסט דער ווינט האַסטיק זיין טיר אויף,
און פאַרבלאָזט געשווינד זיינע נאָטן פונעם טיש
און פאַרצאַפּלט דעם שפּאַרעוודיקן לאָמפּ.

צום דרויסנדיקן רעגן שרייט ער זיין ווילדקייט אויס:
איך בין טויב!
כ׳קאָן מייך געהער פאַר מענטשן נישט עפענען.
אָ, די חרפּה פון רעדן און אַליין נישט צו הערן!
וואָס פאַר אַ שטראָף דאָס איז — עליזעאום?
מעת־לעתן יסורים עטן זיין לעבן
אין אָפּגעזונדערטן הייליגנדאָרף.

ווייט, פרעמד, איז פון אים די וועלט.
פינגער, קלאָווישן —
און פויערישער לוסט פאַר זיינע אויגן.
ער וואַרפט פיבערדיק די טענער פון זיך,
און וואָס מער עס צערט אָפּ זיין געזיכט,
אַלץ פרידלעכער, גרינגער — טריפט געזאַנג
פון זיינע צעפירטע הענט.

נעכט און פיאַנאָ מונטערן דאָס לעבן אין אים.
אַזויפיל באַשאַף פון זיינע אָדערן רינט —
און כאָטש שטיל זיינען די אויערן ביי אים,
רירט ער די אָנגעשפּאַנטע פעדער אויף פּאַפּיר,
און פאַרשרייבט דעם שאָרך פון פלאַנצן און בלעטער,
און דאָס דונערן, די רעגנס און די וואָלקנס —
ביז פונעם כתב ווערט פּאַסטאָראַלע טענער.

⁂

אַ טאָגיקער גייט לודוויג איבערן דאָרף אַרום,
צו דערטאַפּן אַן אויסגעפּרואווטן קלאַנג פאַרן אויער.
אַן אַנגעבויגענער, גייט ער מיטן יינגל קאַרל אַרום,
מיט אָנגעשפּיצטן געהער נאָך אַלץ, וואָס רוישט.

גאָט האָט געוואָלט ער זאָל אַן אָנגעבויגענער אומגיין
און אַז אַ קינד זאָל אים אַ טויבן אַרומפירן,
און אים פאַרטייטשן אויף פינגער־לשון,
די אָפענע שפּראַך פון זאַכן און פון מענטשן.

ער נויגט דעם קאָפּ טיפער אינעם יינגל אַריין
נאָך אַ ביסל געהער — ביי איטלעכן אָפּשטעל,
אָבער זען קאָן ער בלויז דאָס יינגלשע געוויין,
די קינדישע חכמה נישט צו וועקן זיין צער.
קאַרל, ס'יינגל, לאָזט דאָס געזיכט אין לודוויגס הענט אַריין
און טרערט קלוג פון זיך די רייד אַרויס,
אַז ס'איז היינט רו, שטיל, אין היילינגנדאָרף.

עס איז טרויעריק צו זיין אַזאַ בעטהאָווען:
אומצוגיין טויבערהייט אין גרויסע שטעט
און שטענדיק מיט פאַרמאַכטע אויערן פאַר מענטשן.
ניין, ער קאָן אַפילו אַ בריוו נישט שרייבן —
עס איז נישט שיין צו זיין אַזאַ מאַנסביל,
און צו ליבן טערעזע אָן געהער —
קאַרל, דאָס יינגל, איז אייביקער, געטרייער
פון אַלע פרויען.

אַזאַ אומעטיקער, צעריסענער בעטהאָווען.
זיין געזיכט און די געלע שלאָפּע אויגן,
האָבן לאַרכען אויף אייביק אָפּגעווענדט פון אים,
און העסלעך בייז איז ער צו טערעזע געווען.
איצט איז דאָס לעבן אין אים קראַנק, שווער.
מיט ווילד געשריי און מיטן יינגל קאַרל,
איז ער שטענדיק אין זיין בייזער שטוב אַליין.

***

האַרטע אָוונטיקע ערד אין הייליגנדאָרף.
טרוקענער האַרבסט אויף אויסגעלערטע בוימער.
מיט גאַנג, ווי דורך גריבער, שלעפּט זיך לודוויג
אַ נאָכגעלאָזטער מיט לויזע טריט — אַהיים.
אַ, פאַרביסן זײַנען די רייד, וואָס ער רעדט אַרויס:
דײַן שטראָף, גאָט, מײַן גאָט!
ווי קאָן איך עס אַפילו פאַר די ברידער אַנטפּלעקן?

אַ טויב געשטאַלט.
און ער קאָן אָן ליבע צו אַ פרוי נישט גלוסטן.
ניין, ער האָט נישט דאָס האַרץ צו סתם אַ פרוי,
נאָר טראָגט אַזאַ גאָטס חסד אין זיך,
ווי ס'וואָלט אין אים נביאיש בלוט געשלאָגן.
אַ, ווי עס וואָלט אים געפּאַסט צו זײַן אַ יחזקאל.

נאַריש, קאַלט, בלאָנקעט ער אין אָסיען אַרום
און גייט אײַן אַזוי פון ליבשאַפט צו טערעזע;
צו אַ פרוי, וואָס האָט פון אים די פרייד אָפּגעטאָן
און אים פאַרלאָזט — נישט צו ליבן אים מער.
הייס, מיט פאַרשניטענעם געוויין, רעדט ער צו איר בילד,
אַז ער וועט מער קיין פרויענצימער נישט באַרירן.

צו איר בילד, צו איר וואַרעם ווייס געזיכט — רעדט ער:
— טערעזע, פאַרוואָס אַזאַ שטומקייט אין דײַנע אויגן,
אַזאַ אָפענע בלינדקייט צו מײַן בלודנעם לעבן?
אַזאַ אייביקע ערד האָט דײַן לייב פאַרדעקט.
אַ, טויטע טערעזע, קאָנסט מער נישט מײַנע קלאַיוושן הערן,
כ'קאָן אַליין מײַנע טענער נישט הערן,
און אויף אייביק עלנט איז מײַן מוזיק אָן דיר.

אַ לעמפּל טריבקייט פּלעמלט אין זיין שטוב.
ער זיצט תּשרדיק־באַנג איבערן טיש געבויגן
מיט פּעדער, כּתב, פּאַפּיר — אונטער האַרטע הענט,
און שרייבט צום גוטן, אַלטן פּאַסטאַר אַמענדאַ,
אַז ער איז טויב, שוין אויף אייביק טויב,
און אַז ער וואָלט פון זיך אַנדערע אברים אָפּגעגעבן,
אַבי נישט דאָס וויכטיקסטע פון זיין גוף — זיין געהער.

גאָט, שרייבט ער ווייטער צום אַלטן פּאַסטאָר,
— אָ, ווי שווער מיר איז אַזוי צו רעדן.
וואָרים אַחוץ דיר, אַמענדאַ, ווייסט קיינער נישט דערפון...
איך האָב שטענדיק פאַר דיר מיין האַרץ געטרויט,
דאַרף איך עס איצט פאַר דיר אַוודאי טאָן.
גאָט, אָ ווי שווער מיר איז אַזוי צו רעדן...
— — — — — דיין אומגליקלעכער לודוויג.

***

טויב איז דאָס דאַרף פאַר לודוויגן.
נאַכט רייסט אויף ווינטיק זיין שווערע טיר,
און עס בלייבט זיין פּנים צום דרויסן געווענדט.
אַזאַ פּחד, אַזאַ טרויער, אַזאַ געוואַי — ווערט פון אים,
אַז ער רופט די פויערישע שכנים פונעם שלאָף אַרויס.
זיין קול שלאָגט אָפּ ווילד, הויך, איבערן רוים
און בלייבט וואו אין הוילקייט פאַרקלעמט.

און ער האָט קיינמאָל נאָך אַזוי נישט גערופן,
און אַזוי בלודנע אין זיך אַריינגערעדט.
מיט אַ אינעווייניק געוויין יאָגן איצט זיינע בלוטן
און שלאָגן פון אים דעם באַשאַף אַרויס.
אַ, גרויס איז זיין גלויבן צום הייליקטום.

אויף זיין קליינער שויב גרינט מילד די לבנה.
נאָענט שטיל זיינען די ווייטן פאַר אים,
און דערמאָנען אים אין זיין יוגנטלעכער שטוב,
אין די בראָווע פרויען־רייד דורך בריוו־באַריר
פון לאַרכענס פאַרבענקטן ברויניגגס שלאָס,
און פון טערעזעס שווער פאַרנעפּלטן לאָנדאָן.

אין אַזעלכע מעת־לעתן
גייט ער מיט צעריסענע טריט איבערן דיל אַרום,
און שרייט אין זיינע פאַרקלעמטע פויסטן אַריין.
אַ מאַטער שוויס גיסט קראַנק פון זיינע שלייפן,
און מיט גראָבע אויפגעלאָפענע ליפּן,
פאַלט ער פאַרחלשט צו זיין געלעגער צו.

אָפן איז זיין טיר די נאַכט אַריינצונעמען,
און ער לייגט זיינע פינגער אויף אַלץ,
וואָס האָט קלאַנג פאַר זיינע שלאָפע אויערן.
אָ, אַלמעכטיקער, די קללה דורך כתב צו הערן
און די שפּראַך פון מענטשן אויף פּאַפּיר צו פאַרשרייבן —
אַז ער זאָל זיי פאַרשטיין, אַז ער זאָל זיי הערן
ביז צו זיין שטאַרבן אַזוי.

***

פערד מיט ראָסע אויף זיך, שטייען אין רו;
אויף די הייליגנדאָרפער שויבן בלויער חצות.
וואַרטן אויף זייערע פויערים אין שענק
און אויף פויערטעס, וואָס גלוסטן און שיכורן
מיט פאַרבליבענע מאַנסבילן פון דער נאַכט,
און שלאָגן מיט דאָרפישער הייסקייט.

עס זיצט לודוויג אַ פֿאַרטרונקענער ביי לערע פֿלעשער,
מיט אַ הענגענדיקער האַנט פֿונעם טיש אַראָפּ,
און דרימלט אַזוי צווישן אויסגענייגטע ביר־גלעזער.
דער לוסט פֿון פֿרויען וועקט נישט זיין שיכרות,
נאָר מאַכט אומהיימלעך טרויעריק
זיין ווייטע בענקשאַפֿט צום טאַטן.

אינעם רויכיקן רויש פֿון וויין, פֿון ביר און פֿון רייד,
פֿילט ער אַ שיכורע בייזקייט צו דער וועלט,
און ער קלאַפּט האַרט מיט די פֿיס אינעם דיל.
פֿון אָפּגעשלאָגענעם לאָמפּן־טריב — אויף אים —
און פֿון דער גאַנצער שרייענדיקער שענק,
שלאָפֿן איין זיינע האָר איבער די פֿאַרגאָסענע אויגן.

לודוויג, אַ לעצטער מענטש.
אַ פֿאַרבליבן צעקנייטשט געזיכט פֿונעם דרימל.
ער פֿילט אויף זיך דעם שאָר פֿון בלאָען פֿאַרטאָג
און ווישט אויס דעם אומעט פֿון זיינע פֿאַרקלעפּטע וויעס.
ער גייט צו דער פֿריער מזרח־זון אַרויס,
זיין לעבן אויפֿצופֿרישן —
און בלייבט איינער אינעם העלן מאָרגן שטיין.

אויפֿגעפֿרישטע פֿרייד און טויאיקער רום.
אַ, גרויס איז איצט דער באַשאַף אין לודוויגן.
גייענדיקערהייט צעשיט ער שטיקלעך בריוו
פֿון אַלע משפּחות און פֿון אַלע ליבעס —
און לאָזט אַלץ צעפּיצלט פֿונעם ווינט פֿאַרטראָגן,
און לודוויג בלייבט אַ פֿאַרצאַנקטער אין מוזיק.

פרעמדע שטעט

1.

פרעמדע שטעט אין טעפליץ, שענאָו, —
עס שמעקט מיט לאָנדאָן, מילאַן און פּאַריז.
אַ פאַרנאַכטיקער זומער וווייעט פון ברייטע אַלייען,
און קיל איז דער שפּאַציר פון דאַמען און הערן.
אַזאַ העפלעך געלעכטער הילכט פון גערטנער אַרויס
מיט אויסגעמישטע רייד פון פרעמדלענדישע פירשטן;
אין די צעבליטע גערטנער פון וואַרעמען יולי.

לודוויגס טראָט אין אַ פרעמדער רייכער שטאָט.
גלייביק איז זיין גאַנג איבער דער ערד.
נישטאָ אין אים די הכנעה צו פרינצן,
נאָר רוי, פּשוט איז דער מענטש אין אים.
זיין בלוט איז קראַנק און שיכור.
אַ, ווי ער פּאַסט נישט פאַר אַזעלכע רייכע שטעט.

אין קאַפייען — דינע אָונטיקע קאַמער־מוזיק.
שמאָלע גרעפלעכע פרויען־פינגער אויף גלעזער,
רוישן היימלעך מיט קילע געטראַנקען.
אַזאַ לייכטער לוסט רויטלט אויף געזיכטער
מיט האַלדזונג הינטער געמיטלעכע פעכערס
אונטער אַ הייס־געדיכטע קאַשטאַן־נאַכט.

און דורכזיכטיק דורך בלעטער בלויט דער אָוונט;
פאַלט ציטערדיק אויפן ליכט פון לאַמטערנס,
און אויף דער טונקלקייט פון לודוויגן און געטען,

וואָס גייען ביינאַנד אין שוואַרצע טיפע אַלייען אַריין,
מיט פּשטלדיקע רייד אויף לאַנגן שפּאַציר אַוועק,
און ווערן ביידע אין דער טונקל נישט פאַרצערט.

לודוויג און געטע — צוויי איינגעבויגענע מענטשן.
אָ, ווי ער ליבט דאָס דעם אייביקן געטע!
זיי רעדן פון האָמער, פון שעקספּיר און שילער
און פון ענגלאַנדס גרויסע אַרכיוון.
ביידנס רייד זיינען האַרב און בייז
פון טיפע שמועסן.

***

אונטער לינדן, קילע שוואַרצע שאָטנס,
לאַרדן פון ווייטע שטעט שפּרייזן ווייך און געלאַסן
אויף־און־אָפּ מיט געמיטלעכע בורשטינענע שטעקנס,
און ציען דורך דער כּאַלנדיקער אַוונט־בלאָ הין און צוריק.
פרויען מיט פרעכע אויסגעבלעזטע זומער־קליידער
און מיט צעצויגענעם שאַרנדיקן שלעפּ נאָך זיך,
רעדן הויך און פרעמד אויף אַלערליי שפּראַכן.

בעטהאָווען און געטע — צוויי אומרואיקע מענטשן.
איינער מיט שרייענדיקן האַרטן גאַנג —
איינער מיט אַלטן שלעפּעדיקן טראָט —
שפּאַנען מיט צעריסענע הייסע שמועסן
און רעדן, פאַרטאָענע, וועגן ביכער פון דער וועלט, —
רעדן אַזוי אין דער פאַרשלעפּערטער נאַכט אַריין.

ביידע — אין זעלבן כּוח און אין זעלבן וואוקס,
איבערפּרואוון זיך מיט ראַנגלענדיקע רייד,

און וועקן צו זיך פאַרוואונדערונג פון פאַרבייגייערס.
גרעפינס און פרינצן שפּאַצירן זייער אויג פאַרביי —
און געטע, אַן רייד, לאָזט לודוויגס אָרעם אַרויס,
און פאַרנייגט זיין גרויסקייט דער הערשאַפט אַנטקעגן.
עס בלייבט לודוויג אַ צוריק־געבליבענער — אַליין;
אַן אַ באַגריסונג, ווי געלעמט שטיין.

אומעטום דער זעלבער טרויעריקער בעטהאָווען,
און ער האָט שטענדיק נאָך געטען געבענקט,
און קיינמאָל נישט געטראַכט אַז ער איז לאָרדיש
און הכנעהדיק צו די, וואָס גאַרן נאָך געוועלטיקונג.
אייביק עלנטער לודוויג!
ליב האָט ער ס'לעבן פון בעטלערס, פון פאַסטוכער.
אין אַנגעזיכט פון געטען, פון זיינע קיניגלעכע האַרן,
קערט זיך לודוויג אָפּ אַ פאַרשניטענער,
און מיט צעריסענעם מענטש אין זיך אַליין,
גייט ער איינער אין אַ געפאַלענער עלטער אַוועק —
מיט פאַרלוירענע טריט אויף בעטלערישן וועג.

***

אויף בעטלערישן וועג מיטן פנים צו דער ערד,
גייט בעטהאָווען אין דער פרעמדער וועלט אַרום.
אַ, גאָט, באַהיט, באַשירעם קיינעמענס אַ מענטש!
ער איז אַליין — אַן שטעט, אַן מענטשן.
ער וויל די ערד, די זון, די שפּראַך פון פלאַנצן.
צום רום פון שעפּסענער רו — רעדט ער,
און לאָזט זיך אויף טויאיקע לאַנקעס אַראָפּ.
אויפגעהייטערט אין פרייד ווערט זיין ברוין געזיכט
אַ, ווי אַנדערש ער איז דאָס פון געטען.

ער וויל די רו פונעם רייִנגאָלד און פישערס,
און אַ וואַנדער־וועג דורך ברייטן מדבר־זאַמד,
כדי דער ערדישער געַנעדיקייט נישט צו דינען.
פאַרברענט, אָפּגעלאָזן זיינען די קליידער אויף אים,
און הונגעריק איז ער ווי דער שטאָטישער בעטלער,
וועם ער האָט זיין לעצטע פּרוטה אָפּגעגעבן.

אין זיין מידן, שטויביקן גאַנג,
קומען אים גרינע ווייטן אַנטקעגן.
אַהין — נאָך מונטערונג פון פרייד גייט ער.
שטאַר הייבט זיך דער שטויב פאַר זיינע אויגן
און מאַכט גרויער נאָך זיינע אומעטיקע קליידער.
פון צופיל פרעמדקייט און פון צופיל גיין,
לעכצן זיינע ליפּן נאָך פרישע טראָפּנס וואַסער.

אַ מענטש אויף ווייטן שטומען וועג פאַרשאַרט.
דאָ קאָן ער זיך מיט דער טויבקייט אָפּענער וויזן.
ער איז סיי ווי די שווייגנדיקע לערקייט אַליין. —
און אַז ס'רעגנט דאָ אויפן וואַלדיקן וועג,
רינט דער גאָס פאַרקילטער אויף זיין פּנים,
און גרינגער ווערן זיינע פיס אויף צו וואַנדערן.

העל־פאַרחלשטע וואָלקנס ציען מיט אים מיט
און פונעם הימל — פאַלט דער טאָג ביסלעכווייז אויף אים.
אַזאַ אָפּגעפרישטער באַנגער טרויער איז אין אים איצט פאַראַן,
אַז ער שטאַרקט אין זיך דעם גלויבן אין מענטשן־פרייד —
און עס ווייסט איצט קיינער נישט דערפון.

***

שלאָף פון טעג, פון אָפּגעגאַנגענע מײלן ערד,
פֿאַלט ער אויף די קני אַראָפּ בײם סוף־װעג
מיט טיפן רחמים צו די פֿרומע הימלען אַרויף,
און הײבט זײן תּפֿילה מיטן כּוח פֿון יאוש,
אַז זײנע פֿיס זאָלן צום ייִנגל קאַרל דערגײן, —
אָדער אַלײן גאָר װערן די ראַנד פֿון האָריזאָנט.

אַ געבױגענער מענטש מיט צעעפֿנטע פּאָלעס.
האַרט פֿון װינט זײנען די האָר, דאָס געזיכט.
אויף זײן אַקסל — אַ בינטל קלײדער,
אַ פּאָרטפֿעל נאָטן הינטערן אָרעם פֿאַרװאָרפֿן.
אַן אָפּגעזונדערטער פֿון שטעט און מענטשן —
גײט ער אין אײגענעם באַשאַף אַרײן.

טרױעריק איז זײן צוריקקער צום אַלטן װין,
און װײט, פֿאַרגעסן, זײנען פֿאַר אים די לאָרדן —
בלױז אײנעם, געטע, טראָגט ער מיט פֿײער אין זיך.
צום שפּיל פֿון „פֿידעליאָ" — גײט ער איצט אָפּ;
אויספּרואוון פֿאַר דער װעלט זײן ברײטע מוזיק,
און װעקן די הערונג פֿון איטלעכנס אויער —
בלױז בעטהאָווען, װעט זײן די טױבקײט אַלײן.

אין הײליגנדאָרף צוריק.
טױאיקע ריחות, כּאַטעס און פּױערים,
װײען מיטן פּאַסטאָראַל פֿון געזונטן פֿרישן לעבן.
דאָ איז אין איעדן פֿלאַנץ גאָט פֿאַראַן.
מיט זײן פּנים צו די קרײטעכער אָנגעבױגן,
בענטשט ער די שעה פֿון דאָרפֿישן טאָג.

אָ, װי ער װאָלט מער קײן װין נישט װעלן צוריק,
און נישט אומגײן אַ טױבער צװישן מענטשן.

אַלץ איז דאָרט פאַר אים אַזוי עלנט־טריב;
שטענדיק אין אַ בוידעם־שטוב — אַליין.
דאָ, אינעם ברייטן טאָגיקן דאָרף אַצינד,
רעדן מילד אַרויס פון אים זיינע פסאַלמען.

***

שפעטער זומער מיט האַרט־פאַרברוינטע לאָנען.
עס גייט לודוויג אין טיפער רו אַרום,
אויפצוהייטערן זיין אומעטיק לעבן.
אַזויפיל בייזקייט טראָגט ער פאַר אַלע שטעט
און פאַר דער פרעמדקייט פון „נאָבעלן״ ווין.

אינעם פעלד שפריצן זיינע אויגן דער זון אַנטקעגן,
און עס טראָגן זיך ריחות פון הויכע סטויגן היי
מיט שאַרפער פרישקייט פון צעוואָרפענע שייערן.
פויערטעס מיט פלאַמיקן לוסט און גלוסט,
זאַמלען איין די סוף־זומערדיקע גאַרבן.

אין שאַרלעכער קילקייט פאַרגייט דער טאָג פון אלול
און באַהויכט די שויבן מיט בלאָען אָוונט,
עס בלייבט לודוויג צווישן הימל און ערד,
אַ שטענדיקער מיט פעדער, מיט נאָטן אין די הענט
אין מיטן — פון שפעטן זומער און פריען האַרבסט.
פון ווינט אויסגעשפרייט פלאַטערן זיינע קליידער,
און ער ווערט גרינג, דין, קעגן דער לבנה,
אינעם שווייג פון ביינאַכטיקן דאָרף.

אַזאַ איינגעשטילטער שלאָף ציט פון כאַטעס אַרויס.
שויבן פון געצונדענע פענצטער ווערן איינגעלאָשן און פאַרצערט,
און איבער דער ערד שאָטנט אום לודוויג.

ער שפּרייזט מיט אָפענעם אויגן־גראָ צום מזרח
נאָך אַ ביסל וואַרעמען טאָג פאַר זיין וואַנדערונג.

הינטערוועגנס — אויסער נאַכט און אויסער דאָרף,
שאַרט ער זיינע פאַרשלאָפענע טריט אין פאַרטאָג אַריין
מיט שטויב־פאַרלאָפענע שיך און קליידער.
אַזאַ וואָגלדיקער הפקר מאַכט זיינע אַקסלען מיד
און בויגט זיין גאַנג, וואָס פירט קיין ווין צוריק.

פרייד, אויפגעפלאַמטער לודוויג איבערן בריטן ווין.
ער גייט אַ געהויבענער מיט ווילד־פאַרריסענע האָר,
און פון זיין פעסטן גאַנג שלאָגט צאַפּלדיקע פרייד.
אַלץ פאַר זיינע אויגן איצט איז „פידעליאָ".
ער זינגט אין זיך די קלאַנגען פון זיינע אַקאָרדן,
וואָס ער וועט פאַר אַ סך אויגן, פאַר אַ סך אויערן, צעפירן —
און אַליין בלייבן אין פאַרשניטענער טויבקייט שטיין.

אַזאַ אייביקע ראַנגלונג ווייטיקט אין אים.
ער קאָן אין דער וועלט קיין טרייסט נישט געפינען,
ווייל ברידערלעך טראָגט ער זיינע טענער אויס
און קריצט זיי מיט אַ פאַרביסענער פעדער
טיף אין נאָטן אַריין.

בעטהאָווען — מיט צענומענע קליידער, מיט אָפענע הענט,
שטייט אַלטלעך צו די כלי־זמרים געווענדט,
און טוקט־איין ביסלעכווייז אין זיין שאָטן אַריין.
פאַר אַלע האָרכנדיקע מענטשן — אַן אומרואיק געשטאַלט,
עפנט גיסנדיק זיינע וויאָלינען איבער אַלץ —
און באַוועגט, אַ פאַרלוירענער, דעם פּרעליוד פון „פידעליאָ".

די פינצטערניש איז טיף, שוואַרץ אַרום אים.
די כלי־זמרים ווייסן נישט אַז לודוויג איז טויב
און אַז טויט איז די וועלט אין זיינע גרויסע אויערן.
ער קאָן די וויאָלעס ביזן סוף נישט דערפירן,
ברעכט ער אויס אין דער חרפה פון זיין טויבקייט...
און אַנטלויפט אַ משוגענער־בעטהאָווען פון אַלץ,
און פאַלט, ווי אַ זאַך, אין זיין בידנער שטוב אַוועק.
מיט צעפאַלן געוויין אין זיין געלעגער אַריין
און בלייבט אַזוי אין פאַרלאָשענעם צער ליגן.

דאָס ייִנגל

ז.

זעלנדאָרף. — לאַנגע זיינען רויט, זיינען געל פון האַרבסט.
מילד קוקן לודוויגס אויגן אויף די אומגייענדיקע שעפסן.
דאָס בלוט און דאָס האַרץ איז אַסיענדיק אין אים.
אַ, גאָט, פאַרוואָס איז ער נישט קיין בעטלער
מיט טויבע, אויסגעשטרעקטע הענט אויף אַ גאַס,
און מיט אָפענעם געבעט אונטער זון און פרעסט —
פאַר אַלע מענטשן — אין אַלע גרויסע שטעט.

אַזויפיל אַלטקייט גרזיט אויף זיינע קליידער.
שלאָף איז זיין געזיכט פון בענקשאַפט צו קאַרלען.
ער שרייבט אויס זיינע פינגער נאָך אים,
ווייל ליב האָט ער אים טיף און ווייטיקדיק,
אַז ער וואָלט אויף די שנייאיקע בערג פון זעמערינג
געגאַנגען פאַרן ייִנגל אַהין שטאַרבן.

ביין, דאָס ייִנגל וויל נישט מער דעם פעטער,
נאָר זיין שיכורע באַנישע מאַמע —
ער קאָן נישט אויסשטיין לודוויגס טרויער.
בעטהאָווען —
ווי ער ווײנט דאָס אין זיינע פאָרטריבטע נעכט אַריין:
אַלמעכטיקער, קער צי מיר דאָס ייִנגל אום.

מיט אַ שלאַגנדיק האַרץ שרייבט ער בריוו צו אים:
„קאַרל, אָרעם בלוט מיינס!
אייביק אומפאַרגעסלעך ייִנגל!
פאַרגעס נישט אין דיין עלנטן פעטער.
מיין ליבשאַפט צו דיר, איז מוטערלעך.
כ'האָב אַזוי פיל פון מיין לעבן דיר אָפּגעגעבן.
מיין אָטעם — מיין פרייד און מיין טרויער
איז אין דיר, אין דיר, מיין קאַרל —
כ'טראָג דיין האַרץ אין דער פרעמד אַרום.
כ'וועל אָן דיר אַפילו נישט קאָנען שטאַרבן".

האַרבסטיקער מעת־לעת. ווילדע אָוונט־שעהן.
ער רעדט מיט פייער צום פעלד — ביינאַכט,
און עס ציטערן פון שרעק זיינע געלע פינגער.
דער כוח פון באַשאַף מאַכט אים אַזוי אומרואיק יונג,
אַז עס וויטיקט נישט מער אין אים די טויבקייט,
בלויז מוזיק קאָן שטילן זיין בענקשאַפט צום ייִנגל.

*
**

אַ מענטש טונקלט אין פאַררויכערטן ליכט.
אויף זיין טיש — אַ לעמפּל אין שטומקייט ברענט
און בויגט אים מיד נאָך שלאָף אַראָפּ.
אַלץ אין אים איז טריב און פאַרשניטן.

ער זיצט, ווי פון ליים, אָן אַ לעבעדיקן ריר;
דאָס העמד צעקנעפּלט פון איבערגעגאָסענעם שווייס,
ביז פונעם ליים ווערט אַ בעטהאָווען צוריק.

פּאַר זיין אויג — קאַרלס בריוו;
כתב פון ייִנגלשן לוסט נאָך זעלבסטמאָרד אין דער פרעמד,
מאַכט לודוויגן צעריסענער און שטאַרבנדיקער.
ניין, עס איז נישט דער צער פון קראַנקן לעבן,
נאָר אַ טרו־ער וואָס עסט ווילד זיין גוף,
ר'איז אַליין, אויף שטענדיק אָן קאַרלען אַליין.

אַזאַ שטרענגער שוויַיג בליקט פון זיינע טיפע אויגן
און קוקט אָנגעשפּאַנט אויף צעוויקלטע נאָטן.
זיין האַנט רירט זיך נאָך אַ ביסל פרייד־באַשאַף
דורך פּסאַלמען און וואַרימען גנאָד,
ווייל אָנעם ייִנגל שלאָגט שטאַרקער די בענקשאַפט,
און עס ווערט פון אים אומעטיקע פרייד.

און עס ווערט פון אים דרימל און העלער חלום:
אַ דאָרפישע נאַכט שפּאַלט זיך מיט דונער און בליץ
און וויקלט אויס פון פייער די טאָכטער פון עליזעאום.
עס רעדט איר שטים אין לודוויגס חלום:
„רוף דורך דיר צו ברידערלעכקייט!
גיס אויס דיין „אַדאַדזשיאָ" אין תפילה צו מיר,
אַז הימל און ערד זאָלן דיינע הייזעריקע טשעלאָס הערן. —

דאָס „עליזעאום" אין פלאַמען ווערט נישט פאַרצערט,
נאָר וועקט אין לודוויגן דאָס געטלעכע צו זיך.
ער איז, אין חלום, מעכטיק די הימלען צו עפענען,
פאַר דער תפילה פון די מענטשן־ברידער,

פאַר דער גרויסקייט פון זיין אייביק געזאַנג
איבער אַלע זיבן ימען פון באַשעפערס וועלט.

***

אויף זיינע דאָרפישע ווענט אַ פאַרקאַלעכטע טריבקייט.
די שטוב שמעקט מיט פאַרלעגענע חפצים,
און ער שפּאַנט מיט האַרטע טריט איבערן דיל.
אַ פאַרטרערטער מענטש מיט פאַרבראָכענע הענט,
קניט ער פאַרביסן ביים ייִנגלס לערן־בעט,
און רעדט צו קאַרלס פאַרוואַלגערטע שיך:
— אָ, גאָט, מיין ייִנגל, פאַרלאָז אים נישט.

שווערע פאַרקילטע טעג.
אַזאַ קאַלטער געוויטער טראָגט זיך איבער דער ערד —
און לודוויגס בלוט שלאָגט ווילד אין די שלייפן.
ער לייענט אויפסניי איבער קאַרלס ווייטע בריוו,
פון זיינע אויגן ציטערן אַרויס טרערן, פאַרלאָפענע
מיט אַזאַ הייסקייט אין ייִנגלס כתב אַריין.

גרויסער עלנט.
אינעם פאַרגעלטן אַרכיוו פון אַמאָליקע אַלטע בריוו,
זוכט ער היימלעכקייט פאַר זיין געפאַלנקייט.
כתב־ידן — היימישע, יוגנטלעכע און משפּחהדיקע,
פון לאָרכען, פון טערעזען און פון די ברידער,
מאַכן אים פריש גלייביק און תּפילהדיק,
אַז ער ווערט אַזש אַליין ייִנגליש צו דער וועלט.

אַלטע, באַנגע בריוו מיט שטעט און לענדער;
מיט יוגנטלעכער בענקשאַפט צו מענטשן און ימען,
און צו מאָצאַרטן, היידנען און באַך. —

מיט אַ וואַנדערדיק האַרץ גייט ער דורך בריוו צו געטע;
דורך די טעג, חדשים, פון נאַפּאָלעאָנס שלאַכטן. —
איצט איז ער פון די אַלע בריוו אַ טויבער פאַרבליבן.

זיינע פענצטער מיט הויכן שטרוי פאַרלייגט.
שרייענדיקער ווינט איבער די טאָגיקע פעלדער.
זיין גרויסער טיר — טויב פאַרהאַקט.
איינגעטוליעטע פון קעלט איינע אין די אַנדערע אַריין,
איבער צעוואָרפענע פויערישע שוועלן ליגן שעפסן
און שוידערן אויף מיט די פעלן פונעם ערשטן שניי.
אַ, סמוטנע זיינען די מעת־לעתן פון דעצעמבער
אין געטלעכן זעלנדאָרף.

נ צ ח ו ן

ח.

סוף־טעג אויפן געבויגענעם קראַנקן בעטהאָווען.
ער רעדט פון האַרץ צו אַנגעוואָרפענע נאָטן
וועגן גאָט, פרייד און ברידערלעכקייט.
אויסגעשטעונטער פראָסט מאַכט גרין זיינע שויבן,
און טונקל וואָרעם קוקן זיינע שלאָפע אויגן
צו דער אומהיימלעכער נאַכט אַרויס —
אַלץ פאַר זיינע בליקן גלוסט צום שטאַרבן.

אַזוי הימליש העל זיצט ער ביי זיין מוזיק כותב
און קריצט טיף די סימפאָניע די „ניינטע"...
פאַר זיין פאַרעקשנט געזיכט ליגן ספרים.

שילערס אָדע — ביבליש אויפגעבלעטערט —
שרייט מיט רופנדיקע אותיות צו דער וועלט,
און צו דער „טאָכטער פון עליזעאום״.

אייביק מענטשלעכע פּסוקים זינגען פון דער „אָדע״,
און מאַכן פרישׂ, יונג, זיין לעצט ביסל לעבן —
ווייל אַלע — אַלע וועלן פריידיק זיין מוזיק צעוויגן,
מיט טרויעריקע טשעלאָס די גרויסע ערד צעפירן.
אָ, דער כוח פון זיין „אַדאַדזשיאָ״,
וועט רירן דעם מענטשן און גאָט.

נאַכט, ווינט און שניי דורך זיין טיר ציט
און פאַרצאַפּלט דעם לאָמפּ אויפן טיש.
צעטראָגענע הענט און צענומענע הויכע האָר,
וואַרפן זיך נאָך זיינע פינגער, הייס איבער קלאַווישן,
און דורך אָפענעם העמד הויבט זיך האַסטיק זיין ברוסט
פונעם ווילדן שפּילן אויף פּיאַנאָ.

אַ שניי פאַרציט מיט הויכן פראָסט זיינע פענצטער.
פון די שויבן ווערן ווייסע, אויסגעמאָלענע לעמער.
אַזויפיל גלויבן איז איצט אין אים פאַראַן,
אַז ער איז אַליין מיט לאַנגע נאַכט אין שטוב
אַ פאַרגעסענער אָן שלאָף, אָן אַ ביסל עסן,
און שפּירט נישט די ציענדיקע שרעק פון קעלט.
נאָר זיצט טויב מיט כתב איבער האַרט פּאַפּיר,
נביאיש אין חצות אָנגעבויגן.

***

ווייס־פאַרשאָטענע ביימער וויגן זיך אין ווינט,
און גרין בליט זיין פענצטער קעגן דער לבנה.

אָנגעשנייעטע פלאַכן הייבן זיך פאַר זיינע אויגן
מיט אויפגייענדיקער בענקשאַפט צו טערעזע,
און צום שטילן בלאַ פונעם רהיין — לעם באַן.
די ברייטע, ווייסע רו פאַר זיין אויפגייענדיק געזיכט,
וועקט יונגן לוסט אין זיין פאַרקילט בלוט.

אין די לאַנגע חצותן פון דער סימפאָניע, דער „ניינטער"...
שאַרכט אומרואיק זיין פעדער אויף פאַרגעלט פאַפיר
מיט אַזאַ איינגעקריצט לעבן, וואָס גייט אויף נאָכן שטאַרבן.
אַזאַ אָנגעשטרענגטער שווייס רינט אָפּ פון אים
און שלאַגנדיק היצט זיין האַרץ מיט ווידוי.

אָ, ווילד ווערט ער פון צופיל באַשאַף!
פון זיינע לאַנגע נעכט ווערן תפילות.
אַ ברידערלעכע פרייד איז איצט אין אים פאַראַן
און אַן אויסגעשריגן קול פונעם גאַנצן מענטש,
צעשויבערן זיינע האָר און צערן אויס זיינע פינגער —
דער כוח פון גרויסקייט רייסט זיך פון זיין גוף.

לודוויג אויף בלודנעם געלעגער אָנגעשפּאַרט.
אַ טיש מיט לאָמפּ צו זיינע אָרעמס צוגערוקט
נאָענט צו זיין געזיכט — האַרט פאַפּיר,
און פאַרשאַרט לייענט ער די קאַפּיטלען פון דער „ניינטער"...
ער גייט מיט פאַרזיכטיקער פעדער אַלץ אויפסניי אַדורך, —
פאַר וויאָלאָס בייט ער די נאָטן טיפער, דינער,
און פאַר טשעלאָס שרייבט ער זיינע נאָטן ברייטער.
ער באַוועגט אין זיך אַלע שטימען וויגנדיק,
און ווערט די פרייד אַליין.

אויסגעטראַכטע מענטשן-ברידער זיינען אין זיין שטוב אַצינד,
און פון צופיל גאָט פילט ער איצט ניט די ערד.

פרייד און טרויער ראַנגלען זיך אין זײַנע אָדערן
און רעדן דורך זײַן קראַנקן מויל אַרויס:
אָ, אַלע — אַלע װעלן זײַן גרויסן רוף דערהערן,
װײַל אַלע מענטשן װעלן ברידער װערן.

***

האַרטע פּראַקטיקע ערד אינעם חודש שבט.
װינט — דאָס געװײן פון דער װעלט,
װאָיעט היינט אומעטיק אין זײַן שטוב אַרײַן.
לודוויג מיט פּיכט־פּאַרלאָפענע אויגן — אויפן געלעגער,
הערט ניט דעם זאַװײ איבער זײַן דאַך.
ער ליגט אַ צעפאַלגער אין קראַנקן העמד
און קוקט שווינדלדיק צום באַלקן אַרויף.

פונעם בעט, מיט זײַנע בלינדע הענט אַראָפּגעלאָזט,
זוכט ער מיט די פינגער אַ טראָפּן װאַסער,
און רירט אָן זײַנע אויסגעטאָנענע קליידער אויפן דיל.
זײַנע אויגן שטום, שטאַר און גרויס,
שטייען אָפן דאָס שטאַרבן אַרײַנצונעמען.
ער ליגט װי לויזער בלײַכער גיבס צעגאָסן —
אַ ריר פון אימיצנס אַ האַנט — און ער צעפאַלט.

אַ פויערישער שומר ביי אַ טריפנדיק ליכט,
װאַכט איבער זײַן פרייער, קאַלטער נאַכט.
צעװיקלט ליגט לודוויגס „הײליגנשטאַטער צוואה"
פון גרויסער ברידערלעכער בענטשונג פאַרשריבן —
אַ מחילה אַזאַ — אָן גרימצאָרן, אָן שעלטונג, פאַרשריבן
צו אַלע מענטשן פון דער גרויסער װעלט.
אַז הימל און ערד זאָלן עס הערן.

דאָרפיש, איינציק, שטייט זיין הויז אינמיטן ווינטער.
מיט אָנגעשאָטענעם שניי און בלענד, בליען די פעלדער
און מאַכן פאַרבלאָנדזשעטער די וועגן פון דער נאַכט.
פּאַסטאָר אַמענדאַ, איילנדיק און אַלט,
געגנענט אַן אָנקומענדיקער מיט שניי אויף זיך,
און אַ גערייסענער פון זאַווייען וואַקסט ער אויס
מיט הויכע כאַלעוועס און אַ תהילים׳ל־ווידזי.

פרעמד שלאָגט אָפּ דעם שומרס ליכט אויף אַמענדאַן.
פון פּאַסטאָרס שטעקן פאַלט בייז דער שניי אַראָפּ,
און זיין אָנגעברענגטע קעלט פאַרקילט די שלאָפע שטוב.
בעטהאָוועז אונטער איינגעדעקטן, שטילן ליילעך,
שפּירט איבער זיך די מאַנאַכישע פינגער,
זיין ליימיק שווייגנדיק געזיכט — אָנגעבויגן, —
אָנגעבויגן מיט רייד און פרייד פון „עליזעאום״.

***

אַ לאָמטערן אויף ווייסער דרויסנדיקער טיר אָנגעהאָנגען,
צאַפּלט פינטלדיק און עלנט אין פינצטערן ווינט,
און רופט, ווי דורך עמוד אש, צום גרויסן קלוגן וועג.
פון אומעטום־פעלד ציען מענטשן אַהין, אַהין...
דעם שטאַרבנדיקן בעטהאָווען צו זען.
משפחות, חברים — אין דער אָנגעלאָפענער שטוב,
שטייען אָפּגערוקט פון שרעק — אַרום זיין צוקאָפּנס,
פון צופיל טרויער רעדט מען נישט איינער צום אַנדערן.

גאָט פון נצחון שלאָגט פון לודוויגס גסיסה.
די רייד פון זיינע פאַרחלשטע לעפצן,
מאַכן קראַנק, ווילד און לאַנג דעם מעת־לעת,
און אַלעמענס אויגן שטייען האַרט און אָנגעשטעלט

אויף זיין רגעדיקן אָטעם־צוג,
וואָס שלאָגט לאַנגזאַם דאָס לעבן אַרויס.

עס פֿאַרהאַרטעוועט ביסלעכווייז, ווי גיבס, זיין גוף,
און פֿון אויסגייענדיקן האַרץ פֿאַלט־אָפּ זיין אָטעם;
מאַכט שווערער דעם טויט פֿון דער גאַנצער שטוב.
אַ געוויין שטייט פֿאַרגליווט אין אַלעמענס אויגן,
ווען מיט אַלטן איינגעלאָפּענעם קול
לייענט דער פּאַסטאָר די „הייליגנשטאַטער צוואה":
— ליב די וועלט דורך ברידערלעכקייט!

לודוויג מיט האַלב־אָפֿענע אויגן אויף קישן,
פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ, שאַרט מיט די בלינדע הענט,
ער וויל קאַרלען און די ברידער אָנטאַפּן.
איינגעצויגן ווערט דער פּחד פֿון אַלע אָנגעזאַמלטע מענטשן,
און שווייס איינגעהאַלטענער, שטומער, פֿון איטלעכן רינט.
עס הענגען אַלעמענס קעפּ קאַלט צום דיל אַראָפּ —
אין אַ נאַכט אַ שווערע פֿון נאַסן חודש מערץ.

אַזאַ פֿאַרגליווטע גסיסה וואַקסט אין לודוויגן אַריין
און טריפֿט אויס דעם גראַ פֿון זיינע טויאיקע אויגן.
פֿון זיינע חלפֿדיקע ליפּן — לעצטע אָפּגעריסענע רייד:
— גאָט, פֿרייד און ברידערלעכקייט,
— איז דער מהות פֿון מיין מוזיק.
— — — — — — — — — — — — — —
פֿאַר הימל, פֿאַר ערד און פֿאַר מענטש,
פֿאַלט ער מיט נצחון אין שטאַרבן אַריין.

קאַמער־מוזיק

מאָצאַרט און שובערט — געמיטלעכע קאַמער־מוזיק;
ווייכע קלאַווישן אונטער שלאַנקע העלע פינגער.
יונג־פרויען אין זיידענעם לאַנגן שלעפּ צווישן בראַנדז,
שפּרייזן הייס און העפלעך איבער פּאַטאַרירטע דילן.

אויף סאַלאָנען שלאָגט געשליפן ליכט פון הענגלייכטער
און ווי לעבעדיק זעען־אויס די בילדער פון די האַבסבורגער,
„דאַמען" און „הערן" ציען אין אַטלאַס, אין זילבערנע הויבן;
בויגעוודיק און געאַרעמט מיט הילכיק געלעכטער.

זאַלצבורג און ליכטנטאַל — שטעט פון עסטרייך.
פערד זעקס אין שפּאַן ציען קייזערלעך פאַרריסן,
און פרויען־פאַרנאַכטיק — מיט שטאָלצע לאָרנעטן,
שטייגן־אויס ברייטלעך פאַר די טעראַסן פון טעאַטער.

אין די „צויבערפלייט" — קרייזן פרויען מיט ליבעס;
מיט קילן רויש דורך אָוונט און דורך אַלייען.
זיי בענקען צו טישלעך פון ראַנדעוואוס און געטראַנקען
און גלויבן אין די רייד פון קאַוואַלירן, אין העלדישע דועלן.

צו שובערטס פאַרשלאָפטע לבנה ציען זייערע הערצער
און ווייסן נישט, אַז דאָס אין אַזאַ גאָסן־סערענאַדע;
אַ תפילה אַזאַ פון בעטלערישע פינגער אויסגעשפּילט;
ס׳איז שובערטס געוויין אויף אַ בעטלערישן גאָסן־ראָג.

אַזאַ „נישט־פאַרענדיקטער" טרויער זינגט פון אים!
פון צופיל אומעט פאַרגעסט ער אין זיך, אין דער ערד;
ס׳שיכורט דאָס גאַנצע קייזערלעכע הויף פון זיינע וויאָלאָס
אין ווילדן וויין — מיט פרעכע טעכטער פונעם שיינברון.

ב ר אַ מ ס

ציגיינעריש בלוט שלאָגט פון דיין ברייט געזיכט.
לוסט גרויט פון דיין גרויסער פישער־באָרד.
האָסט אין זיך ראַספּוטינס אַלטלעכן גלוסט —
און קענסט שטענדיק אויפגיין אין אַ אַנדער לאַנד.

אויף די וועגן פון אונגאַרן, ווערסטו ציגיינערישער טרויער,
זינגסט דאָס שיכורע געזאַנג פון די טרויבן־פעלדער.
אין שנעלן ריטם — אַ ביסל סלאַוויש, אַ ביסל אונגאַריש,
צעלאָזסטו הפקר דיינע טענער פאַר ציגיינערישע טענץ.

אַז דו גענענסט מיט יאוש אין גרויסע שטעט,
בלייבסטו אין עצבות גראָ ווי אַ בעטלער אין שניי;
פאַרשוועכסט די סטודענטישע מתנה פאַר דיינע קאַדעטישע לידער,
ווייל ליב האָסטו די מאַטראָזישקייט אין דער גרויסער פרעמד.

אין דיינע בראַמס־טענער ביסטו די זון, גרויס און נאַנט.
עפנסט בלוי די וועלט און פאַרצאַפּלסט זיך אַליין אין בייזקייט,
און פרישסט־אויף דאָס בלוט וואָס איז עלנט.
ביינאַנד מיט דיין מוזיק גלוסט זיך אַמאָל צו שטאַרבן.

ט ש י י ק אָ ו ו ס ק י

אויף די פעלדער פאַר דיין פענצטער פאַלט שטענדיקער שניי.
ווי פון הימל, טראָגסטו דאָס געזאַנג פאַר דיין פאָלק.
אין ערגעץ און ביי קיינעם נישט, קען ערד אַזוי וויינען, ווי דורך דיר,
ווייל ליב האָסטו די ערד אין שניי, די ערד אין דיין לאַנד.

ביסט נישט זוניק ווי דער רהיין, ביסט ווי די וואָלגע שווער.
פויערים באָרוועסע מיט אָפענע מידע אָרעמע לייבער,
טרעטן ליימיק אויף ברעגן מיט שלעפּ־שטריק אויף זיך,
און פּראַכן נאָך דער משא אונטער אַ דינער בייטש אין לייב.

נאָך די יסורים וואָס די וויאָלעס ציען־אויס אין דער „פּאַטעטיק״,
קען מען הערן ס׳מענטשלעכע קול אין קלאַנג פון געשמידטע פיס,
וואָס גייען אין קעלט מיט אָפּגעריסענע אויגן דורך זאַווערוכעס
און שרייען נאָך רחמים — אויפן וועג קיין סיביר.

אַז ס׳זומערט דיין לאַנד שטייסטו מיטן פויער אינמיטן פעלד
און לייגסט בונטן־תבואות — פון דיינע פינגער פאַלן קערנער.
איבער איטלעכנס דאַרף גייט אויף דאָס געזאַנג פון דיין האַנט —
און קערסט דיך אַהיים צוריק צום שטענדיקן שניי.

סאַמאָוואַריקער טרויער פאַרשיכורט דיין באַנג געזיכט;
פאַרקלערט די נאַכט וואָס פּראָסטיקט אויף דיין שויב.
פאַר דיין אויג — אַ שטאַרבנדיקער זעלנער ראַטשקעט זיך אויף פעלד
מיט אַן אויפגעריסענעם געזיכט, פאַרלוירן פון אַ פערד.

ווערסט צאַרנדיק ווי פעטערבורג און שפּאַרנסט דיך ריטערלעך אַן
מיט לאַמפּאַסן און טראַמבאַנען נאָך נקמה פון אַ נאַפּאָלעאָן,
צעקלינגסט דעם קופּער אין אַ הימנע צום צאַר,
און שטילסט זיך איין מיט דער מאַרסעליעזע פון „אכצן־צוועלף!"

סיבעליוס

אויף האַרטער, קאַלטער ערד אין אַ פאַרשנייעט לאַנד,
זיצט דער היימישער יאַן אין זיין פאַרעקשנטער כאַטע,
מיט די אויגן צו די פינלענדישע ווייסע, וועלפישע, וועלדער
און ציט אַריין אין זיך די טליענדיקע אויגן פון יעגערישע הינט;
שפּירנדיקע טריט פון יעגערס וואָס גייען אויף יאַגד.

אין כתב געבויגן זינקט סיבעליוסעס פיניש־געזיכט.
אַמאָל בייז, אַמאָל מילד — און אַמאָל מיט טיף געשריי.
בייז איז ער — ווי ווינטיקער געוואָי איבער דעכער;
מילד — ווי די פעלדער אין שווערן רייפן גרין,
און ברומענדיק — ווי אַ לייב וואָס איז אין וואַלד אַליין.

סיבעליוס — אַ ביסל סיביריש און אַ ביסל פיניש.
רויע־לעבנס שלאָגן שטיקערווייז פון זיינע טענער אַרויס,
ווי לעגענדעס ווייטע פון אַ פאַרגעסענער וועלט.

אַזאַ אײביק־שעפּסענער שװײַגן איז אין אים פֿאַראַן —
און װײַנען קען ער, װי טשײַקאָװסקיס פֿאַרבענקטע נאָטן.

דורך „פֿילאַנדיאַ" זינגט דאָס פֿאָלק און דאָס לאַנד.
עס מאָלן זיך בילדער פֿאַרצװײַגטע און שזיבנדיקע;
ס'װאַקסן־אױס העקערס, יעגערס אין טיפֿע פֿעלצן,
װאָס ציען שפּע פֿונעם קלײנעם װינטערדיקן לאַנד
דורות אַזױ — פֿאַר זײערע געזינדער און רינדער.

שטרענג און גראָב איז דאָס ליד פֿון סיבעליוס יאַן,
װײַל ליב האָט ער דעם פֿױערישן טרזיער פֿון זײַן פֿאָלק.
ר'איז דער לויב פֿאַר „פֿרײַהײט". װײַט פֿון ניקאָלאַאישן צאַר.
אין זײַן כאָטע — אויף שטענדיק־װינטערדיקע לאָנען,
זינגט פֿינלאַנד זקנדיק דורך יאָנען.

צ ע ז אַ ר פ ר אַ נ ק

צעקרישלסט די בלױזע לבנה פֿאַר דײַן שױב
און צעפּירסט מיט גרינעם ליכט דעם ים.
גײַסט־אויף װי פֿעלדז קעגן קופּערנע הימלען —
און בראַנדז װערט דײַן סימפֿאָניע „די־מײַנאַר".

בלאָזסט־אױף דעם ים און הױבסט אים װילד אין װינט.
מענטשן אין לײמיקער קעלט, מיט רידלס אין נעפּל,
גראָבן און הױבן קלעצער פֿאַר האָפֿנס און פֿאַר שיפֿן.
אין זײער שטוב — אַ װײַב בײַ אַ האָלענדישער װעב־שטול.

אין זייערע שטיבער הענגען בילדער, ווי דיין געזיכט.
ווייל ברייט און בעלגיש איז דיין צעקאַמטע באָרד
און זעסט־אויס ווי אַ טאַטע פון מאַטראָזן־קינדער,
וואָס פאָרן דורך שטענדיקע שטורעמס פאַרבענקטע אויף שיפן.

ס׳שפּרינגען אָפּ קלעפּ סימפּאַניש, פון אַ שמידס האַמער,
און זינגסט־איבער „די־מיינאָרדיק״ דעם איבערגאַנג שקיעהדיק,
שכנים מיט בעלגישע לולקעס אויף געהילץ זיצן און האָרכן
ביז ס׳ליד שטילט זיך איין אויפן שמידס האַסטיק געזיכט.

צעזאַר פראַנק — אַ פאַריאָגטער, אַ פאַרשלאָפטער אין פּאַריז,
שלאָגט אין זיך אָפּ דעם טרויער פון אַ שטאַרבנדיקן.
ר׳ווערט אין זיין גאַנג אינמיטן גאַס — פאַרצוקט.
אויף אַלע ציפערבלעטער פאַלט דאָס ליכט פון זיין טויט.

רבקה פאַלט ביבליש אויף זיין געהרגעטן גוף
און ווישט מיט אירע צעפּ דעם פאַרגליווטן מת.
מיט זון אויף זיך קומט־אָן רות פון די פעלדער
און צעשיט שיטערן שטרוי אונטערן בלוטיקן רויט.

ד ו ו אָ ר אַ ק

האָסט מסתמא געזען פּנימער אַנדערע, שוואַרצע, גרויסע;
ברייטע נעז, ליפּן שווערע, און ציין שטאַרקערע פון דיינע.
האָסט זיי אַוודאי געזען אויף פעלדער אונטער אַ בייטש אויסגעטאָן;
מיט קינדער אויף רוקנס — אַנשטאָט אַ וויג, אַנשטאָט אַ שטוב.

האָסט מסתמא הויטן געזען שוואַרץ צעפּאַלן קעגן דער זון;
מאַמעס און קינדער אַוועקרייסן אין פרעמדע שטעט.
דערפאַר קלאָגט די „נייע וועלט" דיינע אַזוי רירנדיק;
ווי אַ געלינטשטער נעגער, טרויעריק.

אַזויפיל געגאַדיק געזאַנג איז אין דיר פּאַראַן,
ווי דו וואָלסט תפילה געטאָן איבער דער גאַנצער נייער ערד;
ווילסט דער נעגערישער אומעט זאָל די וועלט באַרירן,
אַז אַלע זאַכן זאָלן לעבן, זאָלן שטאַרבן ווי גאָט האָט געבאָטן.

אינדיאַנער ווינטן רייסן דיין הערשאַפטלעכע פעלערינע.
שפּילסט זייערע מנהגים אויס לויטן ווילדן אינדיאַנישן ברען
אין אַ ווייטער, שפּעדיקער נייער וועלט,
און מיט פאַרשיכורטע קולות ווי פון שבטים, רוישן דיינע פּויקן.

אַזאַ פאַרביק געלעכטער פון גלוסט און תפילה אויף זאַמד.
העל שטייגט אַ נאַקעטער יאָמער — דעם פייער־אַרום.
אויסגעטאַנענע ווייבער דורך טענץ בענטשן יללהדיק די נאַכט
און דינען צו זייער גאָט ווי צו אַ בראַנד־אָפּפער.

לוסט און געלעכטער, דערוואַקסענע יאָגן זיך אויף זאַמד;
גופים אין גאַרטלען אייַנגעצויגן גליען ווי הייסער מאָן;
ווייבער טרייסלען זייערע לייבער נאָך באַגערטע מאַנסבילן,
ווי ס'וואָלט „גלוסט" אויך געווען אַן אָפּ־גאָט.

שפּאַנישע מרגלים האָבן קאַליע געמאַכט אַזאַ רזיטן לאַנד;
אַזעלכע פּראָסטע שבטים — אַזאַ לעגענדיש לאַנד
קאָלאָמבוס האָט זיינע שיפן געפירט — גאָלד דערשפּירט,
און דוואָראַק האָט זייער געזאַנג — פאַרוויינט.

אַ מענטש פון אַ דור

אָנגעשפּיצטער פֿאַרנאַכט אויף קופּאָלענע דעכער.
אין דער אָפֿענער שטאָט — לעניך;
אויסגעהאַקט פון שטיין ווי אַ לעבעדיקער,
האַלט שטרענג זיין אָרעם אויפגעהויבן;
דעם האַלדז מיט אַ שאַל פאַרוואָרפן,
מיט אַ פאַרבליבן אָפּן מויל איבער מאָסקווע.

אַ צעקנעפּלטער און אַ צעטראָגענער לעניך,
דעם בייזן דאַשעק אין די פינגער פאַרקלעמט,
שטייט ער אַ צעשריגענער, אַ פאַרריסענער —
די פויסט הויך און פאַרהאַקט,
לויערט ער צו דער ווייטער וועלט,
און דאָס האַרץ זיינס שלאָגט אָפילו דורך שטיין.

זיינע שיך טראָגן שפּורן פון געוועזענע שטעט;
די פרעמדקייט פון אויסגעפּאַרענע לענדער —
און ער גייט אויף אין בראַנד פון שווייצער, שקיעהדיקע בערג;
ער שפּרייזט ברייט און אומרואיק צווישן חברים
מיט הייסן אויסלענדישן געשפּרעך,
אין טיפן שפּאַציר — אין דער שפּיץ.

ציריך — אַ פאַרשנייעטע באַרגיקע שטאָט.
לעניך, אַן אויסגעשטייגטער, אַ שפּעטלעכער פון וואָקזאַל,
גייט כסלודיק איבער אָונטיקן ווינטער.
אַ זאָווערוכע רייסט זיין היטל, זיין אַקסל
און ס׳בלאָזן זיך זיינע פאָלעס אויף און אָפּ,
שטיל פאַרווישן זיינע פינגער אַ שויב פון אַ קאַפע
צו דערקאָנען אַ מענטש ביי אַ גלעזל טיי.

זיין פנים פונעם טיפן קאָלנער אַרויס קוקט דורך גלאָז;
אינעם קאַפע — פּאַפּיראָסן און צערודערטע טישן;
צעפּאָלענע גאַזעטן און ערנסטע באָלשעוויקן
פּלאַנעווען צו פאַרכאַפּן די בורזשואַזנע פאַבריקן.

לענין אין אַן אַנטלאָפענעם דאַך־צימער.
מיידלישע, צעשראָקענע פינגער ביינאַכט,
קלאַפּן אין זיין טיר, רייסן זיך אינעם בוידעם אַריין
מיט גאַס און קעלט — און וויכטיקע פּאַרטפעלן,
און פון לענינס פנים ווערט רויטער קאַלענדאַר;
אָקטאָבער פון לעצטן צאַר.

גלות און וואָגל

1940—38

גלות און וואָגל

א.

געוואָרן איז טאָג און נאַכט, גלות און וואָגל
אויף די שטעגן וואָס ציען נישט פון קיין ווייט,
נאָר שטאַמען פון באַשאַפערס ערשטן אות —
און דאָס זיינען די וועגן פון בראשית.

געוואַנדערט אויף זיי האָבן אונדזערע נביאים
און אויסגעטראָטן זיינען זיי מיטן וואָגל פון בבל אָן.
מיט אַלע עלטסטע פון די כתובים,
וואָס האָבן אונדז געלערנט די חכמה פון גלות.

און קומט אַמאָל אַ מענטש אַזאַ פון יענעם וועג אָן,
איז עס איוב, איז עס ר׳ עקיבא פונעם פרק;
און קומט אַמאָל אַ מענטש פון אַזאַ וועג אָן,
איז עס רש״י, דער רמב״ם און דער בעל שם.

שפּעטער... זיינען פעלקער יענע שטעגן פאַרלאָפן
מיט גרימצאָרן דורך אַ געקרייציקטן מענטש,

און האָבן אָנגעצונדן אונדזער ערד —
מיר דעם בראַנד פון קידוש־השם.

רש״י, דער רמב״ם און דער בעל־שם:
געשטאַלטן דריי פון תורה, קבלה און חסידות,
גייען איטלעכער מיט זיין ספר אויפן רוקן,
ווי פאַרלוירענע נאָך פונעם באַרג סיני אָן,
און יעדער פון זיי ציט אין אַ גלות־לאַנד.

אין ציענדיקן שפּאַן דורך זאַמד און דורך שטעט,
גייט מען, ווער אויף אייזלען און ווער אויף קעמלען;
פאַרוואָגלט איבער ערד און ימען צו האָפנס אַוועק
און מען זעגלט בלינד און פאַרטריבן צו אַ ברעג:
אַמאָל קיין פּאָרטוגאַל, קיין האַמבורג, קיין אַמסטערדאַם.

און עס גייט רש״י ערגעץ אין וואָרמס אַרום
אַלט־וואוקסיק, מיט דער באָרד — דורות גרוי;
איינגעדאַרט אין קעלט ווינטער ביינאַכט —
און שליסט דאָס עלטסטע בית־המדרש אויף
און פינטלט זיין חכמה אין אותיות אַריין.

ווי פאַרמעט געל איז דער כתב פון רש״יס האַנט.
ער דרינגט אין חומש אַריין, אין גמרות אַריין
און קריצט זיך איין אַזוי אין די ספרים אַריין.
רש״יס פינטלדיקער כתב אין איטלעכן חדר;
רש״י — די לעגענדע פאַר אַלע חומש־יינגלעך.

אַלץ אינעם וואונדער פון ידישע שטעט, איז רש״י!
רש״י אינעם גרוי פון די געטאָ־מויערן;
אינעם פלעמלדיקן טריב פון ווינטערדיקע חדרים;

אין יעדן תלמוד וואָס לערנט איבער גמרות
און איז מיט ברענענדיקע אויגן אין זיין חכמה פאַרזונקען.

אומעטום דער זעלבער אומעטיקער רש״י;
דער זעלבער ניגוןביים פּריפּיטשיק.
אַ חלב קאַפּעט פון שווערע ליכט אַפּ
אויף רש״יס פינטלדיקע אותיות אַראַפּ:
אַזוי אין וואָרמס, אין פּראַג, אין לייפּציג.

ב.

געוואָרן איז טאָג, נאַכט, גלות און וואָגל.
יידן זיינען ווי געבונדענע לעמער געגאַנגען
מיט העלדזער מאָגערע פון מעת־לעתן געוויין.
שטאַרק, ווי קידוש־השם, איז זייער גאַנג געווען
פון זייער גוף האָט צופיל גאָט, געבלוטיקט.

דעם ייד מיטן של־ראש אויפן שטערן,
האָט דער שייטער נישט געקענט פאַרצערן.
יללהדיק געוואָרן זיינען יידישע געבויגענע מאַמעס;
אויפגעריסן געוואָרן איז דער געוויין פון טאַטעס —
און אין פלאַמען געוואָרפן האָט מען די זיידעס.

און דאָרט... אין די בייזע קלויסטערישע שויבן,
געקיניגט אין הייסן בליאַסק פון בורשטין,
האָט אַ קעניגין מיט ווייסן בלענדט, מיט הוילן בוזעם.
איר שאַר אין לאַנגן זייד איבערן דיל צעשלעפּט,
האָט זילבערדיק געשפּרייזט מיט די „היילִיקע״ פון איר הויף.

„היילִיקע״!... און זיי שיכורן ביזן דיל אַראָפּ;
ציילן די ווייבער פאַר זיך, פאַר זייערע געלעגערס.

מיט די ליפּן צו דער קעניגינס זוים,
בעטן זיי צלמימדיק אַ שייטער, נאָך אַ שייטער:
— „אונדזער פאָטער האָט ליב הייליקע יידן“.

פאַקלען אין גאַסן סמאַליען אין די נעכט.
יידן אין שפּאַן פון רייטוואַגנס, אין קלאָונען פאַרקליידט,
שלעפּן זיך ווי פערד געבויגן צו דער ערד אַראָפּ,
און נאָך די רעדער — לויפן מיטלויפערס נאָך
מיט באַזאָפענעם געלעכטער אין שפּאָט אַריין.

עס העלט דער הימל פון פלאַטערדיקן שייטער —
און יידן אַנגעטריבענע אויף געהילץ, שטיינער,
ליגן אויסגעזעצט שטיל מיט די געזיכטער אַראָפּ
אויף די גליענדיקע פלאַמען נישט צו געבן אַ קוק
און ציטערן פאַר די אומות ווי רינדער און ווי שאָף.

ליכט און נאַכט — און מאָנאַרכישער פּחד.
ברייטע לאָמפּן פאַר קעניגלעכן טויער —
אויפן שוועל דער רמב״ם אין עצבותדיקן געוואַנט,
מיט זיין גאַנצער קריעה צום קעניגלעכן שלאָס,
רייסט זיך ווי אַן אויסגעפּרואווטער נביא.

עס רעדן דעם רמב״מס אויסגעשטרעקטע אָרעמס:
— „מעכטיק טויער, לייג אויף מיר ישראלס גורל!
איך ליג פאַר דיר מיט קריעה און תעניתים;
מיט אַ רוקן ווי פון געשלאָגענע מלקות;
בינד מיך אויף, לאָז מיך נישט אין עצבות“.

נישטאָ איצט ווער עס זאָל דעם רמב״ם שטאַרקן!
עפנט ער זיך אין כוח דעם שייטער צו פאַרצערן
מיט גאָטס צאָרן, מיט גאָטס קבלה.

אין צער שנײַדן זיך זײַנע קלײדער
און פֿאַלט ווי אונטער ריטערישע רעדער.

ר׳וויל זיך אַזוי אין געטאָ נישט אומקערן.
עס רינען זײַנע אויגן מיט געוויין צו דער ערד.
צום שײַטער רײַטן גלחים אויף רעדער און פֿערד
און גאַלאָפּירן איבערן רמב״מס רוקן אַריבער;
ס׳שלאָגן אָפּ די קלאַנס איבערן חכם פֿון אַ דור.

ג.

פֿון אַזוי פֿיל לענדער ווערן געטאָס און גלותן.
מיט חתימות געלע אין צעריסענעם שטויב,
גייען ייִדן אָנגעטריבענע איבער דער וועלט.
די ספֿרי־תורות מיט די בערד פֿאַרשטעלט
דורך פּוילישע און גערמאַנישע שטעט.

פֿײַערלעך אויף שטעקנס פֿירן די חכמה פֿון גאַנג
און באַלײַכטן פֿאַר קינדער, פֿאַר מאַמעס — דעם וועג.
צאָרן גרימט פֿון וועלדער און פֿון וועלף.
ווײַבער אינעם האַרבסט אויף אָלולדיקער ערד,
גיבן זיך מיט תּהילים איבער צו גאָט.

דער בעל־שם פֿאַראויס פֿירט אַלעמען אין בטחון
דורך פֿאַרכטיקע טעג, דורך שווערע נעכט.
די אין פּחד, גייען האַרטער נאָך אים
און קוקן ציטערדיק אין זײַן גרייז אַרײַן
פֿון שרעק פֿאַרן לאַנגן וואָגלדיקן וועג.

אויפֿן בעל־שמס וואַנדער־שטאָק בליט משהס וואונדער,
ווי ס׳וואָלט זײַן שטעקן געוואָרן צו פֿײַער און צו וואַסער;

פון זיין געזיכט לויטערט חסידישער ברען —
און ער שפּאַנט מיט דער פּשטות פון אַ האָלץ־העקער;
דורך פּוילישע בערג און דורך פּוילישע נעכט.

אַזאַ ווייכער גרוי אויפן מילד־וואוקסיקן בעל־שם.
אין חסידות און אין בראַנד,
שטייט ער אין וואַלד מיט האַק אין האַנט
און בויגט זיך אין שווייס פון שוואונג
איבער וואַלד־ביימער, תשרי פאַרטאָג.

קלאַפּטערס ווי פון אַ פּויערישן ייד
אין שטריק דאָס געהאַקטע האָלץ פאַרוויקלט,
וואַרפט ער אַלץ איבערן אַקסל אַריבער
און טראָגט עס אין אַנגסטן און אין שרעק
דורך גריבערדיקער ערד, ווי דורך מדבר, אַוועק.

אַמאָל גייט ער ווי אַ סופר, אַמאָל ווי אַ בעטלער;
אָדער גאָר ווי אַן אורח, ענלעך צו אַ פּרוטה,
מיט קנייטשן פון חכמה — פון דאָרף צו דאָרף,
און ס׳ווייסט נישט קיינער, אַז ס׳איז אַ מענטש
וואָס האָט אַ מחנה יידן אין בטחון געפירט.

ביים טריף פון חלב אין אַ שטאָטישער קלויז,
עפנט זיך פאַר אים דאָס ספר פון חסידות,
און בלויער, גרויער ווערט זיין באָרד אין חצות;
זיין געשטאַלט הימלעך, ווי אַן אליהו־הנביא —
און וויינט דעם גלות אין זיינע פינגער אַריין.

ווי מיט מן, האָט ער דורך לענדער געוואַגלט
אַ ווינטערדיקער, מיט שניי אויף זיך —

און געצויגן אַזוי מיט שפּענער און מיט קאָרן־מעל
צו דערקוויקן די קינדער פון יעדער יידישער שוועל.

עס גייט דער בעשט נאָך אַלץ איבער חדרים אַרום
און פירט אין מעשהס אַריין פאַרחלומטע תלמידים, —
מעשהס פון אומעטיקע דערפער און שטעט;
פון גרויסע יידן אין פויערים פאַרשטעלט,
ווי דער בעש״ט.

ד.

ביים באָרטן פון ים, פאַרבענקטער איז דער גלות.
יידן אויף שיפן זעגלען דורך שוימיקן האָגל
און טראָגן זיך פרעמד צו האָלענדישע האַפנס,
און וויגן זיך אויפן וואַסערדיקן פלאַך, בלינד
צו די ברעגן פון אַלטן אַמסטערדאַם.

נאָנטער, היימלעכער ווערט דאָ גאָט פאַר זיי.
מען שטייט פאַראַנקערט אויף פרעסט און אויף שניי
אונטער אויפגעבלאָזענע לייוונטן פון קעלט ביינאַכט,
און מען וואַרעמט די פאַרשטייפטע, מידע פיס
ביי טריבע, אָנגעצונדענע לאַמטערנס.

פון אָפּגעשטיגענע שיפן, אויף וועגענער אָן דעכער, אָן ווענט,
שלעפּן זיך קינדער פאַרטריבענע, פון בראַנדיקע שטעט,
זוכן די לבנה, די זון און די ערד.
די וואָס זיינען דאַר, פון שטויב גראָ,
טראָגן בטחון איטלעכעס קינד צו.

אַ צער שטומט פון איטלעכנס באָרד.
עקשנות שפּאַנט פון איטלעכן טראָט,
און זייערע אויגן דערשפּירן שטענדיק גאָט.

עס טרויערן די דעכער אויף די מויערן פון אַמסטערדאַם.
בוידעמער שטייען מיט געצונדענע ברוינע שייבלעך
און דערציילן אַ סך, אַ סך פון דורכגעגאַנגענע לענדער,
פון גלות־פראַנקרייך, גלות־שפּאַניע און נאָך...
און פון שטאַמלדיקע לשונות דורך יידיש בלוט.

אויף די שפּראַכן, אויפגעכאַפּטע אינעם גאַנג,
ציט דער כל־נדרי דורך דער וויסט פון גריבער;
ס׳ליגט דער תנ״ך אַ מיטגענומענער אויף אַקסלען
און שפּאַרט מיט פאַרמעט־חכמה פון די כתובים אַרויס
פאַר שפּינאָזע און פאַר אַלע גרויסע טרוימערס.

שפּינאָזע אַ פאַרחלומטער ביים האָלענדישן ים,
ציט אַריין אין זיך די שיפן פון אַמסטערדאַם.
מיט אַזאַ גלויבן וואָס זיכטיקט דורך אַלע הימלען.
פון צאָרן ווערט הייסער זיין פאַרקלערטער „טראַקטאַט",
און טראָגט נישט מער שדי און נישט זיינע תפילין.

ער שלייכט געשטאַלטיק צווישן די באָרטנס אַרום
און מאָגערט איין פון צופיל קבלה, פון צופיל וואָר.
דער שפּאָט בויגט דעם יידנס צער אַראָפּ;
די אָנגעיאָגטע שרעק, וואָס שלאָגט פון זייערע פּנימער,
מאַכט שטרענגער שפּינאָזעס פעדער צו גאָט־ברוך־הוא.

העכער, אונטער אַ פאַרהוילענעם קראַנקן דאַך,
געלט שפּינאָזע אין פראַך, אין גלאָזן־שלייף.
פאַר זיינע אויגן, גרויסע וועלטלעכע ביכער

פאַרמישלען זיינע פינגער אין חרם אַריין,
וואָס רוקן אים אין חרפה אָפּ צו די מויערן.

ער בלעטערט אַ ספר אין גאָט פאַרטראַכט,
פון אַלעמענס שעלטונג ווערט ער אַ פרעמדער יונג,
אַן אויסגעצערטער גוף אַן עמעצנס רחמנות צו זיך,
נאָר דרייסטער מיטן טראָט אויף־און־אָפּ; אין זיך פאַרטיפט,
טראָגט שפּינאָזע זיין גאַנג מיט זיך אין דורות אַוועק.

ה.

ווי ס׳וואָלט די גאולה נאָר אינעם ווינט געווען,
גייען יידן איבער לערע שליאַכן אימהדיק אין ווינט
און שפּאַנען און שפּאַנען, קומען אין ערגעץ נישט,
ווי עס וואָלט דער „ערגעץ־נישט״ אַזאַ לאַנד געווען
און געפינען זיך צווישן הימל־ערד, צווישן טל און גשם.

אָפּגעשליסענע גייערס טראָגן זיך אינעם וואַנדער
מיט פייערטעפּ, דורך דער קעלט פון שבט, פון אָדר.
זייערע פנימער בלויען שטענדיק צו דער הייך;
נעמען אַריין אין זיך דעם בלאָען הימל;
דעם בלוי אין זייער גאַנג דורך דער וועלט.

אין שבט זיינען אַלע ווייטן געל, אומעטיק און ווייס —
די ראַנדן פון דער יבשה וועט מען דאַרפן דערגיין...
אָבער וואָס פאַר אַ לאַנד איז עס דאָרט אַזוי רויט?
און וואָס פאַר אַ שטאָט ווערט אַזוי נענטער, היימישער?
איז עס אפשר גאָר דער שלאָס פון פאַרהויקערטן מענדעלסאָן?

אַ סך טראָגן זייער געטאָ־טרוים צו אים אַהין, אַהין:
איינער, מימון דער נאַר, ציט לאַנג שוין מיט נביאישן ברען

צום פינטלדיקן ייד פון „נתן דעם חכם".
מימון האָט אַפּילו דאָס ווייב, די היים פאַרשיכורט,
צו קומען פּרוּאוון זיין קבלה אויף די שטיינער — בערלין.

און זע, ווי נאָבל ס'קען זיין אַ שטאָט פון אַ טרוימער!
נאָר אינעם אָוונט־סאַלאָן פון בערלינער פילאָזאָף,
איז פונעם גלות אַפּילו קיין שפּור נישט פאַראַן,
נאָר געמיטלעכע פּרויען אין עלעגאַנטן הייטן זייד.
און מענדעלזאָן, לעסינג — רעדן הערשאַפטלעך ברייט.

בראַנדז, ליכט און ווייסע וואַרים־שאָטנדיקע ווענט.
נישטאָ דער צער פון אַ געטאָ, פונעם גאַנג.
עס גיט צו מאָל קיין לאָמפּ נישט אַ צאַפּל פון דער קעלט,
וואָס טרייבט די יידן ווי לעמער איבער דער וועלט.

דורך דער שויב קוקט מימון דער „נאַר" און וואַרט.
אינעווייניק: „נתן דער חכם" פּרוּאווט זיך אויף שאַך —
פיגורן... מענדעלזאָן ציט געל, לעסינג — שוואַרץ
און לעסינג פאַרקלערט דעם הויקערס געזיכט.
מימון פאַרן פענצטער איז קליגער פון געל און שוואַרץ.

עס גייט דער „נאַר" דערווייל וואו נאָך שכרות אַוועק,
אָדער גאָר צו אַ בעטלער, וואו ער זאָל זיך לערנען בעטלען.
אין אַ שטאָט אַזאַ דאַרף מען קענען בענטשן און שעלטן.
און סיי־ווי זיינען מימונס קליידער בעטלעריש קראַנק;
דערצו־נאָך קאָן ער שיכורן ביזן דנאָי אַראָפּ.

עס וואַקלט זיך דער געפּרוּירענער שיכור פאַרן חכם.
ער שטייט פאַר נתנען מיטן גאַנצן דרויסנדיקן גלות —
ליכט שווייבלט אויף מימונס העלע נאַרישע באָרד;

ביידע רעדן זיי בלשון קבלה אין דער נאַכט אַריין
און ער, דער „נאַר" — ווערט פון גאַרנישט נתפעל.

ווערט נישט נתפעל פון שטאָטישן „נתן דער חכם"
און נישט פון דער העפלעכקייט פון די סאַלאָן־דאַמען.
ער איז אַליין אויפן העכסטן „אות" פון חכמה —
און ער קאָן אויך אַזוי פאַרגיין, ווי שפּינאָזע...
גייט מימון פון נתגס הויז אַוועק — שטאַרבן.

ו.

טרוימערס האָבן אַ טבע צו שטאַרבן אין קבלהדיקן חלום.
און נאָך איינער, היינע — ריכט־אָפּ גלות אויף אַ בוידעם.
אין סאַמע געטאָ שטאַמלט ער פון זיך אַרויס חכמה,
ווען ער צעפאַלט פון גסיסה איבערן בעט אַריבער
אָן אַ ווידוי און אָן אַ גאָט.

פאַרלאָשן און קראַנק די אויגן צום דיל אַראָפּ,
דערשפּירט ער די ערד אַזש פון די ברעטער אַפיר:
די זעלבע ערד וואָס האָט אַפילו מימון פאַרדעקט,
און אין אַ פאַרשעמטן אָרון שפּינאָזע פאַרדעקט —
אויך אים, היינען, וועט די ערד אַזוי איינדעקן.

די „לאָרעליי" פאַרגלייזט זיך אין זיינע אויגן;
אויגן וואָס בעטלען און אויגן וואָס קיניגן!
אָ, ווי טרויעריק עס זינגט עמיץ זיין ליד היינט!
און ווי די געבנעדיקייט ליבט דאָס די לאָרעליי!
נאָר ער, היינע, וויל אונטערן גלח נישט אויסגיין.

פון זיינע שליפן שלאָגן די לעצטע טראָפּנס שוייס.
און עס טראָגט די פרוי זיין שמד אין קלויסטער אַהין,

און ווייסט נישט פאַרוואָס ער מאָגערט־איין אַזוי גרינלעך
ווי די צעביסענע לבנה, מיט איר צעביסענעם בלענד,
וואָס שפּאַרט דורך די שייבלעך אַריין און ברענט.

אַזוי, געשטאַלטיקט אָפּ אַ טרוימער פאַרן שטאַרבן:
הימלדיקער אומעט ציט פאַרביי זיין שטיקנדיקן בוידעם
מאַכט שלאָפער זיינע טריבלעכע, פיבערדיקע הענט,
ווי ר׳וואָלט איצט וואו אַ מידער הינטער וועגנס געלעגן
ערגעץ אויפן וועג צו רש״יס און צו מענדעלזאָנס לאַנד.

און דאָס שטאַרבט ער אַזוי אונטער געזימס ביי אַ האָפן פון ים.
אַ שטאָט וואָס ווערט חשונדיק ביז צו קבורה,
ווען אַ טרוימער ווײנט פון צער און פון חרטה,
וואָס ר׳איז ווי די זילבערנע יידישע זיידעס נישט פאַרגאַנגען.

כתובים פון זיינע טאַטעס אין די בתי־מדרשים,
זיינען פּסאַלמען געוואָרן צום געוועלטיקער אומעטום.
נאָר זיינע, די היינע ספרים, גאָט אַלמעכטיקער,
וועלן זיין גוף מיט הויפנס בייזע ערד פאַרלייגן
מיט אַ קאַלטן זאַגנדיקן קדיש!

אין היינען קלאָגט אַמאָל אַ ירמיה,
און אויף אַלץ וואָס מ׳זאָגט ווידוי טרערט זיין גוייש ווייב.
ער ווערט שטומער, טיפער — ווי אין ליים אַריין,
און לאָזט די געלעמטע הענט פון לעבן אַרויס.

היינעס לעצטע ליד אָטעמט ווילד פון האַרץ
מיטן טרויער פון די גלות־טרוימער.
ס׳איז פאַרמעט־כתב וואָס ר׳שרייבט איצט אויפן דיל:
— כ׳האָב חרטה. איצט קאָן איך שוין שטאַרבן!...״

ג י ר ו ש

יידן מיט פֿאַרשניטענעם געוויין אין צאַפּלדיקן גאַנג.
ווער מיט פֿאַרברענטע שטיוול, ווער נאָך פּראַכטדיקן פֿור.
זייערע לאַסטן רירן זיך אין לאַנגע ערגעצן אַוועק —
פֿון אָפּגעריננענעם שווייס טריפֿן זייערע האַרטע בערד.
אונדזערע זיידעס, באָבעס פֿאָרן אויף צעריסענע וועגן
און בענטשן די ערד וואָס לאָזט אויף זיך וואַנדערן.

עס שפּאַנען פֿערד דאַר, מיט געוואַנטן אויף די רוקנס
און פֿון זייערע מידע קלאָענס שלאָגט הייסער פּראָך;
ברייטע, אָנגעזאָטלטע זעק הענגען ביזן טראָט אַראָפּ,
און אַלע נאָכגייענדיקע יידן קוקן שעפּסעדיק צו דער ערד:
בייטן די משא איבער פֿון אַקסל צו אַקסל —
אונטער אַ משא אַזאַ ווערן אַפֿילו ווייבער שטאַרק, מענעריש.
פֿונעם ווינט רייסן זיך זייערע האָר צום צפֿון אַהין,
אויף די זאָטלען וויגן זיך קינדער העכער צו די הימלען.

בלעטער, געלער צוויט יאָגט פֿון אַלע האַרבסטיקע חדשים
און בלאָזט די געזיכטער, די שאַלן פֿון די עלדזער —
ווייבער באַהאַלטן זייער שרעק אין די בוזעמס אַריין
און ס׳שטאַרצן זייערע רוקנס צו די נאַסע קעלטן אַרויס.
טאָרבעס און חפצים הענגען אין שלעפּ אויף די אָרעמס,
און ווי דורך שווערן זאַמד גייט טרויעריק דער קאַראַוואַן.

אָ, ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל זייער צער פֿאַרמילדערן!
נאַכטיקע הענט שלעפּן די רעדער פֿון אייביקן שפּאַן
און טרייבן ווילדער די אָנגעשוויצטע פֿעלן פֿון די פֿערד.
אַזויפֿיל געוויין טרערט פֿון די ברוינע פֿערדישע אויגן,

ווען זיי גייען געטריבענע אין דער כיסלוודיקער וויסט,
און ווייטלעך, העט איז נאָך אַ לאַנד צו דערגייין.

וואונדיק, שאַרף און אָפן ווערן די קני פון די גייערס.
פון איטלעכן ייד ווייעט אָפּגעריסן דאָס מלבוש אַראָפּ.
נישטאָ קיין פּיצל ליכט אינעם וועג פון חדשים:
קינדער שלאָפן פאַרקלעמט צו דער מאַמעס ברוסט
און לעכצן נאָכן ביסל וואַרעמס פונעם לייב.
פון אַלע טאַטעס און זיידעס אָטעמט די פינצטער
און גייען איינגעהאַלטן נאָכן אומהיימלעכן געשפּאַן.

שווערע, אומעטיקע יידן דורך שטיינער און דורך בערג.
רויטער, אָסיענדיקער ליים פאַרלייגט זייערע אָפענע שיך —
און האַרט, געשלאָגן ווערן זייערע פיס פון לאַנגע מיילן.
שנייאיק ווערט די וועלט, יעלהדיקער — די יידן:
אַנגעצונדענע לאַמטערנס שאַרן דאָס ליכט פאַראויס
און מאַכן ווייטער, העכער די אַנגעשאָטענע ווייסקייט.

ספרימדיקע אָקסלען טראָגן זיך צו דער קדושה פון לבנות
און זילבערן־אויף, טונקלען־אונטער — לויט די וואָלקנס.
די וואָס פאַלן פון פאַרחלשטן גאַנג און שטאַרבן,
לאָזן זיך פון דער עדה צו דער הייליקער קבורה טראָגן.
אַמאָל פאַרבלייבט אַ זקן מיט אַ ספר־תורה — הינטערווײלעכץ
און ברעכט מיט עקשנות דעם אָפּגעשטאַנענעם וועג;
טאָגט־אויף אַ פאַרשפּעטיקטער קעגן מאַרגנדיקן מזרח
און זעט זיך אַן איינגעשנייעטער אין געפאַלענעם שלעפּ
פון זאַווערוכעס פאַרבלאָזן און פאַרדעקט.

אַ שטעקן

נאָך אַ שטעקן אַזאַ גייען נאָך גלותן;
בלינדע מיט אויסגעשטרעקטע טאָרבעס.
אַ שניי פאַרשיט דעם גייער איבער דער וועלט
און היימישער ווערט דער שטעקן צום וואָגלער.
ר׳וויל די וואָרעמקייט פון אַ בעטלערס האַנט
און די טיפקייט פונעם וואַנדערדיקן מלבוש,
צו קאָנען אויסשטיין ווינטן און רעגנס;
נישט צו ווערן פאַרוועלקט — אינמיטן וועג.

ביים אַלטלעכן גוף פון אַ בלינדן,
ווערט אַזאַ שטעקן זעעוודיק ווי אַ מענטש;
ר׳שפּירט דעם שניי, די זון אויפן טראָטואַר
און גייט פאַרזיכטיק אינעם בלינדנס ווייט
צו דערטאַפּן אַ נאָבעלן דורכגייער,
ווען אַלץ פאַרנאַכט בלויט ווי שויב.

אַ שטעקן אַזאַ טראָגט די חכמה צו אַ פּרוטה
און דעם געהער צו אַ קלאַנג פון אַ גראָשן.
די געלע בלינדע האַנט פילט דעם ברעג פון גאַס;
דעם געצוימטן טראַט אין אַ ווילדער שטאָט,
וואָס מאַכט פון אַ בלינדן אַמאָל אַ מת
כאָטש ס׳איז טאָג אויף די שטיינער;
כאָטש ס׳איז נאַכט מיט לאַמטערנס.

עס רירט דער שטעקן אַ נדבה אָן, —
און דורך פאַרמאַכטע טרויער־וויעס,
פילט ער די טיפקייט פון וועג, די לענג פון גאַנג.

אַז דינער, אַוונטיקער ווערט די שטאָט,
ציילט דער שטעקן די לעצטע ראָגן;
און פירט דעם בעטלער אין שטוב אַריין
און לאָזט זיך אַנטער זיך — די גאַנצע שטאָט.

אַ מת אַזאַ

אַ מת אַזאַ — אויסגעצויגן — גייט־אויס אויף שטרוי;
ליגט מיט אַ פאַרחלשטער טאָרבע ביים לענד,
דאָס פנים פאַרהאָקט, אָפּגענומען די הענט
און די אויגן אָפן מיט פאַרגלייזטער קעלט.
אַלץ אין אים פילט דאָס פרעמדע שטאַרבן
אויף אַ בוידעם אין אַ גרויסער שטאָט.

ר׳ליגט מיט אַ שטעקן פאַרקלעמט אין דער פויסט.
זיינע אָנגעגאַנגענע, באָרוועסע פיס זיינען שטייף
מיט צעעפנטע פינגער — צום רעגנדיקן פענצטער.
משניות־יידן מאַכן צורעכט דעם לאַנגן נזיר;
פאַרציען אַ ליילעך וויס איבערן געלן גוף
און לייגן אים גרויי אויפן הוילן דיל אַראָפּ.

לייוונט און שרעקנדיקע טבע פון אַ מת.
שערבלעך אויף די וויעס, צווייגלעך צווישן די פינגער
און אַ זשמעניע ארץ־ישראל ערד צוקאָפּנס, —
אַ טרויער אַזאַ אין אַ לייכט פאַרנאָגלטן אָרון.
הענט פון פרומער שטילער קריעה,
מישלען אַ ספר אויפן פריש־געהובלטן דעק.

עס טריפט די מיטה אינעם רעגן.
נאָך אַ מת אַזאַ גייט נאָך דער אומעט.
ווינט און נעץ פון איטלעכנס פּאָלע רינט;
די גאַסן ווערן פרעמדער און בלינד,
ס'איז געשטאָרבן קיינעמענס אַ קינד.

בלאָטיקער גאַנג און צעגליטשטע ערד, —
לאַפּעטעס פּאַלן שווערער און געשווינדער;
די צעגראָבענע שלאַנגען לאָזן זיך נישט פאַרשיטן
נישט פאַרלייגן פון דער אויפגעבערגלטער ערד.
אויפן קבר געבליבן,
איז אַ שפּענדל פאַרשריבן;
אותיות מיט אַ נאָמען
פון אַ וואָגלער אַ שטומען.

לוח: ניינצן־הונדערט־פערצן

גאַסן מיט פּחדימדיקע מויערן אין דער נאַכט
אויף אַלע טירן אַראָפּגעלאָזטע שווערע ריגלען.
אין די שטיבער גייען באָבעס מיט תהילים אַרום,
און פאַר איטלעכן הויז זעלנערס מיט ביקסן
שטייען שטייף אויף דער וואַך אָנגעשטעלט צו שיסן.
לבנהדיק בלאַנקען דעכער פון אָפענע בודקעס;
אין די בודקעס — שקצים מיט שיקסעס אין די הענט.
די נאַכט מיט רויע פליישן און מענאַש־וועגן ברענט
און זעלנערישע קצבים האַקן קעפּ פון נבילות און פערד;

שינדן מיט די פלייש־מעסערס אינמיטן שטאָט ווילד.
פון די קעסלען דאָס בלוט פון פערדישן ריח זידט.

עס וואַקסן נעמען אויס פון וויטע, פון נייע לענדער;
פעסטונגען און שטעט, וואָס צו זיי איז יעדער אַ פרעמדער.
אויף פענצטער בילדער — פון הינדענבורג־עצנדאָרף;
פלאַטערדיקע פענער — פון קיסר ווילהעלם־פראַנץ־יאָזעף.
רעגימענטן און דרייגאָנער שפּאַנען מיט געזאַנג צום שלאַכט
און לאָזן זייערע ווייבער און קינדער איבער אַליין, פאַרנאַכט.
אולאַנער אויף פערד רייטן קייזערלעך מיט שווערדן פאַרצויגן
און דעפּאַלירן פון די זאָטלען מיט בלענדנדיקע שאַרפן.
פון זייערע שאַבליעס רירט די מזרח פון קוטאַסעס;
אין זייערע באַיאָנעטן שפּיזלט דער אומעט אָפּ פון לאַמטערנס.
פאָרויס — אָנגעלאָפענע קינדער, באַנדעס שפּילן.
מיט געוויין גייען נאָך ווייבער אָנגעהאָנגען אויף מאַנסבילן
און טרערן צווישן פערד, קושן די זעלנערישע שיך,
און מען פאַרט מיט ווידוי הינטערן הימל אַוועק גיך.
עס גייען יידן זעלנעריש פון זייערע שטעט אַרויס;
באַנען מיט פאַרלאָשענע שויבן דורך גריבער —
דורך לאַנגע שבתים אויף וועגענער, אויף באַן־דילן
און דערשראָקן גייען די שלאַכטן אויף פאַר זייערע אויגן.
טאַטעס און זיידעס גייען מיט טליתים אַוועק שטאַרבן.

ס'בלייבן די שטיבער, פאַרלאָזטע מיט איינגעבראָכענע דעכער,
מזרח־בילדער מיט צעבראָכלטע פנימער פון גרויסע יידן,
אויף דילן ליגן ציגל און איבערגעקערטע בעטן;
ווענט מיט באַשריבענע שפּראַכן פון גערמאַנישע זעלנער,
און אויף די באַשטידלעך הענגען די מזוזות מיטן פאַרקערטן „שדי“.

עס ציען באַנען אָפּ מיט פענער און זעלנערישע געזאַנגען.
אין געבלומטע ציגער, סאָלדאַטן אויף די פענצטער.

פון לאַסט־וואַגאָנען קוקן פערד מיט ברוינע שטומע אויגן;
קוקן אויס די שפּורן צו זייערע דרעפער, צו זייערע שטאַלן
און רויכיקער יאָגן אַפּ מיט זיי די געפּאַנצערטע לאָקאָמאָטיוון.
דורך וועלדער אונטער פאַרהוילענע בלייענע הימלען,
פאָרן אָפּ פריש־געגאָלטע געגעראַלן צו דער שלאַכט;
פאָרן מיט רויטע קרייץ לעמפלעך נאָכן לעצטן וואַגאָן.

⁂

פעלדער זיינען טיף מיט פאַרטשעפּעטע קעפּ אויף דראָטן.
גראַנאַטן לויפן אויף אין פלאַמען איבער פאַררעגנטע בערג,
איינגעבראָכן און נאַס קלעטערן שפּיזן צו דער הויך.
אַזוי פיל וואַסערן פאַרווייקן און פאַרגיסן די שלאַכטן!
ס׳קאָלערן זיך פערד, דורכגעשאָסענע צו די טאָלן אַראָפּ.
שטיוול טרעטן בלאָטיק מיט באַיאָנעט־קעלט אין די הענט
און פאַלן אין שטויסן מתים, אויסגערונען און פאַרברענט
און שטאַרבן מיט זייערע פאָטאָגראַפישע משפחות אונטערן העמד.

אויף פאַררעגנטע שלאַכטן בלוטיקן די ביקסן מיט ראָסט,
און ס׳יאָגן לעבעדיקע אויף טויטע, ווי אויף גלייכע ערד
מיט געפּאַנצערטע געזיכטער אונטער פאַרצויגענע הימלען,
האַרמאַטן דונערן דורך דער נאַכט, ווי בויגנדיקע בלעכן,
און אויף איטלעכן זעלנערישן האַלדז טאָרבעלעך נעמען,
בענדלעך מיט פאַרשידענע געטער ביים נאָענטן האַרץ.
אין אַזאַ שלאַכט שטאַרבט די גאַנצע וועלט אויפן פעלד.

יידן מיט כל־נדרי
אָן טבילה, אָן קיטלען, אָן געצונדענע ליכט.
די ווייטן זיינען טרויעריק — אָן שטיבער, אָן פענצטער
און בראַנדיק איז די שרעק פון שראַפּנעלן אין סעפּטעמבער,
בערד אין מיטן ווינט יום־קדוש ביינאַכט

וויגן זיך אַן עטרות אין תפילה־זכה;
ס׳שטומען זייערע ליפּן מיט אייגנגעהאַלטענער ותפילה,
אויף זייערע פּנימער קוקט די קידוש־לבנה אַראָפּ.
בלויזע פּייערן רינען איטלעכע רגע איבער דער ערד,
און בויגן זייערע קעפּ איין אין פאַרשניטענעם געוויין.

ס׳קומט דער לוח־אַן מיט פאַרשנייטע חדשים;
מיט ווייסע „ווייַנאַכטן״ פון האַרטע פרעסט.
אין זאַווערוכעס שטייען אויפגעבלאָזענע געצעלטן;
אין יעדן זעלנערישן גוי אַן איינגעקלאַמערטער צלם,
זייערע טרערנדיקע ליפּן קושן די בילדער פון דער היים
און ס׳זינקען זייערע אויגן אין די פאָטאָגראַפיעס אַריין,
די ערד אין גראָבנס, אין ראַסט, אין שטעכיקע דראָטן.
געצעלטן שטייען באַשירעמטע פון האַגלס און פון ווינטן.
לייוונטענע שפּיטעלער מיט שוועסטערס און באַנדאַזשן,
שטייען וואַך, נעמען אויף ווייטלעכע סיגנאַלן.
וואָפן וואָס יאָגן מיט טויט ווי פון די הימלען אַראָפּ.
הייבן די ערד אויף אַ צעשאָטענע, ווי צעשפּריצטן וואַסער,
מיט דער גאַנצער שלאַכט.

שלאָפּע, ברעכן זיך פורן אין די שטעט אַריין;
ציען מיט האַנט־בעטלעך דורך לאַנגע גאַסן אַוועק
מיט אינוואַלידן, געבונדענע קעפּ — ריח פון קאַרבאָל.
אין די וועגענער נעכטיקן דאָקטוירים, ווי אין שטיבער,
זעלנערישע שוועסטערס קוקן אין די וואונדן רוי און טויט,
און ס׳פלעקן די רעדער מיט אָפּגעטרייסלט בלוט צו דער ערד
און קראַנקער גייען די רויטע־קרייצן אויף אין שטעט.

הייזער פאַרחלשטע, הייזער מיט טליענדיקע שטיבער רויך
מיט געצונדענע דעכער פון אָפּגעטראָגענע שלאַכטן.

ס׳גייען אום געפאַנגענע אָן שטיוול און אָן שנאָלן
מיט באַנדאַזשירטע אויגן, די געזיכטער געשוואָלן
און די קליידער פּאַרטוישטע פון געראַנגען. פון רוסן.
מיט שטאַרבנדיקע שלייפן פון שטורעמדיקע ביקסן,
שלעפּט מען פערד אויפן פעלד אַרויס שיסן
אין לוח: ניינצן־הונדערט פערצן.

ביים באָרטן פון ים

1943—40

אויף דיין ערד, אַמעריקע

נפתלין און יאַנקלען

אויף דיין ערד איז מיר באַשערט צו זינגען דאָס געזאַנג פון דיין לאַנד.
כ'האָב אַזוי פיל מענטשן, אַזוי פיל שיפן אין דיינע ברייטע האַפנס געזען
און ביי דיינע פעלקער פון לשונות זיך געלערנט זיין אין דער פרעמד,
און אַנגעהויבן פאַרשטיין, אַז כאָטש ריישע, גאַליציע, איז מיין היים,
איז מיין שטאָט ניו־יאָרק — מיינע גאַסן: דילענסי, רידזש און פּיט,
און היימישער נאָך ביסטו מיר פון יענעם טרויעריקן טאָג־אָן געוואָרן,
ווען כ'האָב אויף דיין ערד, אַמעריקע, געזען מיין טאַטע־מאַמע שטאַרבן.

היימישע טאַטע־מאַמע — אייניקלעך פון אַמסטערדאַמער ייִדישע וואָגלערס;
פון די אור־זיידעס נאָך פון דזשאָדזש וואַשינגטאָנס גרויסע צייטן,
וואָס האָבן מיט שרעק איבער מבולדיקע וואַסערן זיך זעגלען געלאָזט
מיט זייערע בענטש־ליכט, טליתים און תפילין פונעם אַלטן האָלאַנד
און פאַרן דאַרן לינקאָלן געבראַכט די חכמה פון „האָלי־מאָזעס",
אויף די באַוול־פעלדער צו קענען מילדערן דאָס געוויין פון נעגערס.

אַזוי פיל טרויעריקע גאַסן זיינען אויף דיין ערד, אַמעריקע, פאַראַן!
אומהיימלעך גייען ייִדן אַרום געבויגענע איבער שטיבער
מיט מסחרדיקע פעק אויף שוועלע, מידע אַקסלען אַנגעהאַנגען

און האַנדלען מיט געוואַנטן, גאָלד ווי אין וואַרשע, ווי אין לאָדז
אויף די שפּראַכן פון ענגליש, שפּאַניש, איטאַליעניש און יידיש.

אין דיינע פאַרנעפּלטע נעכט — אויף די עוועניוס אויף די סקווערן,
קען מען זען ווי עלנט עס קענען זיין מענטשן אויף דיין ערד.
דיינע סוף־חודשדיקע לבנות גייען־אויף דינער און בלאַסער
און גיסן זייער אומעט אויף געזיכטער, אויף שיכורע לייבער,
ווען דיין ערד, אַמעריקע, איז אין ווינט, איז אין בלויזן שניי.

ערגעץ אין שווערע ווייטן, אין בלויע טיפן — אַוועק,
זעגלען די שיפן אויף דיינע אָונטיקע, געבויגענע וואַסערן.
אויף די צעהאָנגענע בריקן פון מאַנהעטן, ברוקלין, קווינס,
ציען רינדער מיט חלפימדיקן ליכט אויף זיך, צו שחיטה
און מאַכן גרויער נאָך ס׳ביסל עלנט פון דיין ערד, אַמעריקע.

נעכט רויכערן שטאַטיש און שלאָגן הארבסטיק פון קאַלטע דעכער.
דער בלוי פון די הימלען ווערט אומעטיק ווי די שטאָט, ווי די שויבן.
לענג־אויס דיינע וואַסערן — ציען פלעמלדיקע שלעפּ־שיפלעך
און שאַרן פון זיך פלאַמיקן שוים, טרייסלען ס׳געהילץ פון די ברעגן.
ס׳האָפנדיקע ליכט פון טקלאַדן ווערט ווינטערדיק און גראָשנדיק;
סמוטנע גייען וועכטערס אַרום איבער דיינע אויסלענדישע סחורות.

אָוונטיקע באַרטנס — וואָס זיינען פון נעפּלען שיכור און טריב.
העל און ברוין־קויטיקע מאַטראָזן שטייען בראַמפּנדיק אין די שענקען;
שטייען ביי דרימלדיקע „באַרס״, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ
און רעדן צו די אויסגעוועפּטע ביר־גלעזער, מיט צעגאָסענע מיילער.
פון שטריק און פון אַנקערס זיינען זייערע הענט האַרט און פלינק
און קענען מאַסטן ציען אין מיטן דער וועלט — אין מיטן ים.

אין נאָוועמבער ווערן אַלע זאַכן דאָ ראָסטיק, ווערן געל.
יינגלישע פייערן סמאָליען פון צענאָגלטע קאַסטנס, ברעטער און קאַנען.

גאָט, סאַראַ בענקשאַפט ס׳קוקט פון פנימער יידישע נעגערישע, איטאַליענישע.
„איסט־סייד, וועסט־סייד״ — אומעטום די זעלבע פענצטער, די זעלבע נאַכט.
און שטאַרבט אַ מענטש אויף דיין גרויסער, ברייטער ערד, אַמעריקע,
איז ווי ר׳וואָלט דאָ געשטאָרבן אין אַ סך לענדער מיט אַמאָל!

דאָס געזאַנג פון יהודה

יהודה, דער ייד פון אַלטן פוילישן קראָקע,
געבויגן איז ער פון שטענדיקער קדושה,
פון לערנען אַלע גמרות אויף אויסנווייניק.
אַזאַ טיפער גראָ בליקט פון זיינע גרויסע אויגן
און דערציילט פון אייביק אומעטיקע שטעט.
פאַרקלערט איז זיין היימיש־ווייכע באָרד,
ווען ר׳שרייבט מיט יראה זיינע שירים
פאַרשפאַרט אַליין אין אַ ניו־יאָרקער קלויז.

אויף זיין שויב רויטע שקיעה, ראָזעווער ניו־יאָרק.
די אַלטקייט מיט איר שטויב אויף די פענצטער,
ווערט אויך אַזוי שאַרלעך.
מיט דער מידקייט פון ספרים שטייט ער קעגן מערב
און ווערט אָפּגעשלאָגענער, מילדער בראָנדז.
בלויע אָדערן קנייטשן זיין שטערן,
ווען ר׳בייסט זיין לאָנגווייל אין דער באָרד אַריין.
פרום קלאַפּן זיינע געל־פאַרחלבטע פינגער
איבער די טאָוולען פון אַ ירושה־ספר.

אָנגעגומען מיט נאַכט איז זיין תהילימדיק געזיכט.
די אויגן פילן מער נישט דעם צאַפּל פון קנויטן;
דעם מעטאַלענעם שוויס פון הענגלייכטער.
מיט פאַרצערטן רויך און פלאַם,
שאַטענען אָפּ אַלע יאָרצייט־ליכט אויף אים
און טריפן זייערע מעת־לעתן אויס שטום אַזוי.

אַזאַ שווערע פייכטקייט שיילט זיך פון די געקאַלכטע ווענט.
אין אַזאַ עלנט דיכט ער אָפּ די גרויסע שטאָט
און פאַרוועלקט זיינע ווייסע טעג אין אַזאַ רי.
מיט זיין באָרד דערמאָנט ער אַ נביא —
אויף זיין אָרעם אָנגעלענט, קוקט שטאַר זיין פּנים
צום אָרון־קודש אַרויף,
ווי ס'וואָלטן די לייבן צו אים אַראָפּגערעדט:
פּרואוו דיך, יהודה!

***

יהודהס שירים,
איז דאָס געזאַנג פון דער היימישער ערד;
ס'געזאַנג פון אַ טלית וואָס האָט פּאָר יוונים געטאַנצט
אונטער אַ פויערישער בייטש ביזן לעצטן שינד.
פאַרשניטן האָט זיין יידיש געוויין אינעם געצאַפּל,
ווען ר'איז אין וואונדן געלעגן אַ צעשטאָכענער.
איצט שרייבט ער דעם קידוש־השם פון זיין דור:

איבער שטיינער, דורך האַסטיק־ווינטיקע נעכט,
זעט ער זיך שפּאַנען דורך אַסיענדיקע גריבער.
אַזאַ בלודנע אימה ווייעט פון דערפער אַרויס
און בלאָזט אויף אים מיט רעגן און האַרבסט.

מיט טלית און תפילין אויפֿן רוקן פֿאַרוואָרפֿן,
ברעכט ער מיטן גאַנג דעם האַרטן חשוון־וועג.
אַלע שענצטע יידן זיינען, ווי ער, אַזוי געגאַנגען
כדי צו קענען צו שדי גענען.

אַ איינגעשנייעטער יהודה אונטער לאַסט געבויגן,
טראָגט ער ס׳ביטל האָב־און־גוטס — דורך ווייסע נעכט.
דאָס ווייב, די קינדער גייען אין ווינט נאָך אים;
אין פֿראָסט איינגעזילבערט ווערן זייערע טריט;
פֿונעם זאַוויי צעפֿאַלן זייערע שיך, זייערע קליידער,
און די אויגן זייערע גיסן מיט קעלט, מיט טרערן.
די פֿאַרשנייעטע ווייטן האָבן ווערלף אין זיך —
יהודהס בלוט האָט דעם געוואָי אין זיך.

טרויעריק איז ניו־יאָרק, טרויעריק איז יהודה.
אַלע טאָג די זעלבע קלויז, די זעלבע הילצערנע טישן.
אַ סך „לעבנס" לייענט ער פֿון זיינע כתב־ידן אַרויס:
ס׳לויפֿט דער פּשטן ר׳ שלמה לייבעלע טיטשינער
פֿון ווילדע שכנישע פּויערים צו אַ קברות אַוועק
און גראָבט זיך דאָרט אין דער ערד איין,
צו קענען שטאַרבן מיטן שם אין קדושה ריין.

אינעם געזאַנג פֿון זיינע לשון־קודשדיקע שירים,
איז הירשקע דער שוסטער אויסגעצערטער.
ר׳קלאַפּט מיטן האַמער איבער דער קאַוואַדלע,
בעת ר׳זינגט ס׳געזאַנג פֿון דער „פֿרייער פֿאַנע".
און אָט איז הירשקע אין שלעפּ פֿון קייטן
מיט נאָכגעלאָזטע שווערע, האַרטע הענט —
און אָט שטייט ער ביי די גראַטעס אַנגעלענט
מיט אַ צעצויגענעם, צעקנעפּלטן האַלדז — גרייט
פֿאַרן קנופּ וואָס פֿאַרשניידט.

אַ ריח פון זעק און שטרוי אין הירשקעס צעל.
ר׳האָלט זיינע צ״ין אין די גראָטעס פאַרביסן
און רעדט שוסטעריש־מילד צו דער וועלט אַרויס.
ר׳מאָלט מיטן פינגער אַ תליה אויף דער שויב אויס;
דעם געבראָכענעם גוף זיינעם — פאַרן שטריק;
אַ געמעל אַזאַ פון זיינע פאַרגליווערטע פינגער,
ווי ר׳וואָלט אויף אַן אמת שוין געהאָנגען.

יהודה אויף די שלאַכטפעלדער פון עסטרייך.
ר׳האָט אונטער פייער מיט יידן ווידוי געזאָגט.
קברים זיינען אויפגעריסענע פאַר אים געשטאַנען
מיט שפּאַרנדיקע הענט אין תפילין איינגעפרוירן.
ווי אויף פלאַכע ערד,
זיינען איבער פנימער און בייכער געלאָפן פערד —
אַזוי גרויס און טרויעריק זיינען יהודהס שירים!

אין ניו־יאָרקס פּו״עמדע טעג זוכט ער גאָט.
ביי די טונקלע, ברייטע ברעגן פון ים,
ציט ער דורך שטענדיקע שטאָטישע פאַרנאַכטן
מיט בינטלעך אויף די אָרעמס אָנגעהאָנגען
און לערנט גייענדיקערהייט פון זיך ספרים אַרויס.
דאַר און פאַרקלערט קוקט ער אויף די וואַסערן,
ווי דער נזיר יוחנן ביים ירדן.

אַזוי גייט ער אין די תמוז־טעג נאָך קילקייט אַרום
און בלייבט אין מידקייט ביי די האָפנס ביינאַכט.
דאָס געשריי פון שיפן איז רויִקיק, אין וואַרים —
און אָפן שטייט זיין מויל פון הייסן ווינט.
יהודה, אין אַזאַ שעה —
וויל פון ים דאָס שוימיקע שלאָגן,
גאָט זאָל אים צו בראשית צוריק טראָגן.

דער נביא פון שטאָט

אינעם אָוונט־בלאָ ביים האָדסאָן
גייט אום אַ נביא אין וואָגל. —
אין אור־קליידער פון אַ דורכגעגאַנגענער וועלט.
ער שטייט ביי די ברעגן, ווי אָפּגעריכטער גלות,
מיטן פּנים צו דער ווייט פון הינטערן וואַסער,
און עס אָבלט דער נביא אין אַ מדבר־קאַפּטן
אַ צונויפגעפּאַלענער אויף אַ פרעמדן שטעקן
מיט אַן אומעט פון טבילה, פון קריעה.

ער קומט מיט דער ווייט פון לאַנגע דערפער;
מיט אַן אָנגעברענגטן פאַרנאַכט אין די אויגן,
און גרויט אין שטויב — אָנגעשפּאַרט אויף געהילץ,
ווען אַ שטאָט ווערט הייסער גאַנג־שפּאַציר,
ווען מענטשן אויף ברוק ליגן צעפאַלן איןביילן
און וויינען צו פאַרבייגייער פון צופיל שיכרות.

ער גייט דורך שטאָט, דורך בריקן, דורך חצות,
אויסגעדאַרט און לאַנג ווי יוחנן, ווי ירמיה.
מיט אַ שטעקן פאַרלייגט איבערן אַקסל
גענענט ער צו שלאַכט־הייזער — אַ נביא צווישן שעפסן.
זיינע טריט איבערן דיל ווערן ווייכער, שטומער;
ר׳לייגט ס׳פּנים־צו צו די פעלן פון די רינדער
און צעבינדט מיט אַ וואַרעמער האַנט די שאָף;
טרינקט זיי אָן זיי זאָלן נישט שפּירן דעם חלף.

ר׳לאָזט זיך העלער און טיפער צו דער שטאָט אַראָפּ,
ווען דעכער און געזימסן ווערן פאַרנאַכטיק־שטום
און לאַמטערנעס טריבן אָפּגעשלאָגענע אין די פענצטער.

דער נביא אלולדיק און קאַלט שטייט און שעלט —
ביז ס׳ציט די לבנה אָפּ פון די הימלען
און ס׳נעמען אויפטאָגן הייזער מיט רויכן.
שטיקער נאַכט רוקן זיך געדיכט זיין גאַנג אַנטקעגן
און פרויען עלנדע ווערן ווי תפילות צו אים,
ווען די אויגן זייערע טריפן נאָך שלאָף;
די פנימער זייערע פון אויסגעוועפּט ליפּן־פּאָמאַדע,
דער נביא גיט אַ׳לעמען רו,
און ווערט פאַרצערט אין פאַרטאָגיקן בלאָ.

אונטער בריקן

אונטער בריקן ראָסטיקן פאַרגעסענע גאַסן.
נעכט אָן לאַמטערנס ליגן אויף ציגל, אויף פלעשער,
און פנימער מיט גרייזיקע בערד ליגן אויפן ברוק
מיט די אויגן אַראָפּ
און אָטעמען איין דעם יולי־אָוונט.
אַ ביסל קאַלטקייט פון די שטיינער אַרויס.
רויטע וואַסערן רעגנען פון די בריקן אַראָפּ
אויף אויסגעלייגטע גופים אין אַ זומער־נאַכט.
שוואַרצלעך יאָגן־אויף זייערע צעהאַקטע שלייפן
מיט פאַרלאָפּענעם בלאָ און פאַרשניטן בלוט;
וואונדן אָנגעשוואָלענע פון פרעכער שיכרות.
מענטשן — זעק אויף די פיס, זעק אויף די לענדן.
זיי קומען אין די נעכט אַהער מיט שלאָפע טעג,
מיט מילדקייט אין די געלע פינגער,

און שאַרן זיך ווי לבנות, אין אָנגעשראָקענעם גאַנג
ערגעץ פון אונטער די בריקן אַפיר.

אַלץ וואָס איז אומעטיק ליגט אונטער די בריקן:
סקלאַדן מיט סחורות פאַר שיפן, פאַר לענדער. —
עס שלאָפן נעגערס, ווייבער און וואַגאַבונדישע יונגען;
צעוואָרפן, מיט ברייטע אָפענע פיס אויף טרעפּ.
צום ווינט אַרויס שטאַרצן זייערע פאַרוואָקסענע הענט;
חלומות — דינע שמייכלען — רירן־אָן זייערע ליפּן.
ניו־יאָרק! ווי עס ו'עגנט אַמאָל אויף זייערע געזיכטער.

אין אַ רעגנדיקע נאַכט אַזאַ כליפּען די בריקן;
העלדזער רינען אין די צעקנעפּלטע קליידער אַריין,
און די קני, די בייכער שפּירן נישט דעם גאַס;
די פאַרקילטע טראָפּנס וואָס פאַלן פון שטאָל, פון שטריק.
בייזע ווייבער רוען דאָ ווי נאָך אַ לאַנגן וואָגל
און ווערן ווי לעגענדעס פאַרטריקנט אונטער דער בריק.

אויף שנײַ

אַ מענטש אויף שנײַ —
ער קומט פון פרעמדע, ווייטע ימען
מיט בלוט אַזאַ פון אור־געטאָס.
ווייט פון יענעם לאַנד, פון יענער שטוב,
בלאָנקעט ער אַרום אויף בריקן — ניו־יאָרק —
מיט די אויגן חשוונדיק צו די האָפנס געווענדט.

עס ציען די וואַסערן ברייטער און טריבער
און בלאָזן פייכטער אויף — זיינע קליידער.
אויפן בריק אין מיטן אָוונט,
שטייט ער ווי אַ ייד פון אַלטן שפּאַניען
וואָס איז מיט כל־נדרי דורך גריבער געגאַנגען.

אַ מענטש מיטן גלות אינעם האַרץ,
גייט־אום אַזוי דורך פאַרשנייעטע האַפּנס;
מיטן אָפּגעשלאָגענעם גרין פון דער לבנה,
און קוקט אויף דער נאַכטיקער קעלט פון זיינע הענט —
ר'וואָלט די גאַנצע שטאָט אין מיטן ים פאַראַנקערט.

אויף אַלע גאַסן שאָטנט טרויעריק אָפּ זיין וואוקס
און שאַרט זיך שלאַבריק און שלאַנג נאָך זיין גאַנג
איבער שאַרפן, איבער געבראָכענעם שניי.
אַ פראָסט דעקט איין זיין פּנים ווי אַ שויב
און פאַרגרייזט זיין באָרד מיט אייז און פאַרע.

אינעם שניי, פון די באָרטנס, פון די בריקן,
זיינען אַלע פענצטער ווייסער, פרעמדער.
דער סוף־חודש איבער אַ ווייט־איינציק הויז,
גליט און בליט מיט פראָסט,
און עס שטאַרבן די שווערע דעכער אַרום
מיט איינגעשמידטן ווינטער אויף זיך.

אַ מענטש דורך ווייכע, שטילע מיילן גייט
און קען דעם סוף פון ניו־יאָרק ניט דערגיין.
עס ווערט טאָג, אָוונט — ליכטיקע שטיבער
און ער בלייבט פון אַלץ אין דרויסן איבער;
פון עלנט וויינט ער אין דער שטאָט אַריין.
אַ, ווי ר'וואָלט זיך אין מיטן ים פאַראַנקערט!

דער טאַטע יאַנקל, ע״ה

אויפן קאַלטן טאַטן בלענדט דאָס ליכט פון שפּיטאָל.
דער אָטעם וואָס שלאָגט האַסטיק זיין לעבן אַרויס,
מאַכט אים דאַרער, אויסגעצויגענער איטלעכע רגע,
און ער ווערט ביסלעכווייז ווי אויסגעהאַקטער שטיין.
זיינע הענט ווי פון ליים — צאַפּלען געשווינד
און וואַרפן אומרואיק זיינע לאַנגע, געלע פינגער.
זיין קול רופט צו זיך די שכינה הקדושה,
בעת ס׳געזיכט זיינס לויפט־איין טיפער און טויטער.

גוישע נאַכט — און שפּיטאָליקע וויסקייט.
אַ פּחד פון חצות ווייעט פון טאַטנס קאַמער אַרויס
און פאַרצאַפּלט אין שרעק די וואַכעדיקע פלעמלעך,
און קלאַפּט די גסיסה פון זיין וואַקסענעם גוף אַרויס,
און אַ שטאַר ליכט פאַרשטאַרט זיין באָרד.
אַ שטאַרבנדיקער רעדט ער צום פרייטיק־אָוונטיקן שבת,
אַז די באָבע חנהלע זאָל אויף אים מגין זיין
און צום שומר רעדט ער אויף פּשוטן יידיש:
אַז — „אַזוי גייט דאָס לעבן פון אַלע מענטשן״.

ווייסע שוועסטער זוכן דעם טויט אין זיינע נעגל.
און פאַרציען אַ ליילעך איבערן פאַרהאַרטעוועטן מת.
אינעם בלאָען פענצטער פון נאַכטיקן שפּיטאָל,
שטאַרבט דעם טאַטנס שעה...

נישטאָ מער דער טאַטע, דער אַמאָליקער מתמיד.
אין ניו־יאָרק, אין דער פאַרעלטערטער שטוב,
ליגט ער אַ געברענגטער צווישן לאַנגע ליכט;
צווישן פאַרכטיק פייער — פאַררויכערטן טרויער.
יידן פון זיין קלויז וואַשן אים תהילימדיק און פרום;
שטעלן אים אויף די פיס ווי אַ לעבעדיקן ייד
און באַגיסן אים מיט פולע, קאַלטע עמער־וואַסער.
דאָס געזיכט געלעמט אויפן אַקסל פאַרוואָרפן,
שטייט דער טאַטע אַ נאַקעטער ווי אַ געקרייציקטער
און קוקט אַ פאַרגלייזטער — אויף דער טהרה.

טאַטע!
עס טרויערט די שטוב נאָך דיינע יחוסדיקע שבתים;
נאָך דיין שטרענגען לערנען פון שלש־סעודותדיקע ספרים;
נאָך דיין מגילה־לייענען — אויף צוריק — נאָכן טראַפּ.
האָסט צום לעצטן מאָל דיין היימישן טלית צעוויקלט;
זיך איינגעהילט אין דער ברייטער, אויסגעדאַוונטער עטרה —
צי אפשר איז עס דעמאָלט דיין ווידוי געווען?
און שפּעטער... נאָך אַ מעת־לעת די אויגן פאַרהאַקט.

מיט אַ היימיש פּעקל, און עטלעכע ירושה־ספרים,
ביסטו פון דער ווייטער חסידישער ריישע אַוועק
און אַזוי — איבער גרענעצן און לענדער געגאַנגען;
דעם טלית און תפילין האָסטו אויף אַ באַן געלאָזט.
גרויסע שטעט האָבן דיך נישט פאַרשוועכט, נישט געשטרויכלט,
נאָר מער נאָך פאַרעקשנט אין דיר דעם ייד.

טאַטע, ייד פון אור־חסידישן אַטלאַסדיקן שטאַם;
פון אונדזער הייליקן זיידן ר׳ מאירל כהן —
אַהער האָסטו דיין לומדות און חסידות
פון דער סאַנדזער גזע — געברענגט;
מעשהס און מופתים ביים טיש דערציילט:
משה האָט זיך פּאָר אַ פויער פאַרשטעלט;
זיך פאַרמאַסטן מיטן שטאַרקסטן יוון פון אַ יאַריד;
און ווי אַזוי ר׳פלעגט אין בייזע נעכט אַרומפאָרן
אין ציגיינער־דערפער ערגעץ אין טיפן אונגאַרן,
און אַזוי נאָך העלפן זיין סוחרישן ברודער שלמהן.

דאָ, אויף דילענסי, אין דער פאַרעלטערטער שטוב,
קוקט די מאַמע פאַרווײנט אויפן טאַטנס מלבוש;
אויף די פאַרבליבענע ספרים אין שאַנק;
אויפן „עין־יעקב״, אויף זיינע חתונה־חומשים;
אויף אַלערליי ירושה־חפצים פון יחוסדיקן יידן.
דער קידוש־בעכער, „ס׳קאַרלסבאַדער״ שבת־קודש מעסער,
וועט מער נישט פינקלען פון סאַנדזערדיקן שלום־עליכם;
פון זיין — „לאל אשר שבת מכל המעשים״...
נאָך דיינע וואָכן, נאָך דיינע שבתים,
טרויערט די שטוב, טאַטע!

אַ ל ט װ אַ ר ג

טריב פלעמלען די נעכט אויף קראַמען,
סוחרישע פּנימער ביינאַכט טליען אין קראַנקן ליכט,
אין שטילן שטאַמל אונטער שנײ,

און ס׳צעבלאָזן זיך זייערע רייך טונקעלער אינעם ווינט
איבער ווייסע רישטאָוואַניעס — סחורות;
אַלטוואַרג פון לעגענדעס.

עס גייען קונים אום ווי אין פאַרצייטנס
מיט טאָרבעס, טרויעריק ווי אין ירושלים.
מסחרדיקע קולות אויף שפּראַכן ווי אין געטאָס
ווילדער אינעם ויויש פון אויסלענדישע פעלקער,
זינגען אויף יידיש, אויף ענגליש און אויף גריכיש,
און ניו־יאָרק בייט זיך ווי פון אָריענטאַלישע שבטים.

אין בראָנדזענע ראַמען — אויסגעמאָלענע שלאַכטן;
יאַגד־הינט אין שלאַנקן לויף נאָך פאַרצוקונג;
שיפן טראָגן זיך הויך אין גרינלעכן ווינט.
עס ליגן ביוסטן — שטיינערנע און קופערנע
מיט צעבראָכענע געזיכטער פון גרויסע מענטשן.
אויף אַ מאַרמאָרענעם פערד, דער שטאָלצער נאַפּאָלעאָן
קוקט מיט אַ האַלבער שווערד,
אַ אָנגעיאָגטער צו דער גאַס.

מענטשן מיט פאַרבענקטן ווינטער אויף די קליידער
ווערן אומעטיק, ווי די מעשׂהס פון די סחורות.
און אַ בילד, אַ שטיקל בראָנדז קאָן דערציילן:
פון אַ שעקספיר אין אַ רויטער פעלערינע,
פון אַ געקרייציקטן אויף אַ ווינטיקן פעלד,
און פון פויערישן טאָלסטאָי צווישן יוונים.

ראָסט און מעש אין דער פלעמלדיקער גאַס.
קעלט און שימל אויף מעטאַלענע שטיקער.
חומש־לייכטער שטייען מיט אויסגעטראַכטע לייבן,

וואָס ווילן אויף אַן אָרון־קודש אַרויף.
עס שטייען מנורות פון לאַנגע דורות
און בענקען נאָכן חנוכה פון היימישן זיידן,
אונטער די פאַרשנייעטע, לייוונטענע בוידן.

אונטער די פאַרשנייטע בוידן —
רויכערן פאַקעלן איבער זאַכן ווי פון משכון,
און איבער פּרוכתן מיט אויסגעהעפטע כתרס.
גמרות מיט דורכגעלערנטע, פאַרשוויצטע בלעטער
און פאַרמעטן מיט אויסגעלייענטע אותיות,
ליגן מיט חרפּה אויף די סוחרישע ברעטער
מיטן גלות פון אַמאָליקע פאַרטריבענע יידן.

אין אַ פאַרשנייעטע נאַכט —
טונקלט טרויעריקער דאָס אַלטוואַרג:
מטבעות זילבערן מיט אָפּגעריבענע קיסרים
און מיט לענדער פון אַלטע נעמען.
עס פראַסטיקן שפּאַרנס פון געפאַלענע זעלנערס,
זאָטלען מיט פעלד־פלאַשן וואַרטן אויף רייטערס.

אונטער די פאַרשנייעטע בוידן —
ווינטערן קעמל־טיכער מיט שפּורן פון מדבר.

נ ע ג ע ר י ש

האַרלעם — אַ נעגער געטאָ.
אַ גאַס מיט אַ לאַנגן נעגערישן גלות.
אויף אַ ווייטלעכן באַרג

אַ הויכע נאַכט, אַ קלויסטער אונטער גרין
מיט אַ צעטיילטע לבנה אין די שויבן.
עס שטאַפּלט אַ צלם אָן אַ צוגענאָגלטן גאָט.
איבער שטיינער מיט טרויעריקן מאָך
און איבער ביוסטן פון געהאַקטן מאַרמאָר:
קוקט לינקאָלן, דזשעפערסאָן אין אַלטקייט
מיטן אומעט פון נעגערישע דורות.
שקיעה אין איטלעכן פענצטער
און שטומער בראַנדז אויף אַ יעדן נעגער.
פּנימער דורך הייסן גלאָז
שפּאַרן מיט ריח פון געהילץ און ראָסט,
און אַלץ טונקלט ווען נעגערס קוקן דורך זייערע שויבן.

פון אַן אומעט אַזאַ,
ווערט שאַרלעכער רויט, שלאָפער רויט.
קינדער וויגן זיך אין די מאַמעס אַריין
און וויינען ווי תהילים, אויף די הענט.
אָ, טרערן פון נעגערישן תהילים.
סמוטנער גרוי, אָוונטיקער גרוי!
און האַרלעם בליט ווי מנחה־מעריב:
רויכן ציען פון נעגערס אַוועק
אין אַ פאַרנאַכט פון פלאַטערדיקער קעלט.
אַזוי פיל טריב ביי די באָרטס פון האַרלעם!
שיפן פון נאָנטע, נעפלדיקע ברעגן
טראָגן זיך פאַרביי אַמאָל מיט ווינט פאַר אַ שויב
און דערמאָנען אין אַ פאַרשקלאַפטן נעגער,
ווען אַלע זאָגן קריאת־שמע צו דער וועלט.

עס פאַרציט דער הימל טיפער אין חצות
אָן אַ לבנה, אָן אַ שטערן,
און לאָזט פאַרבענקטער אַלע דעכער,

און וואַלקנס גיסן —
אַזאַ רעגן אויפֿן אור פֿון נעגערישע דורות;
אויף די שאָפּענע בערד פֿון זייערע זיידעס,
אָדער אפֿשר גאָר אויפֿן בלוט פֿון לינטש
ערגעץ אויף אַ בוים אין די באָוול־פֿעלדער.
דאָס געזאַנג זייערס איז שוואַרצער פֿון אַלע שבֿטים!
איעדעס לייב איז אָסיענדיק, איז ליים;
איינגעשראָקענער גנאָד — איטלעכעס אויג,
פֿון צופֿיל בייטשן און פֿון צופֿיל רחמים.
און דערציילן קאָן אַ נעגערישע באָבע אַ סך, אַ סך:
פֿון קינדער אין זעק צו די רוקנס געבונדן
אויסגעטראָגענע — אויף הוילע אָקסלען
אונטער אַ זון פֿון שלאָגנדיקן שווייס,
פֿון געוויין צו די פֿעלדער אַראָפּ.

אין האַרלעמער געטאָ, אין אַזאַ גלות,
ווערט אָפּילו פֿון גאָט אַ נעגער.
מאַנסבילן ליגן כנעניש ביי די באָרטנס אַרום
און נעכטיקן אויף נאַסע, אויסלענדישע פּעסער;
רעדן צו די קלעצער, וואָס שלאָגן דעם ברעג.
פּאָר אַלעמענס אויגן, רויש פֿון פֿלאַמיקן שוים
פֿון אַמעריקעס שטאָטנדיקע אינדזלען,
וואָס דערציילן פֿון קייטן אויף הענט, אויף פֿיס
אָפּגעפּירטע — אין אַ הייסן צפֿון־לאַנד.
טרויעריק און ענלעך איז האַרלעם
צום אָריענטאַלישן ירושלים:
טעכטער אין לעצטן בלוי פֿון זייער גאַס
וואַרטן מיט אויסגעשטרעקטע כּלים אויף ברויט,
ווי די דינסט־פֿרויען אין שלמה־המלכּס צייטן.
אויף אַלע אָוונטיקע שוועלן נעגערישע פּנימער.

די פון הונגער, טראָגן זיך אין פּרעכע טענץ;
וויקלען זיך מיט גלוסט אין די טויערן אַריין.

שטילער ברענענדיקער פראָסט פאַר די הייזער
ציט פון אָפענע נעכט אין זייערע שטיבער אַריין.
אַ קאַלטע ווינטער־לבנה אויף די שויבן גרינט,
אַ פראָסט אויף אַ נעגער־פענצטער מאָלט די „ביבל״;
דעם באַרוועסן משהן מיט אַ שטעקן דורכן ים;
די לוחות פון גאָטס אויסגעקריצטער חכמה.
קינדער — נעגערישע, פלאַקסענע
וואַקסן ווי פון תנ״ך אַרויס,
וואונדערן זיך אויף דער תיבה פונעם מבול
אויף נחס טויב, אין אַלע זייערע פענצטער.

אין אַ נאַכט פון קאַלטער לבנה,
געגליכן איז אַ נעגערישער חצות צו חומש.
לויט די מעשהס פון זייערע באָבעס, זיידעס —
אַפילו דזשעפערסאָן קומט איצט פונעם אור!
בלויז „טאָמס קעבין״ זייגען ווילדע קאַפּיטלעך.
איינגעביבלט אַזוי איז אַ יעדעס נעגעריש הויז,
ווען עס שטייען די שטיבער אין טיפן ווייס
איינגעשטילט פון פאַלנדיקן שניי.
פאַרשנייטע באָבעס שטייען אויף, ווי תפילות,
און וויינען נעגעריש אויף זייערע דורות.

אַ נעגער שטאַרבט

אַ נעגער אין מיטן פעלד בלוטיקט אונטערן העלן מעסער;
שטאַרבט אין אַ תמוז־טאָג פון אַ הייסן חלף.
אין דער שאַרף שפּיזן־אָפּ אַלע גראָזן, אַלע צווייגן.
ווייבער, וואָס ליגן גלוסטיק, גרינג אויף גרינלעכע ערד;
היימיש, פריש ווי אין די בעטן ביינאַכט —
שלאָגן זיך אויך אָפּ אינעם בלוט פון שטאָל.

פון אַ מעסער אַ פרעכס פון אַ ווייסער האַנט,
פאַרגייט אַ נעגערישער האַלדז אין קעלבערנע שחיטה:
בייזע שניטן גיסן זיך איבער זיין געזיכט
און זיין גוף זינקט מיט פאַרביסענע פויסטן אראָפּ.
די צונג צווישן זיינע ברייטע ליפּן פאַרהאַקט,
מאַכט ווילדער אויסזען דאָס צעגאָסענע שוואַרצע מת.

צעבלוטיקט, צעטריפט ליגט דאָס לייב פון נעגער.
איבער זיינע טויטע, גרויסע אויגן ווינטלעןביימער
און פונעם טאָג ווערט ליקוי־חמהדיקער האַרבסט.
נאָך אַ טויט אַזאַ ווערט אַפילו פון זומער — אָסיען:
בלעטער נעמען פאַלן טונקלער, געלער און געשווינדער
ווי דאָס בלוט פון שוואַרצן מת, פון קאַלטן מעסער.

די זון ציט אָפּ פונעם פעלד, פונעם הימל.
אויפן נעגער גלאַנצן נאָך די האָר פאַרקאַמט
און זיינע הענט גליווערן נאָכגעלאָזט און יונג.
אַזוי פיל לוויה שטומט אין זיין געזיכט;
אויף זיין ליגנדיקן, געלעמטן וואוקס ווייגט אַ פרוי;
אַ נעגער־ישע מאַמע אין זיינע אויגן פאַרגלייזט.

די שקיעה פאַרצערט דעם טאָג מיט שאַרלעכן בראַנד.
פייגל נידערן פאַרנאַכטיק צום נעגער נאָך פאַרציקונג אַראָפּ.
די נעגערישע מאַמע מיט אַ זשמעניע גראָז רעדט צום מת;
ווישט דאָס בלוט פון זיין מויל, פון זיין האַלדז.
אַלע אירע פינגער קלאַמערן זיך אינעם טויטנס האָר
מיט־צושטאַרבן אויפן קרייץ פון אַ נעגער.

שאָף און רינדער

דורך האַרבסטיקע רעגנס, דורך שנייאיקע טעג,
גייען נאַסלעכע טרייבערס מיט פלעמלעך אין די הענט;
מעת־לעתן אַזוי — איבער קאַלטע נאַכטיקע מיילן,
אויפצוטרייבן די רינדער פון אַלע דאָרפישע שטאַלן;
אויפצושרעקן די וואַרעמע פעלן מיט האַרטע בייטשן,
און ווילד גלוסטן זייערע הענט נאָכן אָקסן־פלייש.

ביז צעטראָטענע ערד לויפט פון די אָקסן אָפּיר,
שטומלעך קוקן זייערע העלדזער אין אומעט אַריין
און גייען האַסטיק און בליינד צום ווינטיקן צפון,
פון טרייבערס הייסן פאַך, ווערן אייליקער זייערע טריט,
דאָס געיעג ווערט שטויסיקער איבער די רוקנס אַריבער —
ביז עס פאַלט אַ רינד, אַ שעפּס — אין מיטן גאַנג.

שאָף און רינדער — די וואָס נעמען פון שלאַפקייט לאַמען,
צאַפּלען מידע מיט שוים, צעעפנטע מיילער
און גייען געבונדענע צו די, וואָס קאָנען פעסטער גיין,
וואָס זיינען שטאַרקער צו מאַכן גיכער דעם וועג

און טראָגן זעק אויף אויגן פון צופיל ווילדקייט.
בלויז די פינצטער קאָן צוימען דעם טראָט פון אַ שטיר.

אין פאַרטאָג — צעפּאַרעט דער טוי פון געשלאָגענע פעלן.
איטלעכער טרייבער צעוואונדיקט דעם קנאַך פון אַן אָקס,
און עס שפּרינגט די רינד פון פּלוצימדיקן פּאַך.
פון שרעק יאָגן די בהמות איינע די אַנדערע אַריבער
אין געשטיקטן גערדרענג צום פאַרחלשטן פאַראויס,
ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסגיין פון דער וועלט.

שאָף און רינדער נעכטיקן שטענדיק אין מיטן וועג;
אויסגעלייגטע, שפּאַרן זיי אָן די קעפּ אויף די אַנדערע העלדזער
און קילן זייערע ליגנדיקע בייכער אין דער האַרטער ערד.
די וואָס טרייבן, צוקן מיט די אויגן נאָך שלאָף,
און לאָזן זיך צעבונדענע אויף שטרוי אַראָפּ
די בייטשן אין די כאַלעוועס אַריינגעשטעקט.

פון דער נאַכט אַרויס הויבן זיך די רינדער אויף;
ציען גרוי און ברוין לענג־אויס צום סוף אַוועק;
עלנטע און אָפּגעגאַנגענע פון די פויערשע שטאַלן
מיט לעכצנדיקע צונגען נאָך אַן עמער וואַסער.
זייערע העלדזער זיינען ברייט, ווייך און טיף —
רינדער אויף אַזאַ וועג מאַכן טרויעריק די וועלט.

פ ע ל ן

שינד־הייזער אונטערן נאַכטיקן בלייענעם הימל,
רוישן הייס מיט לאַנגע ווילדע מעסערס
און שלאָגן־אויס שוואַרצן שווייס אויף נעגערס,

וואָס שמעקן רוי פון אָקסן און פון פעלן.
אַזאַ ברייטער, דיבער שטאָל שינדט די הויטן;
די וואַרעמע פעלן פון שאָף און רינדער.
דאָס בלוט ציט אָפּ מילד, ווי אויף אַלע חלפים,
און טאָפּיעט־אָפּ זאַלציק און געשווינד
פון אַ נבלהדיקן רינד.
נאָך מעת־לעתן ווערן די הויטן האַרטער, שטייפער
און עס וועפּט דער ריח אויס פון בלוט.
ביי די שינדערס פאַרחלבט ווערן די הענט
פון שפּרייטן די פעלן אויף דער העלער ערד,
אויף זייערע דיקע פינגער אַ נאַסער ליים געלט.
אויף די וועגענער וואָס ציען פון די שינד־הייזער
און פירן מיט זיך די אָפּגעשונדענע קעלבער,
פאָרן נעגערס אויף די שטויסן צעלייגט
און גליטשן זיך נאָכן ווייכן טרעסט פון די רעדער
און זינגען פון לאַנגווייל הייזעריקע לידער.
מיט פלעמלעך אין די הענט, פאָרן זיי אויפן געשפּאַן
און שאַרן זיך דורך די נעכט אין גאַרבאַרניעס אַריין
נעגערס האָבן מורא פאַר שינד, פאַר פאַרציקונג;
פאַר יעדער זאַך וואָס ציט אָפּ פון חלפים.

אַמעריקעס וואַסערן

מיט ברייטער שפּע שפּאַרט דאָס לאַנד, די ערד;
די וואַסערן וואָס זיינען אַמעריקע באַשערט.
ווייט ציען די ריזוערס, די בעיס, די בריקן;
די פּעריס — די שטילע זעגלדיקע שיפן.

ווי דער הימל ווערן גראָ די באָרטנס,
נעפּלדיק דער פאַרנאַכט, שווער די האָפּנס.
גרינע, אָפּגעריסענע מאַכיקע־קלעצער,
טראָגן זיך קיל אין דער לענג אויפן וואַסער.

אַמעריקעס טייכן, אַמעריקעס שיפן —
די וואַסערן קנייטשן זיך, רוישן און שלאָגן;
בלאָזן זיך אויף, וויקלען זיך צו די ברעגן.
דורות ווי ס׳טראָגן זיך רויכיק די פּעריס
פון באָרטן צו באָרטן איבערן גרינגן האָדסאָן,
פון אינדזל צו אינדזל איבערן ניו־יאָרקער בעי —
די פאַרבענקטע „פרייהייט־סטאַטוע״ — אין דער מיט,
ווערט אויף די שיפן צו קוקן נישט מיד:
אַלע נאַכט מיטן אויפגעהויבענעם פאַקל־ליכט,
לויכט די סטאַטוע אין אויסגעהאַקטן גרוי
צום הימל פאַרריסן — דורות אַזוי.

אַמעריקעס האָפּנס, אַמעריקעס האַנדל־שיפן —
אַלערליי פענער פון אַלערליי ווייטע שטאַטן,
פלאַטערן אויפגעוויקלטע אויף די מאַסטן
און וויגן זיך אומרואיק אויף די אַנקערס.
אַ ריח פון וואַלן, פון קאַסטנס און פעסער,
פון קופערטן מיט פאַרזיגלטע שלעסער —
ציט קיל פון לאַנגע שטיינערנע מאַגאַזינען.

קופערנע אַקסלען פון שטאַרקע נעגער־יונגען,
שטייען ווי אין די פאַרצייטישע שקלאַפן־שטאַטן
און לאַדענען סחורות ווי ביי די מיסיסיפּי־טייכן,
ווי אין ערב לינקאָלס געטיסבורגער צייטן.

אַמעריקעס ריווערס, אַמעריקעס טייכן —
פלעמלדיק, צאַפּלדיק ווערן די וואַסערדיקע ווייטן
און אַלץ אַרום ווערט האַרבסטיק, נאַכטיק־הויך,
און הינטער וואָלקנס די לבנה ציט ווי דורך רויך.
שיפן גרויסע, שיפן קליינע זעגלען בלינד
און טאַפּן הייזעריק דעם נעפּלדיקן ווינט.
נאָך די שוימיק־ווייסע שרייענדיקע וואַסערן
רייסן זיך ברעטער מיט פאַראַנקערטע שטריק.
צעוואָרפענע אינדזלען, ווי שווימענדיקע פלאַכן,
רוקן זיך מיט נאַכט, מיט שרעק, מיט סיגנאַלן
און ווערן פאַרצערט — און שטאַרבן.

אָפּגייענדיקע שיפן

שיפן שוידערן אויף דעם ברעג, ציען אָפּ צו פרעמדע וואַסערן.
די שטאָט רוקט זיך אָפּ אַ צעצויגענע —
טונקעלער, שווערער
מיט פאַרנעפּלטע דעכער און שילדן ליכט.
רויכן הויבן זיך שטילער צו די הימלען,
און ס׳פאַרגייט די ערד מיט אַלע שטיבער
מיט אַלע מענטשן.
אַן אָפּגייענדיקע, פאַרגייט די שיף מיט די פענצטער.

אויף די ברעגן שוימט לאַנג די נאַכט.
באָרטנס פינקלען אין שרעק.
שיפן גייען הויך אויף געשוואָלענע וואַסערן
און פנימער ווערן שלאָפער צו דער שטאָט;

צאַרטער צו די קרובים —
און גייען אַן לשון אָפּ, ווילדער צו דער נאַכט.

אינדזלען ווילן נאָכגיין די שיפן מיט דער גאַנצער פלאַך, —
מיט זייערע הייזער און מיט זייערע דעכער;
ס׳ווילן נאָכגיין סקלאַדן מיט באַהאַנגענע שלעסער
אויפן שוואַרצן ים ערגעץ אין דער וועלט אַוועק.
באַנען און מויערן טראָגן זיך גרינג פון די שיפן אָפּ
און בלייבן וואו פאַרבענקטע ביי אַ האַפן שטיין.

אין מיטן ים וואָגלט נאָך די לבנה נאָך פונעם בארטן אָן
און ווערט אומעטיק, ווי די לבנה פון חומש.
סיגנאַלן צאַפּלען צווישן הימל און וואַסער
און פון די שיפן ווערן מעת־לעתן, —
שאָטנס פון שטעט,
אין מיטן ים, בענקען שיפן נאָך האַפנס און לענדער.

ב י י ם   ב ע י

ביים פישער־ברעג איז אַ ים פאַראַן.
עס איז נישט דער ים פאַר די שיפן פון שערבורג,
נאָר פאַר שיפלעך שכנהדיקע מיט פישערס אין דער שפיץ;
שיפלעך וואָס פירן אַלע נאַכט אַזוי אין די פרעסט אַוועק
צו אַזאַ שוימיקער ווייט, וואָס שלאָגט מיט האָגל
און פאַרשניידט ווילדלעך די הויכע, אָנגעצויגענע מאַסטן.

אַלע נאַכט אויף אַ בלאָען ווינטער־וועג — אַהין,
גייען אַקסלען מיט פאַרוואָרפענע נעצן צו די ברעגן.
פון פישערס — מאַנסביל, ווייבער, שפּאַרט דער זעלבער ריח;
זיי ריידן פון פישערס, וואָס כאַפּן נאַריש, כאַפּן קלוג, —
פישערדיקע ווייבער ציען מענעריש די אַנקערס אַרויף
און נאָך זייער יעזן ריר — שלאָגט גלוסט
און פאַרן נאַכטיק אַזוי צו די הויכע ימים אַרויס.

פון די פישערס געזיכטער ווייעט שרעק און קעלט;
פראָסט אין די אויגן, פראָסט אין די פינגער,
און וואָרעם בלוט פון בראָנפן אין די אָדערן יאָגט —
אַ לייב אַזאַ, לאָזט זיך פון די זאַווייען נישט נעמען,
נאָר טראָגט זיך צעהיצט די אויפגעבלאָזענע וואַסערן אַנטקעגן
מיט קוישן און מיט פעסער פון צוגעכאַפּטן אייז.

פון די ברעגן יאָגט נעפלדיקע פאַרע אַרויס;
קליידער און שטיוול לויפן נאַסלעך אויף,
און אַלץ וואָס איז געהילץ — ווערט אויך אַזוי;
שווערלעך זעצט פון זיי פייכטער דראָבנער טוי.
אין אַזאַ מעת־לעת פראַכן די שיפלעך אויף שטריק,
און פון ווינטיקן זאַווי, ווערט האַפנדיקער שניי.

אין דער כסלוודיקער ווייסקייט פון אומעט,
גאַרן פישערס נאָך דער מילדקייט פון ים.
אויף די פישער מאַנסבילן, אין אַזעלכע חדשים,
וואַרטן ווייבער מיט פחד אין זייערע שטיבער:
די שרעק פון האַרבן ווינטערדיקן ים אין כסלוו,
ווען שיפן קומען נישט צוריק —
איז די אימה פון פישערס ווייב.
קער זיי אום גאָט, צו די ברעגן אַהיים!

שיכורע פישערס

אויף ווינגדיקע שיפן, צוגעטשעפּעטע צו בלייערנע פּעסער,
שיכורן צעקנעפּלטע פישערס מיט פּאַכנדיקע העמט;
פלעשער שוימיקער־ביר לויפט פון זייערע פויסטן אַרויס
און פאַרכלינעט זייערע מיילער ביז אין די העמדער אַריין, —
באַזאָפּענער, רויטער שטייען זייערע האַריקע ברוסטן
און זייערע בערד דריקן זיך צו די פישער־ווייבער.
פישערקעס זיינען פעסט, הייס, ווי זייערע מאַנסבילן —
און זינגען מענעריש אויף לוסטיקע אוונט־שיפן.

סמוטנער תמוז־ליכט אויף צערייצטע פישער־יונגען.
זייערע שיפן רירן זיך ווארעם אין יוליס פאַרנע ברעגן
און נאַכלעסיק קיל ליגן די פריש־געכאַפּטע פיש;
וואַרפן זיך אין קוישן, אין נעצן — ווילד
פון אַ לאַנגן טאָגיקן פישער־פאַנג. —
טעכטער מיט הויכע פיס און סקאַנדינאַווישן לוסט,
שפּרייזן קלוג אינעם באַרטן נאָך ראַנדעוואוס אַרום
און זוכן שלאָף אין די אָרעמס פון שטאַרקע פישערס.

העכער פון די שיפן גייט דאָס שיכרות אויף.
פון האַרמאָניקעס, הויבן זיך צעבראָכענע טענץ,
און שווייסיקער, אומעטיקער ווערן די געזיכטער
פון די צעהיצטע הייזעריקע פישער־לידער.
אַ פאַרטרונקענער פישער אָנגעשפּאַרט אויף שטריק,
רעדט מיט אַראָפּגעהאָנגען פּנים אין אַ פרוי אַריין
און שפּייט מיט געל זויערן שפּיי פון שיכורן ריח.

שיכורע פישערס — אַ גאַנצע נאַכט אַזוי.
די אָנגעצויגענע אַנקערס צופּן שוימיק די ברעגן

און וואַרפֿן די שיפֿן העכער צו די הימלען.
מיד פֿון בראַמפֿן, פּרויען, ביר און שרייענדיקע רייד,
זיצן די מאַנסבילן מיט לאַנגע, הענגענדיקע פּיס
און נאַרישע פֿישער־שטיוול — צו די וואַסערן אַראָפּ.

עס שמעקט פֿון זאַלץ און פֿייכטע, האַריקע הענט;
פֿון צעגאַנגענעם רויך — די ברעגן אַרום.
שיך, ווענטקעס אויף איינגעשטאַרט געהילץ און בלעך,
טריקענען דערווייל ביז דאָס שיכּרות וועט פֿאַרגיין.
געסטאַיעטע וואַסער־פֿלאַכן ווערן מאַרגנדיקער גרינגער
און ווערן ווי די פֿישערס שטום אין דער נאַכט —
פֿאַרטאָג ציען אויפֿסניי די יאַגד־שיפֿן פֿונעם בעי אַוועק.

אַ האַפֿן־וועכטער

אין שקיעה —
אַזוי פֿאַרגייען טעג ביי די האַפֿנס פֿאַרנאַכט.
פֿונעם בראַנד אויף די וואַסערן ווערט אָוונט;
פֿונעם אָוונט — אַ מענטש מיט אַ ברוינלעכן לאַמטערן
אין צעפּירטן ליכט איבער קאַלטע, אומרואיקע שיפֿן.
אַ האַפֿן־וועכטער — בלאַנד און ברייט־וואוקסיק
מיט די אַקסלען אומעטיק צו די ברעגן.

טרויעריק־באַנג ווינטערט דער וועכטער.
זיין גאַנג דערציילט פֿון גרויסע ימען;
פֿון ראַנגלדיקע שיפֿן אין ווייטן ווינט, —

שיפן זעגלדיקע מיט לייוונטענע מאַסטן,
וואָס וויקלען זיך מיט פישערס אין שטורעמס.

אַ האַפן־וועכטער ביינאַכט —
ווי הימלען שוימען זיך די וואַסערן.
פונעם באָרטן די פּאַנאָרן,
צינדן זיך אינעם וואַסער מיט די לאַמטערנס אַראָפּ;
איבערגעקערטע — שפּיגלען זיך די שיפן;
די פישערס מיט די ווענטקעס אויף זייערע קני
צו די הימלען אַראָפּ.
געלאַסענער און שרעקעוודיקער ציען שיפן פון זאַווערוכעס
און פייכטן אָפּ פון דער פּראַסטיקער ווייט.

אַ מענטש אַ שומר —
ער וויגט זיך אויף די וואַסערן אין אַ בויד;
אין אַ אינעווייניק — הינטער אַ שייבל ליכט,
און ציט דעם באָרטן אין זיינע אויגן אַריין.
אַמאָל זעט ער אַ פערטל הימל — בלויז
מיט די שטערן אַראָפּגעפאַלענע אינעם וואַסער,
אוןביידע — דער היטער און די שטערן
ווערן פאַרדרימלט און פאַרהימלט.

ביים נאָרד־ריווער, היינט

היינט, נאָך די צען ביטערע יידישע יאָר —
ביים פאַרבענקטן נאָרד־ריווער פון אַמאָל;
ביי די האַפנס פון דער „ווייט־סטאַר ליין";

אין די באָרטנס אויף די שטיינערנע דילן,
ליגן נאָך אַלץ די שטריק מיט די אַנקערס;
די שטאָלענע פעסער, די קאַסטנס, די באַלן —
און די ווענט פון גראָען קילן אייזנבעטאָן,
שלאָגן נאָך אַלץ מיטן ריח פון סחורות.

די נעפּלען ציען פון די שוואַרצע וואַסערן;
הויבן זיך ווי רויך אין נאַכטיקער הויך,
און יענע שיפן פון אויסלענדישע פענער
פאָרן נישט מער און זעגלען נישט מער;
נישט קיין שערבורג און נישט קיין האַווער.
ס'זיינען מער נישטאָ יענע פלינקע מאַטראָזן,
וואָס פלעגן נאָך הדשים קומען פאַרבענקט
מיט אַזאַ בלוט וואָס גלוסט און ברענט.

ס'איז אומהיימלעך היינט ביים „וואָטער־פראָנט";
אין די לאַנגע יאַטקעס פון קאַלטן צעמענט,
וואָס פלעגן יאָגן מיט פאַרע פון רזיע פליישן
פון וואַרעמע, געשאָכטענע שאָף און רינדער.
אומעטיק, פאַרנאַכטיק איז דער מיטנטאָג דאָ.
מ'זעט שוין מער נישט די שווערע איטאַליענער
גיין אויסלאָדענען די שיפן פון ווייטע לענדער.

און דאָרט, אין די „נעשאַנאַל־ביסקוויט" פאַבריקן;
אין די פאַרסמאַליעטע, פאַרלאָפענע הויכע פענצטער,
וואו די אירלענדישע גויים אַפילו זיינען מער נישטאָ
נישט דער לוסטיקער פּיטער, דער אַלטער מעקיו,
וואו פון אַלץ פאַרבליבן איז דער גוטער אַנדרעיו —
דאָרט, האָב איך פון מאָדנער אומרואיקייט געליטן;
תמיד ווערטער געביטן און „ברוכוואַרג" געשריבן;

בײַ יעדער ליד־שרײַבן אַ מענטש אויסגעמידן —
דאָרט, אין די ווינקלען, אויף די פּאַפּירענע שאַכטלען,
זײַנען נאָך באַשריבענע שורות פֿאַראַן פֿון מײַנס אַ ליד;
דער פֿאַרבליבענער כתב־יד פֿון אַ דיכטעריש ייד.

נאָרד־ריווער פֿון אַמאָל —
הײַנט, נאָך די צען ביטערע היטלערישע יאָר,
לוינט זיך נאָך אַלץ צו בענקען נאָך דיר.
ווי דו, גרויסער קאַלטער, מאַכיקער האַפּן,
ווי קײנעמס שיפֿן אין דײַן ווינט בײַנאַכט;
ווי דײַנע שרײַענדיקע וואַסערן אין האַרבסט;
ווי דער הויכער, שלאָגנדיקער ווײַסער שוים,
וואָס האָט אַמאָל אַ טבֿע צו ווערן שטום —
און ווי אַלץ וואָס איז טרויעריק אין דיר,
זײַנען איצט די ביטערע יידישע יאָר אין מיר!
כ׳וואָלט אײביק אַזוי וועלן שטײן בײַ דיר;
טאָג און נאַכט אַזוי — דור־אײַן, דור־אויס;
אײביק בײַ דיר זונטערגײן,
אײביק בײַ דיר אויפֿגײן!

אַמעריקע, איצט *)

אהרן שעכטער, געווידמעט

אַמעריקע —
ווי ווײַט און ברײַט דײַנע וואַסערן זאָלן נישט זײַן,
אומעטיק איז די וועלט בײַ דײַנע האַפֿנס — אַצינד.

*) בײַם סוף פֿון 2טער וועלט־מלחמה.

שיפן טראָגן זיך הויך דורך נעפּל און דורך רויך
פון אַלע שטעט און שטאַטן — פעלקער און לשונות,
מיט דיינע שטאַרקע זין, מיט דיינע שלאַנקע טעכטער
פון די פּריירים, ריווערס — מיסיסיפּי און דעלעווער,
און מיט די יורשים פון דיינע „לאַנדסמאַנשאַפט״־יידן
פון אַנשי־רוסלאַנד, רומעניע, גאַליציע, פּוילן.

אַמעריקע —
אומעטיק איז די וועלט ביי דיינע האַפנס — אַצינד.
וואָסערן שלאָגן דיינע קינדער מיט האַרבסטיקן האָגל —
דיינע שיפן פירן זיי דורך פייער און דורך וואָגל.
גאָט, אַז אַלץ נעמט פּלוצים ברעכן אין מיטן ים
פון אַ פרעמדן אויסגעשאָסענעם, פרעכן פלאַם,
פאַרזינגט מען דעם פּחד מיטן לוסט פון אַלאַבאַמאַ.
די וואָס קענען גיין די „פּאַטריאָטישע״ אימה אַנטקעגן
און קענען אויף שיפן, אויף ימען שלאַכטן פירן,
קלעטערן אויף די מאַסטן מיט בטחון נאָך נצחון.

אַמעריקע —
שיפן טראָגן זיך הויך דורך נעפּל און דורך רויך
מיט דיינע מאַטראָזן־זין און מאַטראָזן־טעכטער,
וואָס זיינען נישט געוואוינט צו טרויעריקע געזיכטער;
צו רעדן פון בלוטיקער ערד, פון ברענענדיקע שטעט,
ערגעץ אין מיטן פון אַ ים, אין מיטן פון אַ וועלט.
זיי זיינען נישט די האַריקע מאַטראָזן פון יענע שיפן,
וואָס פלעגן ציען קיין שערבורג און קיין האַווער
דורך שיכורע טעג אין אויסלענדישע סאַלונען
און רק נאָר בענקען נאָך מענטשן, באַנען און שטעט.

אַמעריקע —
פון אַלע שטעט און שטאַטן, פעלקער און לשונות,

מיט דיינע הויכע זין, די שוואַרצע פון דער סאַוט;
מיט דיינע העלע ברייטע יונגען פון דער וועסט,
און מיט די זין, די ברוינע פון וויטן, זאַמדיקן אַריזאָנאַ —
אויסגעמישט מיט זיי, איז איצט גרויס בריטאַניע,
צו קענען העלדיש גיין בייַאַנד אויף גערמאַניע.
אינעם ווינט פון מוסאָליניס פאַרריסענעם באַלקאָן,
שרייט איבער צעזאָרס רוים — אַמעריקעס פאָן.

אַמעריקע —
מיט דיינע שטאַרקע זין, מיט דיינע שלאַנקע טעכטער
און מיטן כוח פונעם יידס „לאַנדסמאַנשאַפטן" קינדער,
זיינען איצט דיינע שיפן, אייראָפּעס שלאַכט־פעלדער.
זיי לערנען זיך זען אַלערליי מענטשן, אַלערליי לענדער;
פאַרכאַפּן היסטאָרישע שטעט, וואַסערן און בערג:
די אַלפּן פון איטאַליע, פון גריכנלאַנד — אַטען;
אויף דייטשלאַנדס ערד, וואַגנערס רהיין, און אַכען;
אין וויטן מזרח, די טראָפּישע אינדזלען פון יאַפּאַן.

אַמעריקע —
מיט די זין פון אַנשי־רוסלאַנד, רומעניע, פוילן,
גייסטו אַריין אין די שטעט פון טלית־און־תפילין;
אין די בתי־מדרשים פון גמרות און משניותן;
אין די קלויזן פון ראָפּשיץ, פלאָנטש און סאַנדז,
און בלייבסט פאַרשטיינערט ביי אונדזערע קדושים;
ביים הייליקן „אש" פון מאַידאַנעק און לובלין.
פאַרביסן וועלן די פויסטן בלייבן פון דיינע זין,
פאַר די געשאָכטענע יידן פון פראַנץ־יאָזעפס ווין.
אַמעריקע,
דיין שטערן־פאָן איבער לייפּציג, בערלין, האַמבורג,
שטרייפט איצט העל, ווי אין לינקאָלנס געטיסבורג!

מיינע עלטערן
ר׳ יעקב אליעזר און **חיה**טשען, ז״ל

מאַידאַנעק

1947—43

נישט איצט, אַמעריקע!

נישט איצט, אַמעריקע, קען איך זינגען פון דיין לאַנד!
פון די נעכט ווען די לבנה שפּאַרט דורך די נעפּלען,
פון דיינע פעלקער און לשונות, שיפן און פּריריס,
פון די ברייטע פישער־בעיס און אויסטער־בעיס
און פון דיינע האַפּנס מיט די פאַרבענקטע טעכטער —
נישט איצט, אַמעריקע, קען איך זינגען פון דיין לאַנד!
איך בין אַ קינד פון טלית און פון תפילין,
פון וואָכעדיקן אַטלאַס און פון שבתדיקן זייד.
מיין טאַטע האָט געהייסן יעקב, די מאַמע — תיהטשע
און בײדע, האָבן דעם בראַנד פון שייטערס געאַרבט;
זייערע זיידעס, זייערע דורות — דאָס בין איך!

נישט איצט, אַמעריקע!
פריער קומען די קדושים פון די כנסת־ישראל,
די היימישע ערד פון דער ברענענדיקער שווערד.
אַנגעצונדן האָט מען מיין שטאָט און פאַרצערט.
ס'איז נישט אַזוי רומעניע, פּוילן צי בוקאָווינע,
ווי די טויטע יידן וואָס גליווערן אין יענער ערד:
די ר' הערש־יעקבס און די ר' שלמה־לייבעלעך;

די טרעגער־יונגען און די וואַליע־יונגען —
ס'איז נישט אַזוי עסטרייך, אונגאַרן צי אוקראַינע,
ווי די בתי־מדרשים, די פאַרשוועכטע ספרי־תורות;
די מזרח־ווענט — דאָס אָרון־קודש און דאָס פּרוכת;
די בראַנדזענע לייבן, וואָס שפאַרן אויף די לוחות.

נישט איצט, אַמעריקע!
פאַרצוימטע, גרויע מויערן זיינען דאָרט געטאָס;
די אין דרויסן — „ריינע אַריער״;
די פון אינעווייניק — „יודן״.
אַז מען ווערט פון הונגער ווילד, געשוואָלן,
ווערן די געזיכטער שטומע משוגענע יידן —
און מ'טרייבט זיי צו קריכן אויף די הענט;
מ'שפּילט זיך מיט מאַמעס, ווי מיט הינט.
מען שלאָגט די רוקנס, די יידישע לאַטעס,
ווי טרוקענער ליים — צעפאַלן די טאַטעס.

נישט איצט, אַמעריקע!
מיינע פעטערס, די מומעס, די באָבעס,
זיינען דורכן ונתנה־תוקף געגאַנגען.
אין וועלדער האָט מען אַלץ אָדמדיק אויסגעטאָן;
זין געהייסן — טאַטעס שלאָגן;
די טאַטעס — זייערע זין באַגראָבן.
מאַמעס האָבן פנימער און אויגן פאַרשטעלט
נישט צו זען, ווי מען מאַכט טמא זייערע טעכטער
און אַלעמען דערנאָך אין די גריבער געוואָרפן.
דאָס זיינען געווען גאַנצע שטויסן טויטע בערד;
שעפּעלעך אין פאַרשאָטענע מאַמעס איינגעזויגן.
אַלע אין די קברים, האָבן די ערד נאָך געגראָבלט.
אָ, קדושים — איינער אינעם אַנדערן געקלאַמערט,
זייער רחמים, גאָט, איז נישט אויסצושרייען!

נישט איצט, אַמעריקע!
אויף קיין שום ערד, ווי אויף דער ווייטער, היימישער,
זיינען אַזוי פיל קדושים נישט געגאַנגען שטאַרבן!
פאַרלאָזט — אָן יידן, אָן מזוזות און אָן ספרים,
שטייען אונדזערע שטעט — די שטיבער, די קלויזן.
און ווי איז צו די ימען און ווי איז צו די לענדער,
וואָס וועלן פאַרשריבן ווערן פאַר אונדזערע שענדער!

נישט איצט קען איך זינגען פון דיין לאַנד —
מ׳האָט אָנגעצונדן מיין הייליקן זיידן,
איצט ברענט ער אין מיטן דער וועלט!
אָן אים דאָרט...
בין איך דאָ — אויך נישטאָ, גאָט!

גירוש-שלמה

שלמהס צוויי אומגעקומענע טעכטער:
נחמהטשען און מלכה־גיטלען, לזכרון

א.

אָט איז דאָס בלוט פון שלמה דעם ייד פון ווין;
פון דער שטערנגאַס און פונעם לעאָפּאָלד־שטאָדט.
אָט איז זיין בלוט — דאָס וויב און די טעכטער;
העלע, שלאַנקע גאַליציאַנער טעכטער — דריי,
פון אַ שטאָט וואָס הייסט אויף יידיש: בריגל
און פון אַ גימנאַזיע אין פוילישן קראָקע.
די מאַמע אין בויג — צירעוועט לייוונט גרוי
און מאַכט אומעטיק דאָס פענצטער אין ווין אַפילו.

שלמה — אַ קאַפּיטל פון שיר־השירים.
ברוין איז ער ווי די ערד פון עין־גדי.
קוק נישט אויף דעם וואָס ער איז געל —
דאָס האָט די זון אים אָפּגעברענט אַזוי
אויף די ציגיינער־וועגן אין טיפן אונגאַרן.
געצויגן האָט זיין סוחרישער שפּאַן דורך קאַרפּאַטן;
דורך „מאַדיאַרישע” דערפער, דורך בילנדיקע הינט
מיט אַ וואָגן לאַסט צו אַ פרעמדער וועלט,
מיט אַ וואָגן לייוונט דורך שטענדיקע שטעט.
לויטן וואָגל האָט ער די פערד געטריבן.

אַ ייד פון גאַליצישן עסטרייך.
מיט איינגעוואַקסענע טריט פלעגט ער טריבלעך גיין
נאָך אַ פּראַכנדיקער פור „אַשוויענטשינער” געוואַנט
טעג און נעכט נאָכאַנאַנד — אַ ייד איינגעשפּאַנט
דורך די חדשים פון חשוון, כסלוו און שבט;
האַלב אין שרעק און האַלב פאַרנאַרט.
אויסגעוואַקסן זיינען בערג אין הויכן שניי
מיט וועלפישער פאַרציקונג אויף זיינע פערד,
ווען ר'איז אין טלית־תפילין געבליבן שטיין
איינער — אינמיטן וועג אַליין.
אין ריזלדיק וואָסער האָט ער זיינע ברכות געטונקען
און איז פון אימה אין ווייכן ליים געזונקען.

ערד פון אומעטום — אויף זיינע יידישע שיך;
לשונות און פעלקער האָט ער אויפגעכאַפּט גיך.
אין אונגאַרן — האָט ער וועלף געזען;
אין עסטרייך — איז ער אַ זעלנער געווען;
אין פוילן — איז מיט אים ניסים געשען;
אינעם טאָג פון ר' חיימל סאַנדזערס יאַרצייט,

האָט ער צלמען זיך נישט געוואָלט....
אויף אַ פּוילישער באַן.

ב.

איצט איז ער אויפסניי שלמה פון ווין.
פון יענעם ווין פאַר די יידן פון מזרח,
פון דער גרויסער „שיפסגאַסע" מיטן טאַנדייט־רינג.
מען טראָגט זיך דאָרט מיטן מסחר היימיש אָרום:
ווער מיט אויסגעדינטע, זעלנערישע מונדירן,
ווער מיט יוכטענע שטיוול פון קאַדעטן און אָפיצירן.
בעטלערס, קאַטערינקעס — אַלץ איז דאָרט פאַראַן;
לאַמטערנעס ציטערן טרויעריק איבער טראָטוארן;
פאַרצייטיש, ווי אין שטעט פון געסלדיקע מויערן.

מיטן גאַנג פון רייכע וועלטלעכע סוחרים,
רוישט די „שטערנגאַסע" אינעם לעאָפּאָלד־שטאָדט.
אַ סך אַזעלכע זיינען שוין פאַר שלמהס גאַס פאַרביי.
מיטן חפץ־חיים אין דער שפּיץ;
גרייזיק און אַלט דורכן ברייטן ווין,
האָבן שטעטלדיק געשפּאַנט מונקאַטש און לובלין
ערגעץ צו אַ תורותדיקע אַסיפה — אַהין.
און אַלעמען געפירט האָט זיי דער מילדער חפץ־חיים,
ווען געפאַלן איז אַ שנייאיקער פאַרנאַכט אויף אים;
געוואָרן איז די נאָכגייענדיקע עדה ווייס און שטום.
ווי עס וואָלט שוין מער ווין נישט געווען,
זיינען די הייזער אין פרומער שרעק אַריין —
און אויסגעזען האָט די שטאָט
ווי ווילנע, ווי בראָד.

דער חפץ־חיים האָט שלמהן אין אַ ספר דערמאָנט
און שלמה אין אים האָט אַלע גרויסע יידן דערקאָנט.

פאַרבענקט ווערט שלמה אין אַזאַ שעהאיקן ווינטער.
ר'ווער חסידישער און סוחרישער.
זיין לאַנגער וואוקס טראָגט דעם ווינער שניט;
די באָרד פאַרקאָמט און פאַרשניצט;
די קליידער לויטן וועלטלעכן געמיט;
פון צופיל „באַצירקן" זיינען האַרט זיינע טריט.
כאָטש ס'איז שענברון, ס'איז האַבסבורג,
פאַרגייט דער טאָג זיינער מנחה־מעריבדיק.

שלמהס יידן זיינען אויסגעשטייגטע פון „אָסט־באַן".
קליגער זיינען זיי פון די סוחרים אין ווין.
זייער שפּאַציר — איבערן פראַנץ־יאָזעפס „קעי",
זעט אויס ווי די גאַסן אין גאַליציאַנער שטעט.
עס בליט און בלויט דער דאַנוי אונטער בריקן
און ציט־מיט די שקיעה און דעם אומעט
קיין פרעזשבורג, קיין בודאַפּעסט.

ג.

טעכטער דריי פון אַ גימנאַזיע אין יידישן קראָקע.
חוה — מיט אירע ווינערישע רייד ביים טאַטנס טיש;
מיט מעשהס פון ראָמאַנען וואָס קלינגען פאַנטאַסטיש.
אירע קליידער, נאָך דער שלאַנקער מאָדע פון פּאַריז,
לאָזן צומאָל נישט דערקענען ווער זי איז;
טראָגן נישט די שפּורן אַז זי שטאַמט פון חסידות;
אַז זי איז אַ קינד פון פּוילישע שחיטות.
איצט ווייגט חוהס פּנים פאַרן טאַטנס פּיס.

נחמה — געגליכן איז איר בלאַנד צו רות.
ס׳וואָלט איר איבער אַ פעלד געפּאַסעט צו גיין באָרוועס
מיט אַנגעקליבענע זאַנגען אין אירע בלויזע אָרעמס,
וואָרים העל און ברונעט שפּאַרט איר לייב פּאַרטאַג,
ווען ס׳שפּרייזט דער טאַטע איבערן דיל מיט תהילימדיקן זאָרג
און רק ער דאַוונט און רק ער וואָרפט מיט די הענט —
נחמהס אויגן קוקן אויף שלמהן מיט יידישן בלענד.

ר׳ בערישעס אייניקלעך דריי.
פּשוט איז מלכה די יינגסטע פון זיי,
אַ ברען ליגט אין איר גיכן גאַנג,
פון צופּיל שוואונג ציטערן אירע לענדן
און שלאָגן מיט דער האַסטיקייט פון גרויסע שטעט.
אַלע דריי האָבן די באָבע חנהלע שוין געזען;
זי געזען אין ריישע, אין בריגל, אין ווין
מיט „גאָט פון אברהמדיקן״ געוויין.
מלכהס פינגער לאָזן דעם טאַטנס טרערן נישט גיין.
שלמה ביי די טויערן פון „שטאָק אָם אייזן״, *)
בעט מ׳זאָל אים איבער די ימען לאָזן זעגלען
מיט זיין בלוט, מיט זיין ווייב און טעכטער דריי;
מיט זיינע גרויסע מילדע ירושה־תפילין צוויי.
ר׳וויל אויסשטייגן אַ שלמה אויף אַ פרעמדער ערד
מיטן גאַנצן געוויין וואָס טרערט.

די מאַמע צביה וויל שוין מער נישט ווין,
אַלע מאַמעס ווילן מסתמא שוין מער נישט ווין.
ווין, „ווען יידיש בלוט פון מעסער רינט״.
דער טאַטע מיט דער באָרד גליווערט ווי אַ קינד

*) הויז פון קאָנסולאַטן.

אויף דער עסטרייכישער דערשראָקענער ערד,
ר׳שיקט בריוו צו קרובים וואָס זיינען אים באַשערט
און פרעגט דורך בריוו, צי מ׳האָט פון „אַנשלוס״ געהערט.

ד.

אין גרויסן ווין — בראַנד און קרייציקער גאַנג.
דאָס „העכסטע פּנים״ פון דריטן־רייך צווישן פאַנען,
פלאַטערט אויף געזימסן, אויף שרייענדיקע באַלקאַנען,
און רעדט פון דער הייך צום „נייעם טאָג״ אַראָפּ.
די שרעק פון זיינע הענט
בלענדט
אויף יידן און אויף באָלשעוויקן,
מ׳זאָל זיי אין די „שעכטהייזער״ פאַרשיקן —
שלמה גייט אַרום מיטן טויט אין די בליקן.

דאָס בלוט פון שלמהן שלאָגט בלינד
אין אַ נאַכט, ווען ייד פון מעסער רינט.
אַ מעת־לעת פון שטאַרבנדיקער שקיעה,
אַ מעת־לעת פון יידישער קריעה.
אויף זיינע שויבן דאָס אָפּגעשאָטנטע ליכט
פון חלפימדיקן לוסט — קילט.
דער „עלטסטער״ מיט פאַררוסענעם ווילדן רייץ,
רעדט צום ברייטן פלאַטער פון האַקנקרייץ:
— שלאַכטעט די יודען, קרייציגט די יודען!״.

אונטערן בלוי פון ווינער אויפגעלייגטן הימל,
האָט שלמה נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געוויינט.
אַ קעלט פון ביקסן, אָנגעשטעלט צום שיסן,
האָט שלמהס הויזגעזינט אין אימה צעריסן;

אַלע זיינען האַלב פאַרגלייזטע געבליבן ליגן.
אַ צעטראַטענער, ווי פון איבערלויפנדיקע פערד,
האָט שלמה דערפילט די פאַרחלשטע ווינער ערד.

נישטאָ מער קיין רחמים —
עס רירן זיך קוים זיינע הענט איבער אים.
אויף זיין שטערן קנייטשן זיך דורות־יסורים,
און די טעכטער ווײנען אין דער מאַמע אַריין,
בעת שלמה פאַרהאַרטעוועט ביסלעכווייז ווי שטיין.
פון צופיל יעלות טריקענען זייערע וויעס איין
און בלויז זייערע שלייפן אַליין,
שלאָגן ווי אין ערב־שטאַרבן אַריין.

עס האָט נאָך אַ ייד קיינמאָל, קיינמאָל
אָפּגעוואַשן פון זיך אַזוי פיל בלוט מיטאָמאָל!
ס׳האָט נאָך שלמה קיינמאָל אַזוי נישט גערעדט
צום איינגעקלאַמערטן של־ראש און של־יד:
— גאָט ברוך הוא, אַזאַ שווערער גלות
פאַרוואָס ?
עפן די ערד אונטער מיינע פיס,
נאָר לאָז דעם של־יד פון מיינע הענט נישט אַרויס.
ווי די זיידעס מיינע אין קדושה,
וויל איך אויך האָבן די זכיה!

ה.

פסח־ביינאַכט —
אַלע יידישע טירן טרויעריק פאַרהאַקט.
טאַטעס אָן ליכט, אָן בענטש־לייכטער.
די קנויטן אין דערשטיקטן פלאַטער,
רויכערן און ציטערן

מיט אימהדיקן טריפן.
ווילדע טומאה פון זעלנערישן רויב,
וואַרפט זיך אויפן כוס, אויפן יידישן לייב,
בלויז גאָט, קען די טעכטער דריי איצט היטן
זיי זאָלן פון אַזאַ טריפהנעם גלוסט נישט וויסן,
פסח־ביינאַכט אין ראש־חודש ניסן.

דער וואָרעמער בלענד פון שטומען סדר־חצות,
האָט אַפילו פאַר אליהו די טיר פאַרשפאַרט.
בלויז אַ קרייץ קען אַזאַ נאַכט קרייציקן;
די שוועל צו אַ סופר, צו אַ שלמהן — עפענען
און זיי לאַנג־אַזוי שלעפן איבער שטיינער אַרום
נאָך דער ווייסער שעה פון „שפוך חמתך אל־הגויים״.
אַן רייד, אונטערן געוויכט פון שטיוול,
ליגט שלמה האַלב־נאַקעט, האַלב אין קיטל.

פאַר אַ פסח אַזאַ איז אליהו הנביא צו מילד.
דער הייסער ווייך פון כוס רעדט ווילד:
— גולם מעכטיקער, באַוויז דיין פאַררוסטנעם קאָפּ!
— קום פון פראַגער בוידעם קיין ווין אַראָפּ
— מיט דער איינגעקנאָטענער גבורה פון ליים;
— טראָג אין זיך פון מהר״ל דעם שפרוך
— און שפאַן מיט גרויסע שפרייזן די שטאָט אַדורך;
— דרינג אַריין אינעם קרייץ פון „דריטן רייך״ —
— און צעפאַל!

די גאַנצע ווינער ערד — היינט,
וויינט.
גירוש־עסטרייך און גירוש־שלמה.
מיט עצבות אין די בערדישע געזיכטער,

ציט מען צום דאַנוי ענגער און געדיכטער,
אַן אַ סוף
ווי צום ים־סוף.
פון די הימלען וויל מען משהן אַרויסרופן
ר׳זאָל פונעם „דאַנוי״ די וואַסערן שפּאַלטן
און פּרעהס יאָגנדיקע רייטוואָגנס פאַרהאַלטן,
ווייל מ׳קען זיך אינעם גאַנג נישט געפינען.

שלמהס קול איז משוגע און רוי,
די הינטער אים וויינען אויך אַזוי.
אָבער וואָס ווייסט די ערד פון געוויין?
שטיקט מען עס אינעם אייגענעם אָטעם איין
און מ׳גייט אַזוי אין צעריסענע מחנות —
און מ׳גייט אַזוי אין צעריכענע משפחות —
מיט פאַרלאָשענע ווידוי
צו דער הייליקער עקדה.

ז.

שלמה איז נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געגאַנגען;
אין אַ וואַלד אַזוי נישט געשריגן.
ביז אין דער טיף פון טאָג און נאַכט
דורך אַלע קעלטן וואָס איז אין וואַנדערן פאַראַן,
גייט שלמה מיטן הויזגעזינד — בלינד,
פון דער ערד ציט אַ פינצטערער ווינט.

חודשדיק־ברייט רוקט זיך די לבנה אַרויס —
צום הימל שטאַרצן נישט קיין דעכער, קיין הויז.
אַראָפּגעלאָזטע יידישע העלדזער,
גייען קוימלעך ווי מידע געטריבענע קעלבער.

שטומע, טונקעלע קליידער,
פלאַטערן ווי שאַלן אויף ווייבער.
פאַלנדיקע בלעטער ווירבלען זייערע נעכט אַדורך
און שרעקן זייער וועג מיט האַרבסטיקן שאָרך.

שווער צו פאַרשטאַרבן;
צו ווערן אַ שפּענדל אויף די וואַסערן!
שלמה מיט שאַפּענער שרעק,
וויל ביזן סוף־וועלט אַוועק.
— לאָז מיך, גאָט
— איינגראָבן אין אייגענעם טראָט!

ביסט מער נישטאָ, היים-שטאָט

דיין יעדער שטיין, יעדע גאַס און טיר,
איז אין בלוט איצט אין מיר.
כ׳קלאַג אַצינד אויף דיינע פרומע מויערן;
אויף דיינע בתי־מדרשים, אויף דיינע קלויזן;
אויף די שבתים און אויף די סוחרישע וואָכן
מיט אירע קהלשע שמשים און גבאים;
מיט איר אלף־בית און חומשדיקע חדרים.
די טרעגער־שולעכלעך און די שניידער־שולעכלעך,
אַלע התלהבותדיקע חסידים־שטיבלעך;
יעדער זייד און אַטלאַסדיקער באַריר,
איז אין בלוט איצט — אין מיר!

כ׳טראַג אַרום אין זיך איצט יענע נאַכטיקע שרעק,
ווען אויסגעגאָסן אין ספירה האָט דיין ווײסליק
און פונעם שטראָם דאַן האָט זיך אַ ווינט אָפּגעריסן;
אַ ייִנגל פאַרשלעפּט, אים אין דער נאַכט פאַרבלאָזן,
ווײַל פּסול געוואָרן איז אויף אים דער טלית־קטן.
דיינע בריתן, די חתונות,
די כשרע לוויות —
דער ייִד ר׳ הערש יעקב מיטן שטעקן,
וואָס פלעגט סליחותדיק צו זכור־ברית וועקן
און פלעגט מיט זיינע מעשהס קינדער שרעקן,
טרויערט איצט אין מיר און קלאָגט
מיט פאַרבענקטן בריענדיקן בלוט!

ביסט מער נישטאָ, היים־שטאָט,
אַ שאָד, אַ שאָד!!!
ס׳וועלן יענע ייִדן דיר מער נישט זיין באַשערט, —
ייִדן וואָס פלעגן אויסוואַקסן ווי פון דר׳ערד
מיט צעטראָגענע כאַלאַטן און צעפלאָמטע בערד
אויף ווינטערדיקע יאַרידים צווישן פויערים און פערד,
וואָס האָבן שטענדיק געמיינט אַז זיי נאַרן אָפּ די ריישער ייִדן;
און זיינען אין די שטעטלעך דערנאָך זיך צעפאָרן צופרידן.

אַז דאָס אַלץ, שטעטלדיקע היים,
וועט אַמאָל ווערן קידוש־השם,
ווער האָט זיך גערעכנט אויף דעם?
דער מיידלישער שפּאַציר פאַרנאַכט צו געפּעלן
אָפּיצירן, סטודענטן און געזעלן
און פאַרפירן ראַנדעוואוס אויף שוועלן —
דער טרעגער ־יונג מיט ד׳ צעריסענע העמט
מיטן פאַרמעליקטן שטריק איבערן העמד,

וואָס פלעגט שעלטן דעם רייזנדער פון דער פרעמד —
די פלינקע, פייערדיקע קעשענע־גנבים,
וואָס פלעגן בדיל־דל שטעלן די פערד־סוחרים —
אָ, ריישע, אַפילו אַט די בושה,
איז פאַר מיר איצט קדושה!

גאָט, יענער אַטלאַס און זייד;
דעם טאַטנס שטאָלצע, ברייטע קייט;
די מאַמעס צירונג אויפן שבת־קלייד;
די באָבע וואָס האָט רק תחינה געזאָגט
און דורכן פענצטער אַ שטערן אויסגעקוקט,
ווער האָט געקענט אויסשעכטן אַזאַ בלוט,
היים־שטאָט?
אָ, צו שטאַרבן הייליק אַזוי ווי זיי
כשר אויף דער תליה,
איז פאַר אַ ייד אַ זכיה!

אַ בלעטל ווידוי

כ׳בין נישט ירמיהו!
כ׳בין דער קלויזניק ר׳ הערש יעקב סופר,
וואָס פלעגט פאַר אָרעמע כלות קלויבן נדבות
און זאָגן קדיש מיט יתומים אין קלויז.
כ׳בין דער לעצטער ייד מיט דער גרייזיקער באָרד;
איינער אַליין אויפן אויסגעוועפטן אַש פון מיין שטאָט.
נישט כ׳קלאָג איצט אויפן חורבן בית־המקדש;

נישט כ׳זאָג מיט יתומים־קינדער קדיש —
כ׳וויין איינער אַליין — אויף די פאַרברענטע יידן,
וואָס האָבן קוים מיט די אויגן „אחד“ געשריגן.
כ׳בין דער עדות
אויף דורות,
פון מתים גאַנצע קופּעס מיטאַמאָל;
אַן קבר ישראל —
אין מיינע רגעס און שעהן,
האָט מען אַזוינס געטאָן,
ווי איז מיר, ר׳ הערש יעקב!

כ׳בין נישט ישעיה!
כ׳בין בלויז ר׳ הערש יעקב,
וואָס שטייט אַן אויסגעדאַרטער, אַ באָרוועסער
און די ערד פונעם בלוט טריקנט.
אויפן גלאָגאָווער וועג צום גלאָגאָווער וואַלד,
האָט מען די צאן־קדושים אין שחיטה אויסגעלייגט.
אין גאַנג — אין גערייל און אין געדרענג,
האָט מען אויף געפאַלענע מאַמעס און קינדער,
ווי אויף גלייכע ערד און ליים, געטראָטן,
אָ, פאַרוואָס האָט מען מיך נישט געשאָכטן?
ווי איז מיר, ר׳ הערש יעקב!

כ׳בין נישט יחזקאל!
כ׳בין דער משניותדיקער ר׳ הערש יעקב־ייד.
אַלע בתי־מדרשים שטייען מיט אויסגעשטאָכענע שויבן;
יידישע נפשות הענגען נאָך מיט אָפענע אויגן —
די שטאָט איז אימהדיק, די שטאָט איז שטום,
אַ לעבעדיקער צווישן זיי דריי איך זיך אַרום
און וויין צו זיך, צו די פאַרוואַלגערטע מתים,
וואָס ליגן אין שניי אָן תכריכים, אָן קברים.

כ׳וויל זייער קדושה אַרבן;
כ׳וויל אויך אַזוי שטאַרבן!

נישט איוב,
ר׳ הערש יעקב קלאָגט אין מיר,
מיין געוויין דערהויב צו דיר!
בראַנדיק איז מיין לייב;
פאַרוויגט אין טויט איז מיין ווייב —
רק נאָר כ׳זע פאַרשטאַרטע יידן;
רק נאָר כ׳טרעט אויף פאַרלאָשענע יידן.
מ׳ליגט צעפאַלן ווי ציגל, ווי שטיינער;
אַ מענטש איז אַ הויפן ביינער.
דאָרט... אַן אָפּגעריסענע האַנט;
דאָ... אַ פאַרוואַלגערטער קאָפּ ביים וואַנט.
געשטאָרבן איז יעדעס הויז —
כ׳האָב ניט קיין יתומים אין קלויז,
וויי איז מיר, ר׳ הערש יעקב!

— איכה ישבה בדד העיר,
— וואָס איז יענער צער אין מיר?
— פאַרשיט נישט די געשטאָרבענע בערד;
— לאָז זיי אָפענע אויף דער אייביקער ערד.
— גאָט,
— האָסט יאָרצייטן געלאָזט
— פאַר אַלע דורות צו אַרבן,
— אַ ייד דאַרף מער נישט שטאַרבן!

ונתנה תוקף

דאָס איז געווען אין דײַנע טעג, אין מײַנע טעג;
אַמאָל אין די נעכט פון לבנהדיקן כל־נדרי,
אַמאָל אין די נעכט פון ויהי בחצי־הלילה
און אין סתם־נעכט, ווען ייִדיש בלוט האָט גערונען.
אַ האַקנקרייץ האָט ישראלס קינדער געקרייציקט.
דאָס איז געווען אין דײַן שטאָט, אין מײַן שטאָט;
צי זי האָט געהייסן ריישע, קראָקע צי לעמבערג,
צי זי האָט געהייסן קאָוונע, וואַרשע צי ווילנע,
זײַנען עס געווען די זעלבע טאַטעס, די זיידעס,
וואָס מ׳האָט פון מזרח, פון מערב געטריבן;
זײַנען עס געווען די זעלבע מאַמעס, די טעכטער,
וואָס מ׳האָט פון שטיבער פאַר זעלנער געקליבן.
אַלע, מיט פאַרחלשטע הענט, פאַרגלייזטע אויגן,
האָבן זיך מיט ווידוי בײַ די מויערן געשאַרט.
דאָס זײַנען געווען משוגענע ייִדישע געזיכטער —
דאָס זײַנען געווען געשענדטע כשרע טעכטער,
וואָס האָבן אַפילו שטאַרבן נישט געקענט.

אַ האַקנקרייץ האָט ישראלס קינדער געקרייציקט,
די געשאָכטענע קדושים איף חלב צעטרייבערט
און ווי קעלבער אויף שייטערדיקע פלאַמען געוואָרפן.
מאַמעס האָט מען אין די גאַסן אויסגעטאָן —
און די וואָס האָבן די רציחה זיך געשטעלט אַקעגן,
האָט מען אין וועלדער צווישן וועלף פאַרוואָגלט
און זיי די ערד געהייסן גראָבן — פאַר זיך, פאַר אַלע
צו שטאַרבן אין איר אָטעמדיק אַזוי,
אַז די ערד האָט לעבעדיק זיך גערירט איבער זיי.

נישט דו קענסט אויסשרייען אַזאַ קידוש־השם!
נאָר זיי — וואָס האָבן די לאַטע „יודע" געטראָגן,
נאָר זיי — וואָס מ'האָט פון צופיל תליות באַגראָבן
און האָבן בלויז דעם נאָמען שם געקענט דערזאָגן —
זיי קענען טויטערהייט אַפילו אויפהויבן זייער קול
און פון זייערע קברים אויסשרייען צו גאָט פון ישראל!
ווייל זיי זיינען דורכן ונתנה תוקפס טויט געגאַנגען:

ווער דורך הונגער, און ווער דורך געטאָס,
ווער דורך וואַסער, און ווער דורך שווערד,
ווער דורך שחיטה, און ווער דורך מגפה,
ווער דורך פייער, און ווער דורך תליות;

זיי זיינען אונדזערע ירמיהוס, יחזקאלס און ישעיהס,
ווייל זיי זיינען די קדושים פאַר מיר, פאַר דיר, גאָט!

נאָך טויזנט יאָר

נאָך טויזנט יאָר אויף גאָטס אייביקער ערד,
וועלן נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר נישט די שפראַך און נישט דאָס ליד —
פאַרבלייבן לזכרון וועלן בלויז אונדזערע קדושים.
און פעלקער און דורות וועלן פון פאַרמעט־כתב לייענען,
אַז אויפגעשטאַנען, אין תרצ"ד, זיינען חיהשע מענטשן;
געהייסן האָבן זיי היטלער, הימלער, גערינג און געבלס —
און אָנגעצונדן די וועלט האָבן זיי מיט שווערד און שוועבל
איבער אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער און אויף אַלע ימען.

אַ אַ איכהדיקע מגילה פון אונדזער גרויסן קידוש־השם:
אויף פוילנס ערד — האָבן זיי תּליות און געטאָס געשטעלט;
אויף רומעניעס ערד — יידן אויף שייטערס געוואָרפן;
אויף רוסלאַנדס ערד — מאַמעס און טעכטער געשענדט,
און אין דאַכאַו — די טאַטעס און די זין פאַרברענט.

אַזוי האָט מען געשאָכטן יידן אין וואַרשע, אין ווין;
אין קיעוו, אין ווילנע — און אין דייטשן בערלין.
עס האָבן בתּי־מדרשים מיט ספרי־תּורות געברענט,
אין זייערע פלאַמען — אונדזער ירושה פאַרלענדט.

געוויינט האָבן קינדער פאַרלוירענע און געשוואָלענע;
מיט יידישע לאַטעס און מיט שטאַרבנדיקע געזיכטער.
אויף קיינעמס ערד — אויף די וועגן פון דער וועלט,
און אויף שיפן אין מיטן ים — האָבן זיי גערופן גאָט!

פאַרשריבן וועט עס בלייבן נאָך טויזנט יאָר אַפילו,
אַז גרעסער פון ירמיהוס איכה, איז אונדזער מגילה,
ווייל ווי קעלבער האָט מען יידן אויף שטריק צעהאַנגען;
אויסגעטאָענע מאַמעס אויף תּליות אַרויפגעצויגן,

אָ, ס'איז נישט וואַרשע, נישט לאָדזש און נישט בראָד,
נאָר ס'געשאָכטענע בלוט פון אונדזערע היימישע יידן,
וואָס האָבן געהייסן אברהם, שלמה, משה צי זבולון.
ס'איז נישט אַמסטערדאַם, נישט פּראָג, נישט ברין,
נאָר אונדזערע כשרע טעכטער פון גאָט פון אברהם.
גאָט, דאָס שטומע געשריי זייערס נאָך רחמים צו דיר,
פאַרבליבן איז עס פאַרגלייזט אין זייערע טויטע אויגן.
און זייערע קינדער, גאָט, האָבן די קברים געגראָבן.

נאָך טויזנט יאָר אויף גאָטס אייביקער ערד,
ווען נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר נישט די שפּראַך און נישט דאָס ליד —
פאַרבלייבן וועט בלויז דער תנ״ך, די וועלט און גאָט,
און טרויעריקער פון אַלץ — אונדזער איצטיקע מגילה
נאָך טויזנט יאָר אפילו.

נישט איך — ער, שרייבט דאָס ליד!

ב״ה, ג׳ ויקהל, תש״ו,
פראַנקפורט אַם־מאַין —

טייערער... כ׳בין עלנט ווי אַ שטיין.
אַ דערשראָקן ייִנגל דריי איך זיך אַרום אַליין,
כ׳קען מיט די דייטשע מערדער נישט זיין.
פון אַלע כשרע משפחות מיינע,
פון אַלע שוועסטער־קינדער דיינע
פאַרבליבן בלויז בין איך — בעניע.
איך שרייב דיר אין אייבדיקן לשון־קודש
און פרעג ביי דיר אין איכהדיקן יידיש:
וואָס איז צו אונדז געטאָן געוואָרן,
ווען גאָט האָט אונדז פאַרלאָזן
אין טאָג פון זיין גרימצאָרן?

פראַנקפורט אַם־מאַין —
כ׳קען מיט די דייטשע מערדער נישט זיין!

כ׳האָב יידן באַגראָבן אין לובלין;
צווישן זיי — מיין גאָטזעליקן פאָטער זבולון;
אונדזער אַלטן פעטער שלמה פון ווין;
די מומע רעכטשע פון גאָרליץ,
און איר זון מאירן פון ראַפּשיץ.
ווי אַ געהאַנגענער וואָס רייסט זיך אָפּ אין ווינט,
אָפּגעריסן האָט מען מיך פון ווייב און קינד,
און איך לעב — אַז וויי און אַז ווינד!

פראַנקפורט אַם־מאַין —
כ׳קען מיט די דייטשע מערדער נישט זיין!

צי זאָל איך דיר שרייבן,
אַז ווי וואַסער האָט זיך אונדזער בלוט געגאָסן
און אַז די שחיטה פון די גאַסן אַפּצוואוואַשן,
האָט מען פייערלעשער אַרויסגערופן?
אָדער צי זאָל איך דיר שרייבן
ווי מ׳האָט קעפּלעך יידישע צעשמעטערט אין די מויערן;
פיר טויזנט אַזעלכע — אין צוויי „דייטשע שטונדן",
ווייל מ׳איז קאַרג געווען מיט געווער צו שיסן,
אַ זכות איז געווען אין די שלייפן אַ קויל צו קריגן!

פראַנקפורט אַם־מאַין —
כ׳קען מיט די דייטשע מערדער נישט זיין!

צי זאָל איך דיר שרייבן
ווי מ׳האָט קינדער אין דער לופט לעבעדיק געוואָרפן
און די, וואָס זיינען אין די קברים אַריינגעפאַלן,
האָט מען תיכף־ומיד מיט דער ערד אַזוי פאַרשאָטן...

און די, וואָס זיינען באַלד נישט געשטאָרבן,
האָט מען נאָך אַמאָל אין דער לופט געוואָרפן ?
מיט טויטן אַזעלכע האָט מען אונדז געשאָכטן.
טרויעריקער ווי דאָס שטאַרבן, איז מיר דאָס לעבן —
אַז בלינד זאָלן איצט מיינע אויגן ווערן!

פראַנקפורט אַם־מאַין —
כ׳קען מיט די דייטשע מערדער נישט זיין!

פון מיינע קינדער גייט מיר נאָך דאָס געוויין,
דאָס ווייב, וואָס מען האָט געוואָרפן אין פייער אַריין.
כ׳האָב דאָס אַלץ מיט די אייגענע אויגן געזען אַליין.
פון פראָסט זיינען פייגל געבליבן אין דער לופטן —
אין אַזאַ טאָג האָט מען נאַקעט געברענט און געבראָטן.
טויזנט נביאים אַפילו, וועלן מיך מער נישט קענען טרייסטן,
ווייל כ׳האָב די זכיה נישט געהאַט מיט זיי צו שטאַרבן !

. . . די אותיות פון כתב־יד וויינען.
אַ טלית טו־אָן די בריוו צו לייענען!
ער, איז פון פראַנקפורט דער ייד.
נישט איך — ער, שרייבט דאָס ליד!

מאַידאַנעק, גאָט !

מאַידאַנעק, גאָט, איז נישט קיין ליד.
ס׳איז שייטער — דער מזבח פונעם ייד,
וואָס מ׳האָט לעבעדיקערהייט פאַרגליט:

שאַרבנס פון נישט דערבערגנטע גופים —
שטומע אותיות פון אונדזערע קדושים.
אָ, געגאַנגען צו דער הייליקער עקדה
איז מיט שמע־ישׂראל אונדזער זיידע —
און טרויעריקער פון מגילת איכה
איז דער קידוש־השם פון אונדזער ליד.
ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד!

מאַידאַנעק, גאָט, איז דאָס גראָע, כשרע אַש
פון די שטילע באָבעס פון גאָט פון אברהם;
פון אונדזערע פשוטע וואַסער־טרעגערס;
פון אונדזערע קלוגע „אלף־בית״ קינדער
און געבוירענע „שיר המעלות״ עופּהלעך.
מאַידאַנעק — איז די ירושה פון דורות;
די לוחות פון משה רבינוס מדבר־טעג.
דאָס אַלץ — האָט מען פראָסט געשענדט.
דאָס אַלץ — האָט מען פראָסט פאַרלענדט
און געוואָרפן, ווי האַלץ פון די הענט,
אין בראַנד־אויוונס, אין קאַלך־אויוונס.
גאָט, טרעבלינקע, לובלין און מאַידאַנעק —
איז נישט „די שחיטה־שטאָט״ פון ביאַליק —
אַז ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד!

נישטאָ, גאָט, אַזוי פיל טויטן אין ונתנה־תוקף,
וויפיל עס האָט געטראָגן מיין פרומער זיידע.
ווען ער איז געגאַנגען אין טלית־תפילין
צו די אויוונס פון מאַידאַנעק און לובלין;
צו די קברים — טרעבלינקע־אָשוויענטשים
דורך טויזנט טויטן, אין טויזנט שטעט —
מיט אונדזערע קינדער אויף קידוש־השם.
דאָס האָט מען דיך און מיך געהאָנגען

מיט די פיס אַרויף — אויף שטאַנגען;
געוויגט האָבן מיר זיך הין־און־צוריק
אין מיטן שטאָט אויף אַ פּראָסטן שטריק —
ווי צו דער וועלט פאַר יענעם הייליקן ייד!

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן נאַקעט דעם ייד
פון באָרד, פּיאות, אַטלאַס און זייד,
און אים פאַרשרפעט לעבעדיקערהייט.

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן מיין טייערע באָבע
פון שטערנטיכל, פון די בענטש־ליכט,
און זי געשאָכטן, און זי פאַרבריט.

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן אונדזערע מאַמעס
פון צניעות, פון דער גאָלדענער קייט,
און זיי אונטער־געצונדן שטומערהייט.

מאַידאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן אונדזערע טעכטער —
די כשרע כלות פון די כשרע חופּות —
און זיי געשענדט, און זיי פאַרברענט...

מאַידאַנעק —

מ׳האָט אויסגעטאָן דאָס הייליקע „שיכל״
פון אונדזערע עופּהלעך און קינדער,
און זיי געבראָטן, ווי שאָף, ווי רינדער.

מאַידאַנעק —

אַז פאַרשאָלטן זאָל איצט ווערן דאָס ליד,
וואָס שרייבט איצט פון יענעם הייליקן ייד;
און פאַרשאָלטן זאָלן איצט ווערן מיינע הענט,
וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים נישט געברענט!



מיינעביידע זין:
משהן און אברהמען, געווידמעט

פֿאַרנאַכט

1949—47

אַ שאָד!!!

אַ ייד וויינט —
ר׳האָט נישט נאָך וואָס צו בענקען היינט.
אין טלית און תפילין אָנגעטאָן,
האָט זיך די קדושה אינעם אָנגעצונדן
פון אַ פאַרבליבענער שמ׳ע — בלויז,
וואָס מ׳האָט אים צוגעשיקט פון אַ חרובער קלויז
מיט אַ פלעק־בלוט אויף אַ יום־כיפורדיק אות:

על חטא —

האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר גאָט,
וואָס ר׳איז נישט פאַרבליבן דאָרט
אַ קדוש אויפן הייליקן אָרט,
אַ שאָד!

ווי אַ פאַרנאַכטיקער פלאַטער פון אַ טויב,
אַ בליאַסק געטאָן האָט אין אַן ערבדיקער שויב,
זיין אַמאָליקע פאַרבענקטע, חלבנע שטאָט,

ווען אויפן לוח געזונקען האָט די שקיעה ווי אַ ראָד
אין דער פרייטיקדיקער שעה, ווען מ'איז צעהיצט פון באָד
מיט שיר־השירים'דיקער התלהבות אויף דער באָרד:

לכבוד שבת —

עס פּראַוועט קיינער נישט קיין שלום־זכר, קיין ברית;
מ'לייענט נישט קיין קריאַת־שמע, קיין שיר־המעלות.
פון אַלע חדר־יינגלעך געבליבן אַליין איז די שטאָט,
אַ שאָד!

עס לאָזט דער ווינטער, פורימדיק ווערט די ערד.
אַ וואַרעמע פּאַרע שלאָגט פונעם שניי וואָס צערט;
אַ ריח פון בלויען בעז בריט אין יונגן בליט;
מילד ווערן די פענצטער און פסחדיק דער ייד;
ספרים אין ווינט לופטערן און מישלען זיך בלינד;
פלינק זיינען די וואָס רוימען דעם חמץ אויס געשווינד

חג המצות —

נישטאָ דער טרעגער וואָס זאָל דעם קויש־מצות טראָגן;
די חסידים וואָס זאָלן ביים שמירה־באַקן הל'ל זאָגן.
ווער וועט די חמץ־לעפל הילצערדיק ברענען ביים באָד,
אַז מען האָט אויסגעשאָכטן אַלע יונגען פון שטאָט?
אַ שאָד!

יינגליש העל גייען־אויף די טעג פון ספירה־ציילן,
גרין לויפן לאָנקעס אויף אין סאַמעטענע בייטן;
צווישן ווייץ און קאָרן בריען באָרוועסע מיידן —

מ׳חלומט בייניאַכט פון ל״ג בעומרדיקע שלאַכטן;
פון גלחס גאָרטן, פון הינט, פון ברעכן צווייגן;
אַז די זון פאַרגייט לאָזט מען זיך אין טויטן שווייגן
מיטן אָטעם איינגעהאַלטן איבער שטעכיקע פלויטן;

חג השבועות —

די שבועות־ביימער וועט איצט קיינער נישט רייסן;
די שטיבער, די העגגלייכטער מיט גרינס נישט פלעכטן.
אָ, יענע קאַשטאַן־בלעטער פון שטעטלדיקן נעכטן!
ווער האָט געהאַט אַ האַרץ אַזעלכעס צו שעכטן?
קען זיין אַז ס׳ווייגט נאָך אונדז שטיל די שטאָט.
אַ שאָד!

פון הימל אַ סליחותדיקע ראָסע פאַלט אויף דער וואָך,
הנשמה־לך והגוף־שלך.
פויערים האָבן פון וועלדער אויסגעהאַקט וועגענער סכך,
די שטערן זאָלן שיטערלעך גליען דורך אַ יידישן דאַך;
אַ געצעלט אַזאַ אינעם דרויסן פון אַ פוילישער נאַכט,
וואָס יידן האָבן געשטעלט און אַ ברכה געמאַכט;

לישב בסוכה —

ווער וועט איצט די זיבן אבותדיקע אושפיזין פאַרבעטן,
אַז ס׳פעלן דאָרט די טאַטעס, וואָס זאָלן די סוכה באַגלייטן?
ניין, מ׳וועט מער קיין גשם נישט בענטשן — גאָט פון צבאות,
ווייל אָן אונדז האָסטו איבערגעלאָזט די שטאָט, פאַרוואָס?
אַ שאָד!

אחד —
ווער זאָל אָפּהיטן די לוחותדיקע געבאָט,
אַז פון די ניגונדיקע שלש־רגלים;
אַז פון יענעם פלאַמיקן מעריב־ערבים,
געבליבן זיינען בלויז די „לָמה יאמרו הגויים״?
וואָס איז דאָרט — אנכי?
וואָס איז דאָרט — שויתי?
וואָס האָט גאָט איצט צו טאָן דאָרט,
אַז ס׳זיינען מער נישטאָ קיין יידן אין שטאָט?

אַ שאָד!

אַ ייד וויינט —
ר׳האָט נישט נאָך וואָס צו בענקען היינט.

ווען די זון פאַרגייט

עס ציט מיך, ניו־יאָרק צו דער איסט־סייד;
צום „אַמאָל״, וואָס איז יאָרן פון מיר אָפּגעשיידט;
צו די טעג וואָס כ׳האָב פאַרשאָלטן גרינערהייט —
וואָס נאָך איז פאַרבליבן פון דער שטעטלדיקער ווייט,
אַז נישט די בענקשאַפט צו דער איסט־סייד,
פאַרנאַכט —
ווען די זון פאַרגייט?

עס ציט מיך, ניו־יאָרק, צו די גאַסן: רידזש און פּיט;
צו די געזיכטער וואָס האָבן מיט היימישקייט געבליט,

ווי אין דער היים — דער מנחה־מעריבדיקער ייד;
ווי אין מאַרק — דער טאַטע אויפן יאַריד.
אַזאַ בענקשאַפט צו דער איסט־סייד,
פאַרנאַכט —
ווען די זון פאַרגייט.

צו יענע מאַדנע, ווילדע קולות;
צו דער חוצפה פון „פעדלערישע" קללות;
צו די כשרע יאַטקעס פון פיש און דרויבעס;
צום דאַנערשטיקן ריח פון כריין און עופות.
ציט מיך, ניו־יאָרק,
ווי צו דער שטעטלדיקער ווייט —
אַזאַ בענקשאַפט צו דער איסט־סייד,
פאַרנאַכט —
ווען די זון פאַרגייט.

ניו־יאָרק,
צו דיינע חול־המועדיקע שבתים;
צו די האַלב־וואָכעדיקע יום־טובים;
צו די „פושקאַרטס" פון יידישן יאַך,
וואָס ווייסן אַפילו נישט פון קיין וואָך —
ציט מיך צו דער אַמאָליקער איסט־סייד,
פאַרנאַכט —
ווען די זון פאַרגייט.

קען זיין אַז טרויעריק אַזוי בין איך איצט דערפאַר,
וואָס כ׳זיץ ווי אַמאָל איצט — אַ יינגלישער נאַר
אין דזשעקסאָן־פאַרק ביי די ברעגן אויף אַ שטיין
און בענק און שעלט — און רעד צו זיך אַליין.

ווי די וואַסערן אַקעגן דער שקיעה וואָס גליען,
שלאָגט אַמאָל אַ האַרץ וואָס וויל צוריק ציען
פון דער איסט־סייד צו דער שטעטלדיקער ווייט,
פאַרנאַכט —
ווען די זון פאַרגייט.

פרומער פאַרנאַכט

וואָס וויל אַ מענטש ווען ד׳ווערט פרום פאַרנאַכט,
ווען ר׳שטייט פאַרנאַרט און פאַרטראַכט
ביי אַ שקיעהדיקן פאַרגליווערטן טייך?
ר׳זאָל מיט אַ שיפל זעגלען אויפן וואַסער־פלאַך
מיטן תנ״ך;
מיט יעדן פון זייַן מין פון בראשיתדיקן באַשאַף —
און ווי די ימען ווערן שאַרלעך, אַוונטיק און שלאַף,
שווימען זאָל אַלץ סתם אַזוי
אונטער הימלדיקן גרוי
אין גשמדיקן שפּריי,
אין טל־ומטרדיקן טוי:

וואָס נאָך קען אַ מענטש וועלן פאַרנאַכט?

נח האָט די תיבה געבויט,
עס זאָלן זיך אָפּרוקן מענטשן און שטעט;
מ׳זאָל ביי קיינעם נישט דאַרפן בעטן קיין גנאָד —
פאַר דער שקיעה בלויז פאַרבלייבן זאָל אַ שויב,
דאָס איבריקע צעפאַלן זאָל ווי זאַמד און שטויב

און ווערן זאָל אַ נייער חומשדיקער אָנהייב:
קין זאָל מער נישט הרגענען זיין ברודער הבל,
וועט גאָט מער נישט דאַרפן ברענגען קיין מבול
און נח וועט מער נישט דאַרפן בויען קיין תיבה;
מ׳וועט יצחקן מער נישט דאַרפן פירן צו דער עקדה;
אָדם־זחוה וועלן מער נישט פאַרטריבן ווערן פון גן־עדן;
מענטשן וועלן זיך מיט דער ערד נישט דאַרפן שיידן:

זאָל עמיץ כאָטש מיטן פאַרנאַכט בלייבן!

בעטערי פאַרק

אַנדערש פאַרגייט די זון אין סאַוט־פערי.
אויפן וואַסער שווימט דער מערבדיקער גלי;
אין כוואַליעדיקן שוים וויקלט זיך דער פלאַם
ווי עס וואָלט זיך אָנגעצונדן דער ים —
און אַלץ פון אויבן שפיגלט זיך דאָ־אָפּ פאַרקערט;
קען זיין, אַז גאָט איז איצט אויך אויף דר׳ערד —
ווייל אין פאַרנאַכט ווערט דאָס וואַסער דער הימל;
די וואָלקנס אינווייניק — צעגייען גרין ווי שימל,
און אַלץ וואָס איז רוי ווערט דרימלדיקער בלוי,
איך ווער אויך אַזוי —

אַ מענטש שאַרט זיך מידלעך ביי די ברעגנדיקע קלעצער;
נישט ער קומט פון שטעט און נישט ער קומט פון מדבר —
ער וואַקסט פון טאָג־אַרויס און בלייבט ווי אַ מעשה איבער;
האַלב אין שאָטן און האַלב צעפלאַמט;

אַן אָפּגעשלאָגענער אויף אַ ציגלדיקער וואַנט
קעגן הימלדיקן בראַנד.
אַז מ׳האָט ייִנגלווייז געזען אַזאַ רויטן האָריזאָנט,
האָט מען עס געטייטשט — דער גיהנום ברענט!
אַלע ראַנדעוואוס ווערן איצט שווייַגנדיק ווי טוי,
איך ווער אויך אַזוי —

פאַראַן נאָך אַ שטיין אין ניו־יאָרק וואָס גרינט און בליט;
דאָס גראָז הייסט מאָך — וואָס וואַקסט און קילט.
זאָל זיך דאַכטן: ט׳איז אַ לאַנקע וואו ס׳פּיטערן זיך שאָף
און אַז „בעטערי־פּאַרק״ איז אויף אַ רגע געוואָרן אַ דאָרף —
חלום דיר אויס אַזאַ וואָר, אַזאַ חומשדיקן שלאָף:
אַז משה ביים וואַסער־שלאָגן האָט געזען גאָט,
ווערסטו זען, אַז אַ שטיין קען אַמאָל זיין שענער פון אַ שטאָט
און אַז צו ווערן וואָך פון אַזאַ חלום איז אַ שאָד.
אַ ים קאָכט און זידט מיט נעפּלדיקן גרוי,
איך ווער אויך אַזוי —

די שקיעה פונעם אויג צערינט
ווי וואַסער אינעם ווינט —
בלויז אַ וואָלקן ווי אַ האַלדזנקאָפּ פון אַ קעמל,
איז ווי אַ פראַגע־צייכן — געבליבן אויפן הימל,
און אַלע שיפן, וואָס דאַרפן איצט ווערן נאַכט,
ווערן איצט טרויעריק ווי שטעט פאַרנאַכט.
די לבנה איבער „בעטערי״ שטייגט מאַט און בלינד;
ציט סוף־חודשדיק — ווי אַ ציפּערבלאַט רונד
און צערט ביסלעכווייז איין אין טאָגיקער שעה,
איך וויל אויך אַזוי אונטערגיין דאָ.

ערב אָוונט

ערב אָוונט — אין שאַרלעכן האַרבסט;
טרויעריק ווי די פאַלנדיקע בלעטער פאַרשאַרט,
גייט ער אום מיט אַ פלאַטערדיק העמד.
עס צינדן זיך אָן זיינע אויגן, די הענט;
די שקיעה אויף זיין בלאָנדן קאָפּ ברענט
און ער רעדט צו זיך ווי אַ פיבערדיקער מענטש.
מיט אַ שלאָף געזיכט ציט ער צו מערב
און פלאַמט אויף ווי בראַנדז, ווי קופּער.
אומרואיק־ווילד וואַרפן זיך זיינע האָר,
ווען ס׳גיט פון אים אַ שפּאַר דאָס געזאַנג
פון פּרייריס, ריווערס, שטעט און שטאַטן;
פון אַמעריקעס וועסט, פון אַמעריקעס סאַוט —
און האַפּערדיק ווערט ער ווי לינקאָלנס געטיסבורג.

ערב האַרבסט ביים בעי — פאַרנאַכט,
ווערט ער בראַנד מיט דער שקיעה באַנאַנד;
אַלט־אַמעריקע זינגט פון אים אַרויס נאָכאַנאַנד
אין זיין גרינגן גאַנג — דאָס פּנים פלאַמט;
מיט אַ טאַרבע, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט.
ווי אַ פאַרבליבענער פונעם אַמאַליקן כנען,
ווי פון די צייטן פון מדבר און פון מן,
זעט ער אויס, ווען ר׳ווערט אַנגעצונדן פון דער זון —
און ווער ער איז ווייסט בלויז גאָט דערפון.

אין די נעכט שטילט ער זיך איין.
ר׳גייט אין די סאַלונען אַרום אַליין
און בלייבט דאָרט שיכור ווי געלעמט שטיין.
אַ באַזאָפּענער פון בראָמפן און פון ביר,

פאַלט אויף אים יעדעס איבעריק גלאָז שווער
און רק ער רעדט צו זיך פאַרטרונקענערהייט
מיט פאַרהאַקטע אויגן, דאָס מויל צעדרייט.

ווינטן פונעם וואַסער־בעי ציען,
פרויען ביי די ביר־ברעטער בריען —
און ער — מיט צעשנירטע שיך,
ווערט פון טרינקען פאַרנעפּלט גיך
און וואַקלט זיך שטיל
ווי אַן עלנטער מאַנסביל.
פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין אַ זייט,
שטייט ער ווי אַן אָפּגאָט אָפּגעשיידט
און שוויגט.

ווי אַלעמאָל

דאָרט וואו כ׳האָב דיך ניו־יאָרק, יאָרן נאָכאַנאַנד אויסגעמיטן;
אין יענע גאַסן דיינע, האָבן זיך די פאַרנאַכטן גאָר נישט געביטן.
אַלע זאַכן זיינען דאָרט ווי אַלעמאָל נאַריש געבליבן
און איך האָב וועגן זיי פאַרנאַרטע לידער געשריבן.
עס שטייען נאָך די מויערן גרוי ביים נאָרד־ריווער;
דער וועכטער פּרואווט נאָך די זעלבע אומעטיקע שלעסער;
אין די פענצטער — ווערן נאָך בלאַנד די קינדער,
ווען אויף זייערע געזיכטער גייט די שקיעה אונטער.
אַלץ איז זיך ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן —

אין שטעטל האָט מען נישט אויפגעהערט צו שעכטן!

גאַרנישט האָט זיך געביטן, נישט די באַרטנס, נישט די שיפֿן;
ווי אַלעמאָל לאָזן זיך אַנקערס אַראָפּ־אַרויף אינעם האַפֿן;
אַ ריח פֿון אַלערליי סחורות, ציט אויסלענדיש פֿון די דילן;
די וואַסערן מיט דער זון הערן זיך נישט־אויף צו שפּילן.
די זעלבע שטאַרקע טרעגער מיט די האַרטע־בלאָע העמדער
ביי פֿאַרטראַכטע, האַלב־אויסגעוועפּטע שוימיקע גלעזער,
זיצן אַלץ נאָך פֿאַר די סאַלונען אויף די ביר־פֿעסער
און שניצן שטיקלעך האָלץ מיט אַ לאַנגוויליק מעסער.
עס טליען ליולקעס אין זייערע צעפּאַדערטע הענט —

אין מאַידאַנעק האָבן יידישע שיכלעך געברענט!

יענע עוועניוס, אַמעריקע, האָבן זיך גאַרנישט געריַרט
און זיינען ווי דאָך, ווען מ׳האָט מיט סחורות הויזירט;
זיך פֿאַרשאָלטן איידער מ׳האָט אַנגעקלאַפּט אין אַ טיר;
אין שרעק געבלאַנדזשעט דורך די האַרלעמער הייזער,
עס זאָלן דיך נישט באַפֿאַלן אַ שטילעט פֿון אַ „גענגסטער״.
מ׳איז זיך נמאס געוואָרן פֿון אַרומגיין אַזוי כסדר.
מען טראָגט נאָך די זעלבע אַקסלדיקע פּעק פֿון מסחר;
„ס׳אַרבעט זיך נאָך אַרויף״ חיים מיטן סוחרישן מוח —

אין טרעבלינקע האָבן בערד געשוועבט אין רויך!

ווי אין יענע „גרינע״ האָפּערדיקע, ניו־יאָרקער יאָרן,
ווען מ׳איז אַן אַנגעצונדן יינגל געקומען צו פֿאָרן
און געשוואוירענע בריוו צו חברים אַהיים געשריבן;
זיי מקנא געווען, וואָס זיינען נאָך דאָרט פֿאַרבליבן —
אָ, ווי אין יענע היימישע פֿרישע טעג,
ווען אַ פֿעטער אין אַמעריקע איז געווען אַ פֿאַרמעג

און מ׳איז זיך צום סוף געבליבן פרעמד ביזן טויט,
זיינען די מענטשן און די גאַסן איצט נאָך ווי דעמאָלט;
ווי מ׳וואָלט זיי פאַרזען, ווי מ׳וואָלט זיי פאַרקוקט —

דאָרט... האָבן זעקס מיליאָן יידן ווידוי געזאָגט!

ווי שטענדיק ווערן נאָך אַלע קינדער טרויעריק פאַרנאַכט.
ס׳בלייבן מעשהס נאָך יעדן גרויסן מענטש וואָס שטאַרבט.
עס שטייען נאָך די מאָנומענטן איבערן שטאָט אויסגעהאַקט:
איינער — האָט פאַר אַמעריקע דאָס לאַנד אַנטדעקט;
איינער — איז אויפן סקווער געבליבן העלדיש מיטן שווערד;
איינער — איז סתם געבליבן פאַרשטיינערט אויף זיין פערד,
און אַנדערע האָבן אין בלוט נישט געלאָזט פלייצן די ערד.
קיינער האָט אַזעלכע מוראַדיקע זאַכן נישט אויסגעקלערט.
אַמעריקע „פאַרהערלעכט" וואָס איר געשיכטע „פאַרערט" —

אין אונדזער בלוט ווייקט די גאַנצע ערד!

וואָס וויל איך...

אַלץ וואָס כ׳וויל איז דעם פאַרנאַכט פון שטאָט;
די שקיעה פון צעצונדענעם, פאַרגייענדיקן ראָד;
דעם אומעטיקן גרוי פון די שטיינערנע מויערן;
דעם ראָזעווע פלאַטער וואָס טליעט אין די שויבן,
וואָס פאַרגיסט טרויעריק מיינע יידישע אויגן —
וואָס וויל איך דען?
צוזאַמען מיט דער גליענדיקער זון שטאַרבן.

אַלץ וואָס כ'וויל איז די פאַרשטומטקייט פון גאָסן;
אומגיין אַליין ווען די געוועלבער שטייען פאַרשלאָסן,
ווען די אויסלאַגן טונקלען — האַלב־פאַרלאָשן;
די ריגלען, די שלעסער שוויגן אויף די טירן;
אַ מאַטראָז און אַ מיידל ווילן זיך ביידע פאַרפירן —
וואָס וויל איך דען?
גיין וואו די אויגן וועלן מיך פירן.

אַלץ וואָס כ'וויל איז בלאָנקען אויף וועגן,
ווען דאָס געזיכט ווערט לײמיק נאָכן רעגן.
עס ציט מיך צו די קילע האַפנס פון האָדסאָן;
שעהן־לאַנג ביי די נאַרישע ברעגן צו זיצן
און הערן דורך נעפל פון ים דאָס שלאָגן —
וואָס וויל איך דען?
די שיפן זאָלן מיך איבער די וואַסערן טראָגן.

אַלץ וואָס כ'וויל איז פון גאַכט דעם שטומען הימל;
אַרומגיין איינער אַליין אין שיכורן דרימל:
די גאַס זאָל די הים זיין, אַ שוועל — דאָס געלעגער;
אַ פאַרקילטער שלאָף זאָל ציען דורך די קליידער.
אַזאַ ביטערער פאַרנאַכט זאָל מיר זיין באַשערט —
וואָס וויל איך דען?
אַ מבול זאָל פאַרשווענקען די פאַרשאָלטענע ערד.

אַלץ וואָס כ'וויל מען זאָל מיך לאָזן מיטן ווינט;
כ'זאָל ווי אַ בעטלער אַרומגיין אָפגעריסן און בלינד.
אָפגעפרעמדט זאָל איך ווערן פון די אומות־העולם;
כ'זאָל נישט דאַרפן גיין אויפן שייטער פאַרן צלם:
משה האָט די תורה אויפן באַרג סיני געגעבן —
וואָס וויל איך דען?
מען זאָל מיך לאָזן אין די לוחות גלויבן!

דאָרט...

דאָרט —
אין דער היים־שטאָט,
פאַרגייט נאָך די זון אויפן זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... וויל איך עס זאָל זיך מיר דאַכטן,
אַז כ׳בין נאָך ס׳בליענדיקע ייִנגל פון יענע פאַרנאַכטן,
ווען מ׳האָט איבער גערטנער זיך געלערנט האַלטן שלאַכטן;
צעשאָקלטע עפּל האָבן אין די קעשענעס גענומען זינקען,
אַזאַ ווילדן פאַרנאַכט וועל איך שטענדיק געדענקען;
אָנגערייצט דעם הונט האָט דער „אָגראָדניק" מיט אַ שטעקן,
און ווי פון אַ יאַטקע־קלאָץ די רויע, קעלבערנע פלעקן,
האָט דער הונט ס׳ייִנגלשע בלוט גיריק גענומען לעקן —
בלויז גאָט האָט געוואוסט פאַר וועמען מ׳דאַרף זיך שרעקן;
צי פאַרן מלמדס משפּטים׳דיקע שלעק,
צי פאַרן בייזן טאַטנס טויט־שרעק!
ווען דער שם־המפורש זאָל איצט מיטן ייִנגל אַוועק,
וואָלט נאָך אפשר צו די „צרות" גענומען אַן עק.

דאָרט —
אין פעלד הינטער דער שטאָט,
ציט נאָך מסתמא דער טייך צום זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... פאַרוואָס זאָל זיך מיר איצט נישט דאַכטן,
אַז כ׳גיי מיטן חדר אַרויס זיך באָדן אין די פאַרנאַכטן
און שווים „נאַזנאַק" צו דער לעמבערגער בריק —
און אויפן וועג, איבער די הויכע פעלדער אַהיים צוריק,
ווי איז געוועזן צו די קאָרן און צו די ווייצן־זאַנגען,

וואָס האָבן זיך ווייך און רייף געבויגן ווי שלאַנגען —
אַ קאָסע האָט פליקן אַזוי די קערנער נישט געקענט,
ווי מיר די זאַנגען, וואָס מ׳האָט אויפן פייער געברענט.
מ׳איז אַהיים אין בלויזן קאָפּ מיט אַן אָפּגעצויגן העמד
און מ׳איז אין שטוב אַריין פאַרווײנט און פאַרשעמט.

דאָרט —
אויפן רינג אין מיטן שטאָט,
שטייט נאָך „קאָשטשושקאָ" אַוודאי אויפן זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... קען זיך מיר איצט דאַכטן:
די מעקלערס, די סוחר׳ים ווערן טרויעריק אין די פאַרנאַכטן.
דער אומעטיקסטער פון אַלע בלייבט לייזערל בורשטין;
לייבוש, זיין זון, איז נישט אין אַלמיץ, נישט אין ווין;
חדשים ווי מ׳ווייסט נישט וואו ר׳איז געקומען אַהין.
דער תכלית זיינען די גראָע וואָרקנדיקע טויבן,
וואָס זעצן זיך נעכטיקן אויפן מאַגיסטראַט אויבן —
דער תכלית זיינען די רעדלעך קאָכעדיקע־יידן,
וואָס קהלן זיך פאַרן קלויז וועגן קריג און פרידן.
אָ, ווער וועט עס מיר איצט די נאַרישע רייד גלויבן,
אַז ס׳פלאַטערט דער וואָכעדיקער מעריב דאָרט אין די שויבן?

דאָרט —
אין דער האַנדלס שטאָט,
שטייט נאָך ברייט דער וואָקזאַל אויפן זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... מעג זיך כ׳יר נאָך אַלץ דאַכטן:
כ׳זע די אָפּגעריסענע טרעגער־יונגען אין די פאַרנאַכטן
זיך אַרומשלאָגן איבער אַ רייזנדער עפּעס אַ פאַרדאַרטן
און רק זיי שעלטן אים ביטער אין טאַטנס־טאַטן:
כאַטש שטעל זיך אַוועק סתם אַזוי אין דער וועלט

אויסטיילן יעדן טרגער־יונג אַ פּעטן „טרינק־געלט“.
אויב אַזוי... פאַרוואָס זאָל זיך מיר נישט אויסווייזן,
אַז דער באַנהויף איז שוואַרץ מיט יידן וואָס ווילן רייזן,
וואָס ווערן צעמישט פון נישט וויסן וואו איבערצושטייגן —
און דווקא יענע וואָס טראָגן די קליידער בטליניש־צעדרייט,
וואָס בלויז נאָר אַ קוק צו טאָן אויף זיי, איז אַ מיטלייד —
קענען זיך אויפן „קורס“ פון ציגער, שטילערהייט.

דאָרט —
אויף דער שרייענדיקער טאַרגאָוויצער שטאָט,
שטעלן זיך נאָך אָפּ די דאָרפס־וועגענער אויפן זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... זאָל זיך מיר דאַכטן:
ס׳שטייען די פערד אויסגעשפּאַנט אין די פאַרנאַכטן
און זינקען די קעפּ אינעם האָבער דעם פאַרשטאַרטן —
נישט איין פּויער האָט דער יאַריד געלאָזט אַן אָפּגענאַרטן:
ס׳איז אים ווי מיטאַמאָל געוואָרן ענג,
ווען מ׳האָט אים דעם „טייסטער“ אויסגעשניטן אין געדרענג:
אַז „ר׳פעלט“ — האָט ער זיך ערשט געכאַפּט אין שענק
און זיך מיט די פּויסטן צעשריגן שיכור און בלינד;
ר׳איז פון בראָמפן לויז געוואָרן ווי אַ געהאָנגענער אין ווינט
און איז אויפן שענקער אַרויפגעפאַלן — אַ וויינענדיק קינד.
דער ייד האָט אים דעם ביטערן טראָפּן געשענקט
און פאַרשריבן מיט קרייד, וואָס אים קומט.

דאָרט —
אין דער אויסגעשטערנטער שטאָט,
רוקט זיך די לבנה אַרויס פון זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... זאָל זיך מיר חלומען און דאַכטן:
דער שפּאַציר פלאָמט אין די שבת־צו־נאַכטן.

אין „זשידאָווסקי" גאָרטן זיצן הבדלהדיקע כאַלאַטן
און רעדן ברמיזה וועגן מעניני דיומא
און ווי דער דרך, גייט מען איבער צו חיונה.
שווער ווערן די רייד צו דער פולער־וואָך
און מען ווערט ווי פון זיך טרויעריק דערנאָך.
ווי אַ סאַמעט־מעשהלע אויף אַ פּרוכתדיקן ארון,
שטעכן דורך די געדיכטע צווייגן־דורך די שטערן.
אויסגעזעצט אויף בענק, אין טריבקייט פון לאַמטערן,
זינקען זילבערנע בערד אין שוויגן און אין הערן.
פון דער יונגער לבנה מחדשדיק וועט דער חצות ווערן —
זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז כ'צייל איצט דאָרט די שטערן.

דאָרט —
אויפן בית־הקברות הינטער דער שטאָט,
וואַקסן נאָך די ביטערע קאַרשן אויפן זעלבן אָרט.

אויב אַזוי... זאָל זיך מיר כאָטש דאַכטן:
מ'ציט אויף קבר־אָבות אין די תשעה־באבדיקע פאַרנאַכטן
מיט הייפטלעך קנאָבל אויפן בית־עולם וואַרפן.
די זון און דער שטויב פאַרשטעכט די אויגן, די בערד,
ביי די באָרוועסע יונגען בריען די פיס פון דער ערד,
אַ קילקייט יאָגט בלויז פון די מצבות, פון די קברים —
זאָלן עס זיין די מתים, וואָס שרעקן די יינגלעך אין די חדרים,
ווען מען גייט ביינאַכט דורך די ווינטערדיקע בתי־מדרשים?
זאָל זיין אַזוי... וואָס אַנדערש איז געבליבן פון דער שטאָט,
אַז נישט דאָס הייליקע אָרט?

אַז כ'בין נאָך דאָס יינגל פון יענע פאַרנאַכטן,
מעג זיך מיר כאָטש נאָך אויף אַזוי פיל דאַכטן!...

אויף סקווערן

אַ וועלט האָט ימען, גרענעצן, שטעט און לענדער —
און אויף סקווערן אין ניו־יאָרק, איז יעדער אַ פרעמדער.
נישט פון יענע מעשהס פון דחקות און קינדער
דערציילט יעדער פאַר זיך דאָ עפּעס באַזונדער,
נאָר פון זאַכן וואָס שטוינען איבער יעדן וואונדער.
אויף בענק זיצן זיי שעהן פאַרזונקען אין גאַזעטן
און עס כאַפּט דיך אַ מורא אָן צו זיי צו רעדן.
זעסט זיי נישט הונגערן און זעסט זיי נישט עסן;
אָפּגעלאָזענע גייען זיי אַרום, ווי פון גאָט פאַרגעסן.

געקומען זיינען זיי ווי פון די פאַרלוירענע שבטים אַהער;
ווי פאַרריסענע מאָנומענטן פון אויסגעהאַקטן קופּער —
און רק זיי רעדן צו רעדלעך מענטשן אויפן סקווער.
זיי הערן נישט אויף צו בענטשן, הערן נישט אויף צו שעלטן;
מיט פּסוקים פון דער „ביבל" משלען זיי אויס נייע וועלטן
און צאָרנען — און האַלטן אין איין שטראָפן,
און זיינען גרייט פון אַ שווימענדיק ברעט זיך צו וואַרפן.
מאָדנע זיינען די דאָזיקע מענטשן, זייערע רייד בלינד —
די וואָס זיינען פרום, זאָגן: ניו־יאָרק איז זינד!

דער הימל פאַר זיי האָט אויף אַזוי פיל אַ ווערט,
אַזוי לאַנג ווי די זון וואַרעמט זיי אויף דר'ערד.
ווערט אָבער נאַכט, די סליחותדיקע קעלט רוקט אָן
און זיי, אָן שטיבער, האָבן זיך נישט וואו אַהין צו טאָן,
זעט מען זיי אין די רייען שטייען נאָך אַ שיסל זופּ;
אין פאַרציטערטן שלאָף זיך לאָזן צום ברוק אַראָפּ.
זיי ווערן ווי ליים לויז, וויך פאַלן־איין זייערע בייכער;
אַ ריח פון זויערן שוים בלאָזט פון זייערע מיילער.

ווען דיביימער ווערן נאָוועמבערדיק און אויסגעצערט;
די בלעטער שאַרן זיך געדיכט און טרוקן אויף דר׳ערד —
ווערן אויף זייערע געזיכטער פאַרשטייפט די בערד;
די קליידער אויסגעוואַלגערט און פאַרשלאָפן פון אַ ברעט
און מען קוקט האַרבסטיק און שטום אַריין אין די טעג.
צום גרעטעניש פון מיסט הייבט זיך אָן דער מילך־וועג:
אַ ברענענדיקן אָפּפאַל קלויבט מען אויף — צו פאַרפלאַמען
און מען שטעלט די תשרדיקע הענט אויס צו דערוואַרימען.
מיט פאַרדישעטע אויגן אויף פאַרסמאַליעטע קאַנען,
שווייגן זיי באַזונדער, שווייגן זיי צוזאַמען.

אויף פּיטקין...

אויף יענער בראָנזווילישער גאַס פון געדיכטע, גליענדיקע שילדן,
וואָס הערן זיך נישט אויף צו צינדן, הערן זיך נישט אויף צו לעשן,
גיט נאָך יאָרן אַזוי פיל — נאָך אַ שלאָג דאָס ברייטע יידישע לשון.
ווי דו וואָלסט פון שיף איצט אַראָפּ, ווי אין דעמאָלטיקן חלום,
שמעקן די שפּאַרנדיקע קראָמען מיט הערינג און מיט בשמים.
אַ ריח פון עסיק און אוגערקעס שטעכט זויער די אויגן;
פאַרשמעלצטע כאַלאַטן שטייען סוחריש פאַר די שויבן
און וואַרטן גראַשנדיק אויף קונים מיט פאַרזאָרגטע אויגן.

ווי אין אַמאָליקן אָרטשאַרד־סטריט,
איז די גאַס דאָ דער „בחצי־חנם“, איצט.
אינעם אָוונט־ליכט, וואָס צאַפּלט ראָוז און גרין
איבער דער ציענדיקער לענג פון פּיטקין,
דרייען זיך דערוואַקסענע אַרום שלינג און שלאַנג;

צו הערן זיי רעדן ווערט דיר עפעס טרויעריק־באַנג,
וואָס פון שטעטלדיקן ייִד געבליבן איז בלויז אַ קלאַנג.
ס׳טרעפט — מ׳שעלט נאָך דאָ קאַלאַמבוסעס מדינה;
אַ „לאַנדסמאַן" פרעגט זיך אַמאָל נאָך אויף אַ גרינעם,
און מען קהלט זיך אויף די ראָגן, ווי אין יענע יאָרן;
מ׳איז אַפילו אויף אַמעריקע פאַרביטערט מיט יענעם צאָרן!
מסתמא האָט זיי גאָט פאַרזען, זיינען זיי דאָ פאַרפאַלן געוואָרן.

ווי אַמאָל אויף דער איסט־סאַיד — חמשה־עשר בשבט;
פון די אויגן געטריפט האָט די קעלט ביים „פושקאַרט",
ווען פון „פאָנאָגראַף" אַ חזן, האָט אַן עולם געהאַלטן פאַרגאַפט
און רק מ׳האָט זיך איבער אַ תפילהדיקן „זאָג" געשפּאַרט —
איז חזנות נאָך אַלץ אַן אבן־טוב פאַרן ייִד אויף פּיטקין;
ער רעדט נאָך התלהבותדיק פון אַ הערשמאַן, פון אַ קוואַרטין.
אַפילו דזשאַלסאָנס אַמאַליקע „מעמי־ליד",
צינדט נאָך נעגעריש די יוגנט־אַן איצט.
עס פעלט בלויז דאָס ייִנגל פון חלום און וואָר,
וואָס האָט אַ האַרץ געטראָגן אויפן „לאַנדסמאַנדיקן" חבר
וואָס איז אים פלוצים מיטאַמאָל פרעמד געוואָרן גאָר.

גיב אים צוריק, גאָט, די שיף און דעם ימיקן וועג;
דאָס שווערע האַרץ פון יענע ערשטע ביטערע טעג;
מ׳זאָל אים אויפסניי דורך ניו־יאָרק פירן בלינד;
ר׳זאָל שטענדיק „גרין" זיין, בלאָנדזשען ווי אַ קינד.

פ י ר מ י ך

פיר מיך צוריק גאָט
צום ערשטן, אומבאַהאָלפענעם וואָרט,
ווען כ׳האָב געגלויבט אין אַ ליד
ווי אין אַ הייליקן ייד
און געמיינט, אַז מען מוז לעבן דערמיט,
אַז מען דאַרף שטאַרבן דערמיט.

פיר מיך צוריק גאָט
צו יענע נעכט פון דער גרויסער שטאָט;
צו די שטילע קאַפעען, צו יענעם ווינקלדיקן אָרט,
ווען כ׳האָב אויף סערוועטלעך געשריבן מיט פאַרכט
און געגלויבט אין יעדנס וואָרט —
צו יענע ערשטע יאָרן פון ניו־יאָרקער ריח;
צו די באָרטנס פון פאַרבענקטן רויך,
וואָס האָבן נעפלדיק געזעצט אין דער הויך.

פיר מיך צוריק
צו יענע יינגלשע טעג.
כ׳וויל איצט ווי דעמאָלט זיין טרויעריק;
נישט וויסן פון מענטש צו מענטש דעם חילוק.
כ׳וויל צוריק יענע גרינע, פאַרשעמטע פרעמד,
ווען דאָס בלוט אין מיר האָט פרום געברענט
צו אַלע זאַכן וואָס זיינען געוועזן עלנט:
צום בלינדן בעטלער וואָס איז קלוג,
וואָס טאַפּט מיטן שטעקן אויפן ברוק;
צו די, וואָס שטייען טריב און באַזאָפן,
מיט שיכרות די געזיכטער פאַרלאָפן —

מאַך מיך צוריק פאַר יענעם נאַר.
כ׳וויל אויפסניי אַלץ באַוואונדערן מיט יענעמס צער;
מיר איז אומעטיק — גאָט,
פון איצטיקן וואָרט.

אויב כ׳וועל דיך בענטשן

. . . אויב כ׳וועל דיך ניו־יאָרק, אַמאָל בענטשן,
וועלן עס נישט זיין די גאַסן, נישט די מענטשן —
וועט עס זיין דאָס „הויז" אויף דילענסי סטריט,
וואָס גייט מיר ווי אין זכרון נאָך יעדן טריט.
אָ, ווי קען איך גאָר יענע שטוב פאַרגעסן;
די טיר וואָס האָט די „גרינע" מאַמע געהאַלטן פאַרשלאָסן,
ווען זי האָט טעג־נאָכאַנאַנד מיט טרערן ביטער געגאָסן;
נישט די שכנים און נישט די גאַס זאָל דערפון וויסן.
פון חרטה אויפן לאַנד האָט זי ביי די האָר זיך געריסן
און רק אויפן „ענגליש" שטילערהייט געוועט פאַרביסן.
ווי קען איך גאָר אַזעלכע טעג פאַרגעסן!

נישט פון פרייטיק־צו־נאַכטס די בענטש־ליכט,
נאָר די אויגן פון דער מאַמען האָבן געטריפט,
ווען זי האָט אין זיך דעם ערשטן שבת געשטיקט.
פרעמד אין די קליידער און פרעמד אין געזיכט,
אויסגעזען האָט דער טאַטע ווי עפּעס אַ אַנדערער ייד;
די באָרד אויף זיין פּנים האָט מער נישט געבליט.
איר גאַנצן טרויעריקן שבת פון „גוט־און־פרום",

האָט די מאַמע אַריינגעווייִנט אין גאָט פון אברהם.
ווי נאָר אַ שטערן האָט אין שויב זיך באַוויזן,
האָבן וואָלקנס ווי פון אַ פייער זיך אָנגעקליבן —
און די מאַמע איז מיטן שבת אַליין געבליבן.

אַז ס׳וועט זיך מיר, ניו־יאָרק, פאַרבענקען נאָך דיר סתם,
וועט עס נישט זיין דו, נישט די שטאָט, נישט דער ים;
נישט פונעם פישער־בעי׳ דער שקיעהדיקער פלאַם
און אַוודאי נישט די, פון „געקליגלטן" גראַם —
נאָך טאַטע־מאַמע וואָס ליגן אין אַ לאָנג־איילענדער העק,
וואָס צו קומען אַהין איז אַפילו פאַר אַ קברן אַ שרעק —
נאָך יענע פאַר איילן־ערד וועל איך שטענדיק בענקען;
אין יענע פעלדער וועל איך, ווי זיי, אויך אַמאָל זינקען,
נאָר מיך וועט אַ קינד אַזוי קיינמאָל נישט געדענקען.

אַ קאַפּריז פון אַ ליד

כ׳קום נישט צו דיר ווי אַ דיכטער מיט צעבלאָזענע האָר —
אַ יונג אַ פּראָסטער פון דער הוילער וואָכעדיקער וואָר,
קום איך צו דיר — ווי אַ דערוואָקסענער ייִד,
וואָס שרייבט אַמאָל אין שפּאָס אַזאַ ליד,
ווייל נאַרישע פּאָעטן האָבן עס פיינט, האָבן עס ליב —
און איך בין ביידע:
דער נאָר און דאָס ליד.

נישטאָ די ספרים און נישט די ביכער,
וואָס זאָלן דיך לערנען זען מענטשן און ווערטער.

דאַרפסט זיך אַליין זיין פון גאָט אַ באַשערטער;
אַרומגיין מעת־לעתן אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשטיקטער
מיט קאַווע און פּאַפּיראָסן אין זיך פאַרשיכורט —
און אַמאָל זיין ביידע:
פאַרשיכורט און פאַרביטערט.

קינדער מיטן פאַרנאַכט שפּילן זיך ווי מיט זיך אַליין:
איינס וויל ווי די זון פלאַמען, אַ צווייט וויל אונטערגיין.
די קינדערישע זאַכן: די וועגעלעך, ליאַלקעס און די וויגן,
זיינען שלעפעריק געוואָרן און געבליבן אין גאַס ליגן,
און שווער איז צו וויסן, ווער פון וועמען חלומט אַצינד —
און איך בין ביידע:
דער חלום און דאָס קינד.

אויף די גאַסן אָפּגעפרעמדט, פון לוסט און חברים וויט;
נישט מען ווייסט ווער ער איז און נישט ווי ער הייסט,
גייט ער מיט גייגעריקע בליקן אַרום — פאַרטראַכטערהייט
און פּלאַפּלט אין דער נאַכט אַריין פינצטערע רייד.
פון די האַרבסטיקע דעכער ציט אַ ראַסעדיקער בלוי
און איך ווער ביידע:
אָפּגעפרעמדט און גרוי.

ווי ס׳וואָלט אים ווער אַנגענומען און געפירט צו גאָט,
האָט ער זיך אַ יינגל פרום אַמאָל אין דער וועלט געלאָזט.
אין גרויסע שטעט האָט ער טרויעריק אין אַלייען שפּאַצירט;
ביינאַכט נאָך בריוו געבענקט, בייטאָג איבער הייזער הויזירט;
אויף וואָקזאַלן און אויף יענעמס בוידעמער זיך געוואַלגערט
און אָנגעהויבן פילן די פרעמד פון דער ביטערער ערד —
כ׳בין נאָך אַלץ ביידע:
פאַרוואָגלט און פאַרווערט.

גרויס דיך מיט שעקספּיר, מיט האָמער צי אָפילו מיט טאַגאָר;
קוויק זיך מיט שעלי, מיט קיטס, פּושקין און עדגאַר־עלען פּאָו,
און רק נאָר זאָג: — זיי זיינען וואונדערלעך אַזוי;
וועל איך זיך קיינמאָל נישט פאַרשעלטן מיט יענעם דיכטערישן טוי.
פאַר מיר איז גענוג די פּאַרוויינטע עברי פון דער צאינה־וראינה,
וואו דער „בחיי" האָט געטייטשט און געקלאָגט האָט די מאַמע —
כ'וויל דעם נס פון ביידע:
די באָבע און די תחינה.

אויף דער וואָר

יחזקאלען און ישראלען

ביסט אַרויס יינגל אַ דערוואַקפּענער מיטן חומש אין דער האַנט;
מיט ל"ג־בעומרדיקן קוסט — איינגעמען דאָס לאַנד!
גייסט נישט מער אין חלום, נישט דורך יענעם זאַמד,
ווי ר' שלום מלמד ביים פאַרצויגענעם ו א נ י,
ווען ר'האָט דיך געפירט אין פרשת ויחי
אויפן וועג פון כנען
דורך דער טרויעריקער מעשה פון פדן,
ווען די מוטער רחל איז פלוצים געשטאָרבן דאָן
און איז באַגראָבן געוואָרן אין בית־לחם
און איז פאַרן רבין אַזוי פאַרבליבן עד־היום.

אַמאָל... אין די לאַנגע זומערדיקע פאַרנאַכטן.
ביסטו יינגל מיט שטאָבעס אַרויס האַלטן שלאַכטן.
דאָס פּנים דיינס האָט פון דער שקיעה תמוזדיק געגליט
און די ערד אונטער די באָרוועסע פּיס דיינע האָט געבריט,

ווי ביי די יונגען אין ירושלים דאָרט, אין תל־אביב איצט.
מיטן של־יד ביים האָרץ, דעם של־ראש אויפן געדיכטן קאָפּ־האָר,
ביסטו יינגל אין הייליקן פייער אַרויס אויף דער וואָר.
אין די הענט טראָגסטו דעם זיידנס שבועה פון צוויי טויזנט יאָר,
וואָס האָסט מיטגענומען פון חדר
און פון טאַטנס פסחדיקן סדר.
האָסט געעפנט די מוראדיקע טיר פון שפוך חמתך
און צום אָבותדיקן לאַנד געזאָגט: כ׳בין ווידער דאָ.
ביסט אין צאָרן איצט אַרויס פון יענעם יינגלישן חלום
פאַר אונדזער שפיכות־דמים, פאַר זייערע בייזע בלבולים!

דו קענסט זיי די חלוצימדיקע יונגען, די שטאָלצע יידישע מיידן,
וואָס רייסן זיך איצט פון יהודהס זאַמדן, ווי בראַנדזענע לייבן.
האָסט זיי געזען אין די שטעטלעך מיט טאַטע־מאַמע זיך שיידן;
אויף פוילנס ווייכסלדיקע וואַסערן די הויכע שטראָמען שניידן.
אין די סדרות האָבן זיי זיך געלערנט שפּאַלטן דעם ירדן;
אויסשטיין דעם בראַנד פון דורשט, פון דער זון די שריפה;
פישער־נעצן און אַנקערס פאַרוואָרפן אין די באָרטנס פון חיפה.

ביסט נישט מער גלות, נישט פוילן, נישט גירוש־שפּאַניע.
אַ העלער מאַטראָזן־יונג, ווי זיי פון גרויס בריטאַניע,
קלעטערסטו אויף די מאַסטן מיט אַן אויפגעבלאָזן העמד.
נישקשה, אַז מ׳דאַרף האָסטו שטאַרקע האַריקע הענט
זיך צו לערנען אויף וואָלקנס, שטורעמס און רעגנס
און בענקען ווי זיי, אויף די שיפן הינטער וועגנס.
פון היינט אָן,
ביסטו יינגל אויך אַ פּאַן.
זבולון לחוף ימען,
פירן שיפן דאַרף אַ ייד אויך קענען!

צי דו ביסט ציונס, צי ישראלס מדינה,
וואָס איז די נפקא־מינה ?
אַבי ס׳האָט דיך אויסגעהלומט די פּאַרווייַנטע ציינה־וראינה;
די מאַמע ביי די פּערלדיקע בענטש־ליכט, ביי דער תחינה;
דאָס מה־נשתנה ייִנגל פון עבדים־היינו,
וואָס האָט נאָכן טאַטנס תירוץ אין ווייַן אייַנגעדרימלט
און שלעפעריק פון דער הגדה קוים נאָכגעשטאַמלט
חד־גדיאָ
חד־גדיאָ :
איז געקומען גאָט און געשאָכטן דעם מלאך־המות...
ביים ייִנגל איז דאָס קיינמאָל נישט געווען קיין קאַטאָוועס,
נאָר אויף דער וואָר —

נאָך צוויי טויזנט יאָר !

חשון, תש״ט

אַלגעמיינער אינהאַלט

ברוכוואַרג

1936—29

זייט

בעטהאָווען-ביוסט — 9
אינעם באָרטן — 11
מאַטראָזן — 12
מיין גאַס — שיפּסהעד בעי — 13
באַן-גנבֿים — 15
גראָטעסק — 16
ערד — 17
האַפֿנס — 19
באַנען — 19
פֿישערס — 21
שטרעקעס — 22
שיפּסהעד-בעי — 23
האַפֿן-מיידלעך — 24

*

נאָנעס א. — 25
„ ב. — 26
„ ג. — 27
פֿאַרמשפּטע — 28
הענקערס — 29
אַפּאָסטאָלן — 30
האַקנקרייץ — 31
תּליות — 32
יידן — 32
אויפֿן צווינטער — 34
גרשון קאָם — 35

*

מלכּה — 36
מיין ערשט יינגעלע — 37
ס'הונגערט — 38
האָלדיק — 39
מיין צווייט יינגעלע — 40

זייט

מיין מאַמע חיהטשע — 41
מומע ראַצעלע — 42
בעטלען — 43
אַ בריוול — 43
אונדזער באָבע חנהלע — 44
אַ שלאָף קינד — 47

*

נעגעריש דאָרף — 48
ניגראָ דזשאָדזש — 50
לאָנדרי — 52
האַרלעמער נעגערס — 54
ניגראָס לעצטע טעג — 55
לינטשינג — 56

*

יונגען פֿון דער וואָליע — 58
שחיטה — 59
יאַטקעס — 60
הינט — 61
ראָטיש דער וואָליע יונג — 62
שעכטהויז — 63
אַ ממזר פֿון דער וואָליע — 64
די וואָליע — 65
שעפּסן אין ניו-יאָרק — 66

*

אַ לוויה — 68
מענדזשן סטריט — 69
מענטשן וואָס רעדן צו זיך — 70
טשיינע-טאַון — 71
קוילנבּרוך — 72
לומפּן — 73
דיוויזשאָן סטריט — 74
שפּיטאָל — 75
I AM BLIND — 76

זייט

ברוכוואַרג — 76
גאַסן-שפּילער — 78
וואַגאַבונדן — 78
ניו-יאָרק — 79

בעטהאָווען

1938—36

בעטהאָווען — 85

*

קאַמער-מוזיק — 130
בראַמס — 131
טשייקאָווסקי — 132
סיבעליוס — 133
צעזאַר פראַנק — 134
דוואָראַק — 135
אַ מענטש פון אַ דור — 137

גלות און וואַגל

1940—38

גלות און וואַגל — 141
גירוש — 153
אַ שטעקן — 155
אַ מת אַזאַ — 156
לוח: נײַנצן הונדערט פערצן — 157

ביים באָרטן פון ים

1943—40

אויף דײַן ערד, אַמעריקע — 165
דאָס געזאַנג פון יהודה — 167
דער נביא פון שטאָט — 171
אונטער בריקן — 172
אויף שניי — 173
דער טאַטע יאַנקל, ע"ה — 175
אַלטוואַרג — 177
נעגעריש — 179
אַ נעגער שטאַרבט — 183

זייט

שאָף און רינדער — 184
פעלן — 185
אַמעריקעס וואַסערן — 186
אָפּגייענדיקע שיפן — 188
ביים בעי — 189
שיכורע פישערס — 191
אַ האַפן-וועכטער — 192
ביים נאָרד-ריווער, הײַנט — 193
אַמעריקע, איצט — 195

מאַידאַנעק

1947—43

נישט איצט, אַמעריקע — 201
גירוש שלמה — 203
ביסט נישטאָ מער, היים-שטאָט — 212
אַ בלעטל ווידוי — 214
ונתנה תוקף — 217
נאָך טויזנט יאָר — 218
נישט איך — ער, שרייבט דאָס ליד! — 220
מאַידאַנעק, גאָט! — 222

פאַרנאַכט

1949—47

אַ שאָד!!! — 229
ווען די זון פאַרגייט — 232
פרומער פאַרנאַכט — 234
בעטערי פּאַרק — 235
ערב אָוונט — 237
ווי אַלעמאָל — 238
וואָס וויל איך — 240
דאָרט — 242
אויף סקווערן — 246
אויף פּיטקין — 247
פיר מיך — 249
אויב כ'וועל דיך בענטשן — 250
אַ קאַפּריז פון אַ ליד — 251
אויף דער וואָר — 253